STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04586

VOS VILEN DI TSIENISTEN?

Ezekiel Wortsmann

Permanent preservation of this book was made possible
by Ben & Sarah Torchinsky
in memory of
"Yosl" Mlotek, a good friend and excellent teacher from long ago

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואס ווילען

דיא

ציוניסטען?

אַ געשיכטליך-קריטישע בעהאַנדלונג
פֿונם ציוניזמוס.—אַ קריטישער איבער-
בליק איבער דיא פֿיער ציוניסטישע
קאָנגרעסען.—וואָס גיבט דער ציוניז-
מוס דעם פֿאָלק און וואָס פֿאָרדערט
ער פֿון יעדען איינצעלנען יודען.—

פֿון

יחזקאל ווארטסמאנן.

פֿערלאַג פֿון ר. מאזין,

בוכהענדלער, פֿערלעגער, אימפּאָרטער אונד עקספּאָרטער פֿון
אַללערליי ספרים און ביכער אין פֿערשידענע שפּראַכען.

אין לאָנדאָן.

Published by R. MAZIN,

Hebrew, English and Foreign Bookseller,

PUBLISHER, IMPORTER AND EXPORTER.

100, OLD MONTAGUE STREET,

London, N.E. **ENGLAND.**

לאָנדאָן,

„אידישער עקספּרעסס" דרוקעריי, 89, קאָמערשעל סטריט, איסט.

1901.

דיא גרעסטע אידישע אקאדעמיע אין לאנדאן

בייא ר מאזין, בוכהענדלער און פֿערל'עגער,

אויף דיעזער אַקאַדעמיע געבען הסכמה צו יעדער צייט
ניט נור איינינע שרייבערס נאר אללע אידען פֿון נאהנט און ווייט,

דיעזע גרעסטע לאָנדאָנער ספרים געשעפֿט וועזט ריכטיג
וויא דער איד ווייסט אז בילדונג איז פֿאר איהם וויכטיג,

בייא **ר. מאזין**, איז דער איינציגער פלאטץ וואו מען בעקומט אלעס

פֿון א ב ביז גאַנץ ש"ס, פֿון א מזוזה ביז דעם בעסטען טלית,
פֿון אַ שיר המעלות און אנדערע ספֿרים מיט כל המעלות
ציצית, תפילין, מזוזות, מגילות, ביז דיא שעהנסטע ספר תורה
פֿון אללערהאנד שנה טובה קארדס ביז די טייערסטע סחורה,

פֿון דיא שעהנסטע קונסט בילדער דער וועלט גרויסע לייט
ביז אידישע נאָטען (מיוזיק) וואָס איז בערימט פֿון נאַהענט און ווייט,

טויזענדער ליעדער און אָפערעס צו שפיל'ען פֿיר פיאנאָ און פֿידעל
פֿון גאָלדפֿאַדען, צענזור, ראזענפֿעלד, פרוג און רוסאטאס בעסטען אידעאל,

שולמית, בר כובבא, אחשורוש, בלימעלע, גהנים און גן עדן
עקדת יצחק, מליץ יושר, קאלדוני, פֿעריאמעדט פֿערקלאַגט,
און נאָך פיעל פֿערשידענע ליעדער וואָס עראינערען ישראלס ליידען,

כל נדרי, סקאַרבאווע נגונים, ברכת כהנים ונתנה תוקף בראש השנה,
דודס פֿידעלע אונד אלע ציוניסטישע ליעדער אויך פֿון בת ציון דיא אלמנה,

הונדערטע לעהרער ביכער מעטהאָהדען בריפֿען שטעלער
אונד פֿערשידענע ווערטער ביכער
צוא לערנען זיך העברעאיש, ענגליש, דייטש, פֿראַנצויזיש, שפאַניש
און זאָ ווייטער, אַללע פֿון דיא נייע בילדונג ערפֿינדער.
ווילט איהר וויסען וויא דיא אידישע ליטעראַטור איז רייך אהן איין עק
זאָ קומט און בעטראַכט **ר. מאזינס** גרויהמטע ביבליאטהעק,
איהר וועט מוזען בלעטערען געווים מעהר וויא איין טאָג
צוא לעזען די טיטלען פֿון מאַזינס קאַטאַלאָג.

מיר האָבען אייך דאָ געוואָלט נור אַ בעגריף געבען
אַז אַלעס בעקומט איהר ביי ר. מאַזין וואָס נעטהיג פֿיר אייער גייסטיגען לעבען.

אַלעס צום לעזען, לערנען און וויסען ריכטיג אויף א האַר
געפֿינט איהר נור ביי ר. מאַזין אין סטאָר.

R. MAZIN,

100, OLD MONTAGUE STREET,

LONDON, N.E. ENGLAND.

אינהאלט פערצייכניס.

קאפיטעל		זייטע
	פאררעדע ...	2
1	דער אנטיסעמיטיזמוס ...	11
2	חבת ציון ..	31
3	דיא אלגעמיינע לאגע ...	52
4	הערצל און זיין יודענשטאאט ...	57
5	דיא ציוניסטישע קאנגרעסען ...	63
6	די שטרעמונגען אין ציוניזמוס ...	91
7	דיא פארטהייען אין ציוניזמוס ...	104
8	אונזערע געגנער ...	109
9	דיא אויספירבארקייט פונ'ם ציוניזמוס	120
10	וואס דארפען מיר טהון ...	126
11	שלוס ווארט... ...	140
	ביילאגע, דער פיערטער קאנגרעס ...	144

יעצט ערשיענען!

— אין ריין שוארגאן דיא וועלט בעריהמטע אפערא —

„קעניג הורדוס אדער מרים דיא פארזואגעלטע"

פערפאסט אין העברעאיש און איבערזעצט

פון ראבינער **דר. י. ל. לאנדוי**, אויס וויען.

דיעזער בוך איז דער איינציגער וועלכען טויזענדער מבינים ערקענען אלס אינהאלטרייך מיט א הויכען אידעאל און זעהר אינטערעסאנט.

פונקט פאסענד פיר יעצטיגער צייט.

פרייז 9 פענס, אין אמעריקא 20 סענט,

אין רוסלאנד 40 קאפיקעס.

פיר בוכהענדלער און ציוניסטישע חברות א גרויסע הנחה.

געפאבלישט ביי ר. מאזין, בוכהענדלער,

100, אלד מאנטאגיו סט., לאנדאן, איסט, ענגלאנד

געווידמעט מיינעם פריינד

שלום אלטמאנן.

בעסטער פריינד! אין א קליין פערוואָרפען אָרט, אין א פינסטער שטעדטעל פון יודישען גהעטא אַרבייטעט איהר שטילל, אָהן רעש פיר דאס יודישע פאָלק, פיר זיין אידעאַל—דעם ציוניזמוס. דיא שענדליכסטע שימפפערייען—דאס איז דער דאַנק וועלכען איהר בעקומט פאר אייער יאהרען-לאַנגער מיהע-פאללער פאלקס-אַרביים. אויף דיא אַללע שימפפערייען און שענדליכע אינטריגעס פון דיא יודישע "בעלי-טובות" (?) ענטפערט איהר מיט א טיעפען, ביטטערען זיפץ און איהר הערט נים אויף וויימער לטובת הכלל, לטובת דעם יודישען פאָלק צו אַרבייטען.

איהר האָט געשוואָרען צו דיענען דעם יודישען פאָלק, איהר האָט געשוואָרען ליעבער צו שטאַרבען—און איהר האַלט פעסט געטריי אן אייער שוואור וועלכען איהר האָט נור טיעף אין הערצען בעגאַנגען.

דיעזעס ווערקעל זאָלל דיענען דעם אייגענעם פאָלק, דעם אייגענעם אידעאַל וועלכען איהר דיענט.

ערלויבט מיר אייך דיעזע אַרביים צו ווידמען, דיעזע אַרביים וועלכע זאָלל העלפען אויסקורירען אונזער פאָלק פון זיינע "בעלי-טובות", פון דיא יודישע אַנטיסעמיטען.—

דער פערפאסער.

פֿאררעדע.

עס איז יעדען בעקאַנט אַז היסטאָריאַ (געשיכטע) איז זעהר אַ ניצליכע וויססענשאַפֿט. אַז מיר וויסען און קעננען דיא פֿעהלער וועלכע אונזערע עלטערן האָבען געמאַכט זענען מיר אומשטאַנד זיי אויסצובעססערן אָדער וועניגסטענס ניט נאך אַ מאָל באגעהען דיא אייגענע פֿעהלער.

ניצליך און אינטערעסאַנט צו וויססען איז אָבער ניט נור דאס וואָס איז געשעהען אַ מאָל, צוריק מיט פֿיעל יאהרען,, נור אויך דאס וואָס איז ניט-לאַנג געשעהען און אויך דאס וואס עס געשעהט אַ צ ו נ ד, פֿאר אונזערע אויגען.

אמת, צו בעאורטהיילען היסטאָריש דאס גענענווערטהיגע (איצטיגע) לעבען איז כמעט אונמעגליך דאמאלס וועז מיר איבערלעבען ערשט דיא פֿאַקטען. תמיד מוסס ערשט אַוועקגעהען אַ געוויסע צייט ביז מיר זאָללען קעננען דאס געשעהענע היסטאָריש בעטראַכטען און בעלייכטען. נאך שוויריגער ווירד עס ווען מיר וויללען בעטראַכטען אַ געוויסע פעריאָדע, אַ געוויסע בעוועגונג אין וועלכער מיר אַליין בעטהייליגען זיך. דאמאלס ווערט זעהר שווער אָביעקטיוו צו זיין ד. ה. אַזוי דיא זאַך איבערגעבען וויא זיא זעהט ווירקליך אויס—נור מיר זענין ניט-ווילענדיג סוביעקטיוו ד. ה. מיר געבען דיא זאַך אַזוי איבער וויא זיא ז אָ ל ל זיין ד. ה. וויא אַזוי מיר וויללען זיא זאָלל זיין.

וועגן מיר אַלזאָ, שטעהענדיג אַלליין אין דער ציוניסטישער בעוועגונג, וויללען דא פרופֿען אפשאַצען, דען סך-הכל מאַכען פֿון דער בעוועגונג, וועגן מיר וויללען אַ קריטישען איבערבליק איבער דען ציוניזמוס, איבער דיא שטרעמונגען אין ציוניזמוס, איבער דיא קאנגרעסען און זייער בעדייטונג א.ז.וו. א.ז.וו., וונען מיר וויללען דא דאס אַללעס איבערגעבען וויא עס איז אין דער ווירקליכקייט וועט עס אונז געוויס זעהר שווער אנקוממען ערשטענס שוין דערפֿאר וויל, וויא געזאָגט, נעהמען מיר אַלליין אַ טהייל אין דער ציוניסטישער בעוועגונג און מיר האָבען געוויס אַ אינטערעסע אַז דיא ”בעוועגונג“ זאָלל זיך ב ע וו ע ג ע ן אין געוויסע ריכטונגען, צווייטענס דערפֿאר וויל דער ציוניזמוס איז נאך דערווייל ניט קיין אבגעשלאסענע

זאַך, דיא פאַקטען געשעהען ערשט אצונד, פיעלעס איז נאך ניט אויפגעקלערט גענוג א. ז. וו. נור מיר וויללען דאך זיך נעהמען צו דיעזער אַרבייט וויל מיר דענקען אַז עס איז שוין דיא העכסטע צייט זיך פ ר י פ ע ן אפשעצען דיא וויכטיגקייט פון דיעזער בעוועגונג פאר'ן פאלק.

און וויסענדיג אַז נור דער שפּעטערדיגער היסטאָריקער וועלכער וועט אומשטאַנד זיין פריי זיין פון אַללע פאראורטהיילע און דערפאר אמת-היסטאָריש אונזער בעוועגונג בעלייכטען—וויללען מיר דאָך דאָ איבערגעבען דיא וויכטיגסטע מאָמענטען פון דיעזער פאלקס-בעוועגונג וויל מיר מיססען, וויא וויט עס איז מעגליך, אַללעס פערשטעהען, אַללעס ז ע ה ע ן וואָס מיר טוהען, וואָס מיר מאַכען מיט.

זעהר פיעל שרייבט מען אַצונד איבער דעם ציוניזמוס, איבער יעדען קאָנגרעסס. ווענן מיר לעזען דיא אַללע אַרטיקלען און בראַשירען, ווענן מיר בעקענען זיך נאהענט מיט דער "ציוניסטישער ליטעראַטור" זעהען מיר אָבער נור דיא חסרונות פון די קאנגרעסען, פון דיא ציוניסטישע פיהרער אנווייזען, מיר בעמערקען וויא מען זוכט דיא ש ל ע כ ט ע זייט פון דער בעוועגונג, מען בעמאלט אַללעס אַזוי שוואַרץ וויא נור מעגליך, מען שטעלט למשל פאר דעם ציוניזמוס אַלס אַ רעאַקציאָנערע-בעוועגונג, אַלס אַ בעוועגונג וועלכע ברייגגט שאַדען איבער שאַדען דעם יודישען "פאָלק" דאַמיט וואָס מען רעדט איין דעם פאָלק פוסטע חלומות, פאַנטאַזיעס א. ד. ג. דאס אַללעס און נאך פיעל אַנדערעס שרייבען נאַטירליך אַנטי-ציוניסטען וועלכע האָבען זיך געמאַכט פיר אַ "לעבענס-אויפגאַבע" דיא ציוניסטישע בעוועגונג יונגערהייט צו פערשטיקען—אָ ד ע ר מיר לעזען נור בלויז שבחים, קלינגענדיגע שעהנע נור פוסטע פראזען. אַללעס איז שעהן און שיינט וויא דיא זונן אין הימעל; אַללעס שפרינגט, טאַנצט, קלאַפּט און שרייעט בראַוואָ! מען קענן זיך גאר ניט גענוג אנדערציילען פון דעם "יודישען פאַרלאַמענט" מיט דיא בלוי-ווייסע פאהנען מיט דיא רעדעס מיט דיא "קאנפערענצען" א. ז. וו. פון הערצל'ס שיינע באָרד און שלאַנקע געשטאַלט, פון נארדוי'ס ש י י נ ע רעד א.ז.וו. פון דעם אחדות און ברודערשאַפט וואָס הערשט אין באַזעל און אויך פונם שיינעם רהיין, פון דער שטאדט באַזעל מיט איהרע גוטהערציגע איינוואהנער, דיא ליעבע שווייצער וועלכע נעהמען אונז אויף אַזוי גאַסט-פריינדליך. . . דאס ווידער שרייבען

שוין ציוניסטען אָדער ריכטיגער געזאָגט ״הערצעליסטען“, אָדער נאָך מעהר ריכטיג: אַזעלכע קליינע מענשליך װעלכע קענגען בשום אופֿן אָהן אַ אירדישען גאָטט ניט לעבען.

אַז מען זאָלל שטאַרק זוכען װעט מען אפשר געפֿינען אַ פּאאר ציוניסטישע-אַרטיקעל װעלכע מען קען לעזען אָהן עקעל. . . . נור געהט זוכט אַז איהר האָט צייט. און מיר, פשוט׳ע לעזער, קענען פֿון דיא אַלערליי שרייבערייען ניט קלאר װערען. װענן מיר װענדען זיך צו דיא שרייבער װעלכע זענען ניט ״פֿיר“ און ניט ״געגען“ זאָ קעננען מיר ביי זיי אויך זעהר װעניג פֿינדען װייל זיי זענען, על פּי רוב, כלל ניט נאהענט בעקאַנט מיט דיעזער בעװעגונג: זיי קעננען דעם ציוניזמוס עבען פֿון דיא אויבען-אויסגערעכענטע אַרטיקלען און בראשירען אָדער פֿון ״געשפּרעכע“ מיט בעקאַנטע ציוניסטען.

זייענדיג נאהענט בעקאַנט מיט דיעזער בעװעגונג, קעננענדיג פּערזענליך אַ טהייל פֿון דיא ציוניסטישע ״פֿיהרער“ און זייענדיג אַלליין אויף דעם ערשטען און אויף דעם דריטען ציוניסטען-קאָנגרעס פֿיהלען מיר דאס בעדירפֿניס פּריפֿען געבען אַ ריכטיגעס בילד פֿון דער בעװעגונג, אבשאַצען דעם װערטה פֿון דער היינטיגער בעװעגונג פֿאר׳ן פֿאלק, אַ איבערבליק געבען איבער דיא קאנגרעססע און זיי קריטיש בעלייכטען.

עס איז אונמעגליך פֿונם פּאָליטישען-ציוניזמוס צו רעדען און ניט בעריהרען דיא חבת-ציון בעװעגונג. מיר װיללען אַלזאָ אויך דאָ אַ היסטאָרישען איבערבליק געבען איבער דעם חבת-ציון און איבערהויפּט איבער דעם ״ציוניזמוס“ אין משך פֿונם גלות. מיר װיללען זיך אויך בעקענגען מיט דער אורזאַכע פֿונם ציוניזמוס— מיט׳ן אַנטיסעמיטיזמוס (פֿיעלע בעהויפּטען אַז דער ציוניזמוס איז נור דערפֿאר ענטשטאַנדען װייל מען האָט דיא יודען אומעדום פֿיינד, װייל מען רודפֿ׳ט זיי.) און נאך דעם אַללעמען מאַכען אַ סך-הכל און זעהען צי איז אמת װאָס אַ טהייל בעצייכענען דעם ציוניזמוס אַלס אַ ״פֿאלקס-בעװעגונג“, צי האָט דא װירקליך דאס פֿאָלק אַ װאָרט הערייגצורידען.

מיר װייסען אַז דאס איז זער אַ שװערע אַרבייט. נור מיר האָבען אויף זיך גענומען דיא אויפֿגאַבע װייל—װיא געזאָגט—עס איז שוין צייט מיר זאָללען װיססען ״װאו מיר זענען אין דער װעלט“. גענוג

געטאַפּט אין דער פֿינסטער! עס מוסס ליכטיג ווערען אַז מען זאָל דעם אמת הערויסזעהען וויא ער איז. מורא האָבען פֿאר'ן אמת הייסט מורא האָבען פֿאר דער שיין, פֿאר דער ליכטיגקייט. מורא האָבען פֿאר דער שיין—דאס איז דיא מידה פֿון פֿינסטערע נפשות. דאס פֿאָלק דארף זיך אָבער אבטרעסען פֿון אַזעלכע נפשות, איבערהויפט אַז זיי ערשיינען אין געשטאַלט פֿון "פֿאלקס-פֿערזאָרגער".—

מיר קעננען פֿאר זיכער זאָגען אַז פֿיעלע ציוניסטען (יענע ציוניסטען פֿון וועלכע איך האָב אויבען גערעדט) וועללען דעם מחבר פֿון דיעזער שריפֿט שטעמפּלען פֿאר אַ אַנטי-ציוניסטען. דאס טוהען זיי מיט יעדען ציוניסטען וועלכער פרובט זיך קריטיש בעטראכטען דעם ציוניזמוס. זיי פֿארדערען פֿון יעדען: בלינדען גלויבען. נור מעגען זיי מיך בעטראכטען ניט נור אַלס אַנטי-ציוניסט נור אויך אַלס אַנטיסעמיט (דאס טרעפֿט ביי זיי אויך) איך וועל דאך מיך ניט אבשרעקען לאזען פֿון צו קוקען דעם אמת אין דיא אויגען. עס איז מעגליך אַז איך וועל פֿאַלש אורטהיילען. נור איך וועל דאס מעגליכסטע טהון אום דאס ריכטיגע אורטהייל הערויסצוזוכען. מיר האָפֿפֿען אַז עס וועט אונז געלינגען. יא, מיר האָפֿפֿען. פֿערזיכערען קעננען מיר ניט. מיר זענען שוין דא מודה אַז זייענדיג אויף דעם ערשטען קאָנגרעס אַלס חובב-ציון האָבען מיר איהם—דעם קאָנגרעס—אויסגעלאַכט. ערשט שפּעטער, נאכ'ן קאָנגרעס, האָט אונז דער שטאַרקער שטראָם פֿון דער בעוועגונג מיטגעשלעפּט מיט זיך—נור ווערענדיג אַ "פּאָליטישער ציוניסט" האָבען מיר זיך כלל וכלל ניט געלאָזט נעהמען דאס רעכט אַללעס קריטיש נאכפּרופֿען, נאכמעססען, נאכוועגען. דער עיקר: מיר האָבען תמיד נאכגעפּרופֿט צי איז דער פּאָליטישער ציוניזמוס אַ "פֿאלקס-בעוועגונג" דענן נור דיעזער אומשטאַנד האָט געקעננט אונז און נאך פֿיעל אַנדערע צווינגען פּאָליטישע ציוניסטען צו ווערען. מיר וויללען דערמיט כלל ניט זאָגען אַז דער חבת-ציון איז געוועזען אַ "פֿאלקס-בעוועגונג: קיינע שפּור! נור חובבי-ציון זענען כמעט אַללע געוואָרען ניט אויס איבערלעגונג נור אויס דעם געפֿיהל. ווענן דיא חובבי-ציון זאָללען געוועזען אין רייפֿערען-אַלטער נאכדענקען, נאכפּריפֿען צי זאָללען זיי ווערען חובבי-ציון צי ניין— ווער ווייסט וויפֿיעל עס וואָללטען געוועזען חובבי-ציון. דעם ציוניזמוס

אָבער האָט יעדער געקעננט און געמוססט צוערשט בעטראכטען איידער ער האָט זיך ענטשלאָססען צו ווערען אַ ציוניסט ד. ה. איידער ער האָט זיך ענטשלאָססען זיך אַוועקגעבען דיעזער בעוועגונג.

אונז פערזענליך האָט דער ציוניזם געוואונען דורך דער איבערציינונג דאס עס איז ניט אַ פּאַרטהיי-בעוועגונג נור אַ פאָלקס-בעוועגונג. מען וועט זיך אפשר וואונדערן וואָס מיר רעדען דא אַזוי פיעל פון אונזער פּערזאָן. מיר האָבען דאס געפונען פיר נעטהיג דאַמיט עס זאָלל קלאר זיין אוים וואָס פאר אַ שטאַנדפונקט מיר בעהאַנדלען דעם ציוניזמוס אין דיעזער שריפט.

נאך אַ פּאאר ווערטער: איך הער שוין אַצונד פּיעלע זאָגען: ״יא, איהר זענט אַ ציוניסט אויף אַ תנאי! אויב עס איז אַ פאָלקסבעוועגונג א.ז.וו.״ איך וויל אַלס תשובה דא דערמאנען אַז דער ערשטער פּאָליטישער ציוניסט—איך מיין דר. הערצל—האָט אויף דעם דריטטען קאנגרעס ערקלערט אַז אויב אַזוי און אַזוי—איז ער אוים פיהרער! און דאס הייסט נאך פיעל מעהר אַז ״אימעצער״ איז אוים ציוניסט.

און נאך עפּעס: איך האָב שוין פיעל מאָל זיך בענוצט מיט׳ן וואָרט פאָלק. מיט דיעזען וואָרט האָבען זיך שוין זעהר פיעלע בענוצט און כמעט יעדער פערשטעהט עפּעס אַנדערש אונטער דיעזען וואָרט. עס פּאַסירט: צוויי רעדען ״אין נאָמען פונם פאָלק״ און איינער זאָגט פּונקט דאס איבערגעקעהרטע פונם אַנדערען. עס וועט אַלזאָ ניט איבעריג זיין צו ערקלערען וואָס איך פערשטעה אונטער דיעזען פיעל מיסברויכטען וואָרט.

איך פערשטעה ניט אונטער דעם וואָרט פאָלק וויא אַ טהייל פון דיא יודישע סאָציאַליסטען נור דיא יודישע פאַבריק-אַרבייטער, דיעזען קליינעם טהייל פונם גאַנצען פאָלק. איך פערשטעה אויך ניט אונטערן וואָרט פאָלק דיא פּאאר גרויסע פאַבריקאַנטען און מיליאָנערען וועלכע וואָללטען ״ווער ווייסט פיעל״ אַוועקגעגעבען פאר איבערמאַכען דיא סעמיטישע נאָז אָדער איבערהויפּט פאר בעקוממען אַ ״עכט״ אַרישעם אויסזעהען כדי זיי—דיא גוי׳שע מיללישנערען און פאַבריקאַנטען—זאָללען זיך ניט שעמען מיט זיי. אויך מיין איך ניט דיא יודישע דאקטוירים, אַדוואָקאַטען, אַפּאָטהעקער א.ד.ג. און ״גלאַט-אַזוי״ געבילדעטע וועלכע האַלטען אין איין קלערען פון

"נפתלי"—"יאקים" צו מאכען אדער פון "צמח"—טימאפיי א.ד.ג. דיעזע לעטצטע קלייניקע נפשות רעפרעזענטירען (שטעללען פאר) געווים ניט דאס יודישע פאלק.

אונטערן ווארט פאלק פערשטעה איך דעם גרויסען יודישען המון, דאס זענען אללע פערשיעדענע ארבייטער, בעלי-מלאכות, וואססער-פיהרער, שינדעל-מאכער א.ד.ג. קרעמערס, סוחר'מ'ליך, מעקלערס, שדכנים, בטלנים א.ד.ג. א.ד.ג. מלמדים, לעהרערס א.ד.ג. דיא גאנ-צע מאססע לופט-יודען דאס זענען דיעזע וועלכע לעבען און לעבען ניט, דאנן אויך דיא רייכע און געבילדעטע ועלכע דאס רייכטהום און דיא בילדונג האט זיי ניט דעם פערשטאנד צוגענוממען, וועלכע בעטראכטען זיך אלס ברידער פון דער אויסגערעכענטער מאססע. דיעזע אללע פיהלען דעם טעם פונם אויביגען גלות, דיעזע אללע זע-נען דיא איצטיגע עלעמענטע פונם יודישען פאלק. דיעזע אללע זע-נען—דאס פאלק.

לטזט דיא אידישט געשיכטט

— פון אברהם אבינום צייט ביז יעצטיגער צייט —

צוזאמען געשטעלט בייא פראפעסאר ווערניק,

עס איז אנערקענט אלס דיא ערשטע אידישע היסטאריע פון דיא גרעסטע מבינים און קריטיקער.

ווערניקס אידישע געשיכטע 6 טהיילען קאמפליט, געבונדען אין איין באנד פיין געבונדען,

קאסט נאר 4 שילינג

פארטא 6 פענס, צו בעקומען בייא

R. MAZIN,

100 OLD MONTAGUE ST.,

London, E., England.

1.

דער אנטיסעמיטיזמוס.

אין דער נאַטור-וויססענשאַפֿט איז פֿאַראַנען אַ געזעטץ וועלכעס הייסט ״יעדע ווירקונג האָט איהר אורזאַכע״, ד. ה. וואָס עס זאָלל אין דער נאַטור ניט פֿאַרקוממען מוסס עס זיין אַ פֿאָלגע, אַ ווירקונג פֿון געוויסע אורזאַכען (פּריטשינעס). אָ ה ן אַ א ו ר ז אַ כ ע (סיבה) איז ק י י נ ע ו ו י ר ק ו נ ג (פעולה). יעדע אורזאַכע רופֿט הערויס אַ ווירקונג. דיא הערויסגערופֿענע ווירקונג קאַנן ווידער ווערען אַ אור-זאַכע פֿון אַ נייער ווירקונג א. ז. וו. למשל ווען מיר וואַרפֿען אַרויף אין דער לופֿט אַ קערפּער צ״ב אַ שטיין זאָ וועט ער תמיד העראַב פֿאַללען אויף דער ערד. פֿאַרוואָס פֿאַללט דער שטיין ה ע ר אָ ב און פֿליהט ניט ה ע ר ו י ף? דיא נאַטור-וויססענשאַפֿט ערקלערט אַז דיא ערד בעזיצט אַ אַנציהונגס-קראַפֿט, זיא צ י ע ה ט אַללע קערפּער צו זיך. ד ע ר פֿ אַ ר—דורך דיעזער אַנציעהונג פֿון דער ערד—מ ו ס ס דער שטיין הערונטערפֿאַללען. דאס פֿאַללען פֿונם שטיין איז אַ ו ו י ר-ק ו נ ג, דיא אַנציעהונגס-קראַפֿט פֿון דער ערד איז די א ו ר ז אַ כ ע וועלכע רופֿט הערויס יענע ווירקונג.

ווענן מיר וויללען נ י ט אַז דער שטיין זאָלל הערונטערפֿאַללען אויף דער ערד זאָ האָבען מיר צוויי וועגען דאס צו בעווירקען. מיר דאַר-פֿען אָדער דיא א ו ר ז אַ כ ע פֿערניכטען, צערשטערען ד. ה. דאָ דאַרפֿען מיר דיא אַנציעהונג פֿון דער ערד פֿערניכטען אָדער מיר מוססען אויסזוכען אַ ג ע ג ע ן ווירקונג וועלכע זאָלל פֿערהינדערען דיא ערד אַז זיא זאָלל ניט קענען דעם שטיין ביז זיך אַנציעהען. דעם ערשטען וועג קעננען מיר ניט אַנווענדען ווייל עס ליגט ניט אין מענשענס כח דיא אַנציעהונג פֿון דער ערד צו פֿערניכטען; מיר מיססען זיך אַלזאָ דאָ בענוטצען מיט'ן צווייטען וועג. מיר קעננען למשל דיא האַנד אונטערשטעללען אַז דער שטיין זאָלל אויף דער האַנד פֿאַללען. דיא ערד הערט אפילו ניט אויף דעם שטיין צו זיך צו-ציהען נור דאָך פֿאַלט דער שטיין ניט אַראַב אויף דער ערד ווייל אונזער האַנד ווירקט דא אַלס געגענ-מיטטעל. דיעזעס געגענ-מיטעל

איז ווידער אַ נייע אורזאַכע וועלכע רופֿט אַרויס ווידער אַ נייע ווירקונג. מיר קענען ברענגען אַזעלכע טויזענדע ביישפּילע, נור ניט דאַ איז דער אָרט דערפֿון. מיר האָבען געזעהען וויא אַ אורזאַכע רופֿט הערויס אַ ווירקונג, וויא מיר קעננען געגען ווירקען ווענן עס ליגט ניט אין אונזער כח געוויסע אורזאַכען צו בעזייטיגען. זעהר אָפֿט ליגט עס יאָ אין אונזער כח אורזאַכען צו צערשטערען. דורך דעם ערשיינען אויך ניט דיא ווירקונגען. דער עיקר איז: דיא ריכ־טיגע הערויסצופֿינדען. און דאס איז ניט אַזוי לייכט.

דאס נאַטור־געזעץ פֿון וועלכען מיר האָבען גערעדט גילט אויך פֿיר דאס געזעללשאַפֿטליכע לעבען. אויך אין געזעלל־שאַפֿטליכען לעבען קאנן קיינע "ווירקונג" פֿארקוממען וועלכע זאָלל ניט האָבען איהר אורזאַכע, אָדער איהרע אורזאַכען. אין אַללטעגלי־כען לעבען זענען מיר געוואָהנט דיא "אורזאַכען" צו בעצייכנען מיט "אומשטענדען" (אָבסטאַיאַטעלסטווי). מיר זאָגען אַז דער און דער מענש האָט געקאָנט אַזוי ווירקען ווייל ער האָט געלעבט אונטער געוויסע אומשטענדען א.ד.ג. פֿון יעדער ווירקונג קעננען מיר הערויסגעפֿינען דיא אורזאַכען נור מיססען מיר זעהר פֿארזיכטיג זיין ביים זוכען. זעהר אָפֿט זענען מיר אונז טועה, מיר מיינען אַז מיר פֿערשטעהען פֿארוואָס דאס און דאס איז גראדע אַזוי געשעהען און ניט אַנדערס און עס פאַסירט אָפֿט אַז עס איז אין גאַנצען פֿאַלש. מיר זעהען נעמליך אַז דיא זעלבע אורזאַכען ווידערהאָלען זיך און זיי רופֿען ניט הערויס דיא זעלבע ווירקונגען. ווענן עס פאַסירט יאָ זעלכעס זאָ דארפֿען מיר ניט זאָגען זאָ יענע ווירקונג האָט קיינע אורזאַכע. דאס וועט זיין אַ אַבסורד, אַ משוגעת. אַזוי וויא אַ טוידט־טער מענש איז ניט לעבעדיג אַזוי קענן ניט אַ ווירקונג עק־סעסטירען אָהן אַ אורזאַכע. נור דיא ווירקונגען און אורזאַכען אין געזעללשאפֿטליכען לעבען זענען אַזוי קאמפּלאצירט, אַזוי געטשע־פעט און געבונדען איינס מיט׳ן אַנדערן אַז עס איז כלל ניט לייכט דאָ זיך אַ קלארע רעכנונג צו מאַכען.

נור דאס דארף אונז ניט אבשרעקען. מיר מוסען תמיד זוכען און זוכען דיא אורזאַכען פֿון דיא ווירקונגען. דענן זעהר אָפֿט האָבען מיר פֿאר אונז בייזע, שלעכטע, שעדליכע ווירקונגען און אַז מיר קעננען דיא אורזאַכען פֿון זאָלכע ווירקונגען זאָ קעננען מיר

אָדער זיי גענצליך בעזייטיגען אָדער אויסגעפֿינען אַ גענגען־מיטטעל וועלכעס צערשטערט דיא שלעכטע ווירקונגען.

פֿיעל געלעהרטע מענשען האָבען זיך בעשעפֿטיגט מיט זוכען די אורזאַכע פֿונם אַנטי־סעמיטיזמוס. ניט נור יודען האָבען געזוכט דיא אורזאַכע פֿאר וואָס מען האָט זיי אַזוי פֿיינד כדי זיי זאָלען קענען דיעזע אורזאַכע בעזייטיגען ווענן מעגליך אָדער וועניגסטענס זוכען אַ געגען־מיטטעל, נור אויך ניט־יודען האָבען זיך אָפֿט בעשעפֿטיגט מיט דיעזער "וועלטס־פֿראגע" אַ טהייל אוים דעמזעלבען גרונד וויא דיא יודען ווייל דער אַנטיסעמיטיזמוס האָט זיך שעדליך ערוויעזען ניט נור פֿאר דיא יודען אַליין, נור פֿערפעסטעט ער, פֿערדערלבט ער דעם אָרגאַניזמוס פֿון דיא פֿעלקער צווישען וועלכע דיא יודען וואָהנען, אַ אַנדערער טהייל אוים "וויססענשאַפֿטליכע" גרינדען. אין אמת׳ן: עס איז דאָך אינטערעסאַנט צו וויססען פֿארוואָס מען רודפֿ׳ט שוין אַ פֿאָלק אַזוי פֿיעל יאהרען? פֿון וואַנען שטאַממט דיעזע פֿיינדשאַפֿט? א.ז.וו.

דער אַנטיסעמיטיזמוס, דאס פֿיינדשאַפֿט פֿון ניט־יודען דיא יודען, איז נאָך עלטער פֿונם יודישען גלות. נאָך אין מצרים האָט שוין עקסעסטירט אַ "יודענפֿראַגע" אַ דאַנק דיעזער פֿיינדשאַפֿט. נאָך אין מצרים האָט מען דיא יודען פֿיינד בעקומען נור דערפֿאר ווייל זיי זענען יודען ד. ה. ווייל אונזערע עלטערן האָבען ניט אַזוי אויסגעזעהען וויא די איבריגע. דאַמאַלס איז געוועזען דער שרעקליכסטער חטא וואָס זיי האָבען געגלויבט אין איין גאָטט ווייל דיא מצריים האָבען געגלויבט אין פֿיעל געטטער. דיא יודען אין מצרים אַלס פֿרעמדע זענען שוין במילא שוואַך געוועזען—און אַ דאַנק דיעזער שוואכקייט האָבען דיא דאַמאַלסדיגע "אַנטיסעמיטען" כח געהאַט דאס גאַנצע פֿאָלק צו פֿערקנעכטען, צו פֿערשקלאַווען. שפּעטער אין דער "היים" שוין און דערנאָך אין גלות האָט תמיד דאס יודישע פֿאָלק איינגענומען אַ בעזאָנדערע שטעלונג צווישען דיא וועלט־פֿעלקער. דאס יודישע פֿאָלק איז פֿון אויביג־אָן ניט גלייך דיא איבעריגע פֿעלקער, אָדער עס שטעהט העכער אָדער ניעדריגער. נור זייענדיג ביי זיך אין דער היים האָט עס זיך געקענט נאָרמאַל ענטוויקלען, נאָך זיין שטייגער נאָך; נאָכדעם אָבער

אַז עס האָט פֿערלאָרען זיין פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט, זיין פֿאַטערלאַנד און עס האָט געמוזט ערגרייפֿען דעם וואַנדערשטאַב ד. ה. אַז עס האָט אנגעהויבען צו לעבען אין דער פֿ ר ע מ ד האָט עס געמוזט ערלויבען זיך בעהאַנדלען וויא מען בעהאַנדעלט אַ פֿ ר ע מ ד ע ן. איז דער בעל-הבית אַ גוטער, אַ וויכהערציגער וואַרפֿט ער דעם פֿרעמדען, אונגעבעטענעם גאַסט, אַ ביין אָדער אויך אַ שטיקעל דאַר ברויט; איז אָבער דער בעל-הבית וועניגער גאַסט-פֿריינדליך זאָ גיבט ער דאס יעדע רגע צו פֿיהלען. נור צי איז דער בעל-הבית גוט צי שלעכט אַ פֿ ר ע מ ד ע ר בלייבט דער יוד אומע-דום. און ווען אַ פֿרעמדער קומט אין אַ פֿרעמד לאַנד ניט נור אויף אַ קורצע צייט נור טאַקי אויף אונבעגרענעצטע צייט אָ, דאס גע-פֿעלט שוין קיינעם ניט! און מען הויבט אן דעם יוד צו פֿעריאָגען, פֿערפֿאָלגען יעדער נאך זיינער אַרט. ח ס ר ו נ ו ת אין פֿרעמדען גע-פֿינט מען תמיד און איבעראַל: דא הייסט עס אַז דיא יודישע רע-ליגיאן איז דיא ערגסטע, דיא שענדליכסטע דענן זיא הייסט גאר איהרע אַנהענגער כריסטליך בלוט טרינקען און נאך אַזעלכע גרויזאַ-מע זאַכען, דא איז דער יוד צו געבילדעט, צו פֿעהיג און דורך דעם ווערט ער אַ געפֿעהרליכער קאָנקורענט דעם ניט-יודען ביי ו ו ע ל-כ ע ן ער וואָהנט. דא ווידער איז דער יוד גראב, אונגעבילדעט, ווילד, דאס שרעקליכסטע בעשעפֿענים אויף דער וועלט: ער נאַרט יעדען אב, שווינדעלט, זויגט אויס דאס בלוט פֿון דיא "גוים" א.ד.ג. אָדער גאר: ער פֿערגיפֿטעט דיא ברונען, ער פֿערפעסטעט דאס לאַנד, ער איז דיא אורזאַכע פֿון דער חלי-רע א. ז. וו. דא פֿאהרט דער יוד אין קאַרעטען, איז בעהאַנגען מיט גאָלד און ברילליאַנטען וועלכעס ער האָט "געווים" אויסגענאַררט, דא איז דער יוד שמוט-ציג, ניט שיין געקליידעט, זעהט ניט-עסטעטיש אויס, געהט איינגע-בויגען, אַ אויסגעצויגען פנים מיט געקרייזעלטע פאות, מיט אַ לאַנ-גער קאַפאָטע א.ז.וו. דא איז ער ווידער אייראפעאיש געקליידעט, א י ב ע ר פֿ י ל ל ט דיא גימנאַזיעס און דיא אוניווערסיטעטען א. ז. וו. א.ז.וו. און צו דעם אַללעם: דיא י ו ד י ש ע נ אָ ז ! דאס איז ניט געזאָגט צום לאַכען. טויזענדער, איבער-טויזענדער ניט-יודען (און דערפֿאר אויך פֿיעל יודען) קעננען ניט גלייכגילטיג אנקוקען דיא יודישע נאָז. דיא פֿיינדשאַפֿט צום יודען ליגט אַזוי ט י ע ף בעגראַ-בען, שטעקט אין דער נשמה, אַז אַללעס וואָס ש י י נ ט נור יודיש

ערוועקט אינם ניט-יודען עקעל, אַ אינערליכען האַסס. אין דער יודישער נאָז, אין דיא אָדערען וויא איבערהויפּט אין בלוט פֿונם יודען זעהט מען עפּעס ניט געוועהנליכעס, עפּעס מינדערווערטיגעס. וויא איינער פֿון אַדעל, אַ גראַף, אַ באַראָן, אָדער אַ פֿירסט איז איבערצייגט אַז זיין בלוט—אַדעל בלוט—איז ריינער פֿון דעם בלוט פֿון פשוט'ן בשר ודם, אָדער גאר פֿון דעם בלוט וואָס רינט אין דיא אדערען פֿון זיין קנעכט—אַזוי, אָדער נאך מעהר, רעכענט דער אַריער אַז זיין בלוט איז פֿיעל ריינער, "אַדעלער" פֿון דעם בלוט פֿון אַ יודען! דער אונטערשיעד איז נור דער: דער "אַדעל" האַלט אין פֿערשווינדען, אין אַ טהייל לענדער איז ער שוין גענצליך פֿערשוואונדען וועהרענד דער אַריער וועט אַזוי לאַנג זיך רעכענען העכער, עדלער ביז דער סעמיט וועט ליגען צו זיינע פֿיס. דערוויל גלויבט ניט נור דיא אונוויסענדע מאַססע אַז דער יוד איז פֿון נאַטור אויס אַ ניעדעריגע ברואה, נאר אויך דער געבילדעטער, דער אינטעלליגענטער קלאַסס. דאס זעהען מיר דייטליך דאַמאַלס ווען אַ יוד זאָגט זיך אב פֿון זיין רעליגיאָן, פֿון זיין נאַציאָן—ווענן ער טויפֿט זיך. אויך דאַמאַלס קאנן מען איהם דארטען ניט אנקוקען, סיי דיא געבילדעטע, סיי דער המון. "אַ יוד בלייבט אַ יוד" הייסט עס דאַמאַלס. און אין אמת'ן: דאס יודישע בלוט איז דאָך נאך דער שמד אַלץ יודיש. . . . וויא אַזוי אַ געטויפֿטער יוד פֿיהלט זיך דארט—ווייסט ער אַליין. און אַז עס איז איהם ניט בעקוועם—ווייסט יעדער.

קורץ: תמיד און אומעדום האָט מען אונז פֿיינד, אינערליך פֿיינד, מען קענן אונז גלייכגילטיג ניט אנקוקען, מען רודפֿ'ט אונז אָהן אַ שיעור, מען ברענט אונז, מען פלאגט, מען יאגט, מען פֿערפֿאלגט און שלאגט אונז, מען זוכט אויך אונז אויס-מענשען צו מאַכען דערמיט וואָס מען לאָזט אונז ניט בילדען זיך, מען דערשטיקט יעדען חשק אין אונז, יעדעס בעדירפֿניס נאך ליכטיגקייט, מען וויל אונזער קערפּער מיט'ן גייסט אומברענגען, מען שענדעט אונזערע פֿרויען און טעכטער, מען רויבט אונזער פֿערמעגען, מען טוהט אונז אן "יודענ-מיצען" מיט געלבע פֿלעקען, מען מאַכט פֿון אונז "מה-יפית" יודען (אוי! דאס מה-יפית יודענטום האָט אונז מעהר געשאַדט וויא אַלע געברענטע לייד אינאיינעם.) א.ז.וו. א.ז.וו.

דאס אַללעס בעוויזען הייסט איינפֿאַך דיא גאַנצע יודישע גע־שיכטע איבערדערציילען, דיא יודישע געשיכטע דורך וועלכער עס לויפֿט אַ שטראָם פֿון אנהייב ביז אַצונד (ביז וויא לאַנג נאָך?) אַ בלוט־שטראָם אין וועלכען עס באָדען זיך הונדערט־טויזענדער יו־דען. דאָ איז אָבער ניט דער אָרט איבערצודערציילען די יודישע היס־טאריא. מיר מוזען פֿאראויסזעטצען אַז דעם לעזער דארף בעקאַנט זיין וויא פֿיעל מאל מען האָט אונז גע'הרג'ט, געקוילעט, געבראָטען לעבעדיגערהייט א.ז.וו. פֿארקנעכט אונז דיא נשמות א.ז.וו. א.ז.וו. דאס אַלעס זענען ניט בלויז "שטאַרקע ווערטער" אום אויף דיא געפֿיהלען צו ווירקען. דאס אַללעס איז דער ביטערער טרויעריגער אמת. איז אַ וואונדער וואָס נאָך דעם אַללעמען האָבען מיר אַ משונה ווילד אויסזעהען באקוממען?

אַלזאָ, מיר ווייסען אַז תמיד און איבעראַלל האָט מען אונז בע־האַנדעלט וויא אַ ניעדעריגע ברואה, וויא אַ שקלאַווען וועלכער איז פֿערוואָרפֿען אין אַ פֿרעמד לאַנד. עס פֿרעגט זיך אַצונד פֿאר וואס דאָס אַללעס? וואָס איז דיא אורזאַכע, אָדער דיא אור־זאַכען פֿון דיעזער עבינער ווירקונג? זענען מיר אפשר שול־דיג? — — —

אַז אַ פראסטער "גוי", אַ פראסטער אונוויססענדער מענש גלויבט אַז אַ יוד איז קיין מענש, אַז ער האָט אַ יודען פֿיינד קאַנן מען דאס ערקלערען דורך דער פֿינסטערקייט וועלכע הערשט אין איהם און אַרום איהם; אַז אַ קליין "שייגיצעל" אין דארף שטעקט הערויס דיא צונג דערזעהענדיג אַ יודען און וואַרפֿט נאָך שטיינער מיט בלאָטע קאַנן מען דאס ווידער ערקלערען דורך דער־זעלבען פֿינסטערקייט אין וועלכער דאס "שייגיצעל" ווירד ערצויגען, דאדורך וואָס מיט דער מוטערס מילך זויגט ער אויך איין דיא פֿיינד־שאַפֿט צו אונז. דאס קינד הערט תמיד דערציילען "בבא־מעשיות", פֿון דיא שדים און "זשידי", אַז מען וויל איבערשרעקען אַ קינד זאָגט מען איהם "אַז עס וועט קוממען איהם אויפֿפֿרעסען אַ וואָלף מיט אַ זשיד" (וויא אַ יודישע מוטער שרעקט איהרע קינדער "אַז עס וועט קוממען אַ גוי") אָט אַזוי שוין פֿון קינדהייט געוועהנט זיך דאס "שייגיצעל" אַז אַ זשיד איז אַ געפֿעהרליכע בעשעפֿענים. אַזוי וויא דיא קליינע קינדער אַזוי לאָזט זיך אויך איינרעדען דיא גרויסע מאַסע

"גוי'ם", אַז דיא זשידי זענען בלוט-זויגער א.ד.ג. אַז ווענן ניט דיא זשידי זאָ וואָלט זיי בעסער געגאַנגגען. און אַז עס ווערט דעם גוי—דעם גרויסען גוי—צייטענווייז שלעכט, אַ שלעכטער אוראזשיי א.ד.ג. אַז עס קומט איהם אויס נאך צו הונגערען—אָ דאַמאַלס מוסס ער אויסלאָזען זיין כעס, זיין נאַטירליכען כעס, צו אימעצען. . . אַ מאָל צו אַ אַנדערען. . . און זעהר אָפֿט צום שוואַכען יודליק. דאס איז אַלזאָ נאַטירליך, פֿערשטענדליך, ערקלערבאַר; דער בויער, דער פשוטער אַרבייטער מוסס פֿיינד האָבען אַ יודען ווען דיא "פֿאלקס פֿריינד" האלטען זיי אין איין איינרעדען, אַז דער "פֿערשאָלטענער פֿון גאָטט", אַז דער זשיד איז אין אַללעמען שולדיג, אַז אַללע זשידי און זשידאווקעס זענען שרעקליך רייך, אַ סימן קוקט וויא זיי פוצען זיך אויס, און פֿאהרען שפּאַצירען וויא "גראַפֿען", אָדער ווענן אַ טהייל גלחים האלטען אין איין פרעדיגען אַז דיא יודען האָבען "איהם" געקרייציגט, אַז דיא יודישע אמונה איז פֿאַלש א.ד.ג. אָט אַזוי ווערט דער "גוי" אַ עקאָנאָמישער און רעליגיעזער יודענפֿיינד. ער ווערט אַ יודענפֿיינד אָהן דערביי פֿיעל צו דענקען (אויב ער דענקט איבערהויפט) יא, ער ווערט געבאָרען אַ יודענפֿיינד.

נור מיט וואָס קענן מען אָבער ערקלערען דיא יודען-פֿיינדשאַפֿט פֿון דיא דאָקטוירים, יוריסטען, אינזשינערען א.ד.ג. דיא אַללע מיט "אוניווערסיטעטס-בילדונג" מיט העכערער-בילדונג און איבערהויפט פֿון כמעט דער גאַנצען אינטעלליגענץ, מענשען וועלכע געבען זיך תמיד אב רעכענונג פֿון זייערע געפֿיהלען. קאנן מען אויך דא מיט דער "פֿינסטערקייט" דיא יודען-פֿיינדשאַפֿט ערקלערען? וואו וועט אַלזאָ בלייבען דיא בילדונג, דיא ציוויליזאַציאָן און ליכטיגקייט? אמת, אויך דא הערשט אַ מין פֿינסטערקייט, אַ נשמה-פֿינסטערקייט נור מיר מוזען דאָך מודה זיין אַז אונטער דיא יודען-פֿיינד זענען אויך פֿאראַן פֿיעל אמת געבילדעטע לייטישע מענשען, מענשען וועלכע שעמען זיך פֿאר זייער אַנטי-סעמיטיזמוס און זיי זענען דאָך ניט בכח דיעזעס געפֿיהל איבערצווינדען, פֿון זיך גענצליך אויסראַטטען. מיר דאַרפֿען ניט וויט געהען: זאָלל נור יעדער נאָהענט בעטראַכטען זיינע ניט-יודישע חברים מיט וועלכע ער פֿאַרקעהרט ברידערליך וועט ער כמעט

תמיד בעמערקען וויא איהם, דעם ניט-יודען, קאָסטעט עס אב כח אום תמיד פריינדשאַפטליך צו רעדען וועגען יודען. און רעכענט זיך דען ניט אַ כריסט פאַר שטאַרקהויכ-געבילדעט, פאַר אַ גרויסע פערזענליכקייט נור דערפאַר וויל ער קען אָהן עקעל פון אונז רעדען?! רעכענט זיך ניט פאַר אַ גרויסע מעלה ווענן אַ געבילדעטער אָרדענטליכער כריסט איז דערצו קיין אַנטיסעמיט?!

פיעלע געלעהרטע, ווירקליך געלעהרטע מעננער, לעהרער פון דער מענשהייט פיהלען אַז זיי האַססען דאס גאַנצע יודישע פאָלק. פאַר זיי, וויא פאַר ״געלעהרטע״ גרויסע מענשען, פאַסט עס געוויס ניט וואָס זיי האָבען גלאַטט אַזוי אונז פיינד. וואָס-זשע טוהט מען?—דיא געלעהרטע מיססען דיעזע פיינדשאַפט וויססענשאַפטליך ערקלערען. און עס ענטשטעהט אַ מין ראַססען-טהעאָריע, אַ מין לעהרע (תורה) וועלכע בעווייזט אַז דיא יודישע ראַססע איז פיעל ניעדריגער אַלס דיא גוי-שע, אָדער דיא סעמיטישע פון דער אַרישער. דאס לעצטע קלינגט טאַקי וויססענשאפטליך. . . דיא איגערע פיינדשאפט אַלזאָ פון דיא געלעהרטע מענער איז געוועזען דיא אורזאַכע פון דער ראַססען-טהעאָריע ניט דיא ראַססענ-טהעאָריע פון דער אינערער-פיינדשאַפט. וואָללט קיינע יודענ-פיינדשאַפט עקסעסטירט זאָ וואָללט קיינעם ניט אייגעפאַלען צו זוכען, צו בעוויזען וועלכע ראַססע איז נידריגער, אָדער העכער. נור—וויא געזאָגט—דאס פיינדשאַפט האָט דיעזע ווירקונג הערויסגערופען. און דיא אינטעליגענטען האָבען זיך געמוסט אנכאַפען, אנקלאַמערן אן דיעזער טהעאָריע, אן דיעזען ״וויססענשאַפטליכען״ אַנטי-סעמיטיזמוס וויל—דאס איז אַ נאַטור זעטץ—יעדער מענש זוכט, וועניגסטענס פאַר זיך אַליין, זיין געוויססען (סאָוועסט) ריין צו וואַשען. דיעזעס נאַטור-געזעטץ, דאס שטרעבען פון יעדען זיך זיינע זינד צו פערענטפערען, איז אויך געוועזען תמיד דיא אורזאַכע פון אַללע שרעקליכע בלבולים וואָס מען האָט אויסגעטראַכט אויף יודען.

וויא ווייט דער אינטעליגענטער קלאַסס האָט אינערליך פיינד יודען קאנן מען זעהען אַז עס זענען פאראן סאָציאַליסטישע-אַנטיסעמיטען. אונטער דיעזע מענשען וואָללט מען דאָך מיט ליכט

בעדארפֿט זוכען אַ אַנטיסעמיטען און ניט געפֿינען; דער סאָציאַליזמוס מוסס דאָך אויסשליעסען דעם אַנטיסעמיטיזמוס; נור דאס אינערע פֿיינדשאַפֿט איז אַזוי שטאַרק אַז דער סאָציאַליזמוס וועלכער פרעדיגט נור גלייכהייט, גערעכטיגקייט א.ד.ג. האָט ניט בכח געהאַט צו ווירקען אויף זיינע אַנהענגער. אצונד איז שוין מעהר קיין סוד אַז סאָציאַליזמוס לחוד און סאָציאַליסטען לחוד. דאס ערשטע איז נור אַ טהעאָריע, אָדער אַ וויססענשאַפֿט, וואָס איהר ווילט, דיא לעצטע אָבער זענען מענשען, לעבענדע מענשען מיט אַ נשמה, און אָט דיעזע נשמה אינם סאָציאַליזמוס איז יודענפֿיינדליך. דאס געפֿיהל אויסצורייסען וועלען קיינע "שלחן-ערוך'ס" אומשטאַנד זיין. און וויא טרויעריג עס זאָלל ניט זיין, מוסען מיר קומען צום שלוסס אַז אַללע קלאַססען מענשען פֿיהלען אַ פֿיינדשאַפֿט צו אונז. נאַטירליך מוסס דיעזע פֿיינדשאַפֿט אננעהמען יעדעס מאָל אַנדערע פֿאָרמען, דער תוך אָבער בלייבט דערזעלבע. דאָ טרייבט מען אונז הערוים פֿונם גאַנצען לאַנד, דא שעכט מען אונז אוים אין דיא צעהנער-טויזענדער וויא אין חמעלניצקים צייטען, דאָ פֿארברענט מען אונז אין דיא בתי-מדרשים, דא בעשאַפֿט מען פֿאר אונז אַ אינקוויזיציאן, וואו מען "משפט" אונז, וואו מען פֿארברענט אונז לעבעדיגער הייט נאכדעם אַז מען האָט אונז אנגעטוהן יסורים קשים, דא פֿערגלוסט זיך אם זומער שנעע צו האָבען זאָ צערדייסט מען אונזער בעטגעוואַנד, דא ווילל מען מיר זאָללען ניט געהען איינגעבויגען גלייכט מען אויס אונזערע פלייצעס מיט שטעקענס א.ד.ג. דא מאכען מיר פֿרייליך דעם עולם מיט אונזער מה-יפית זינגען א.ז.וו.— — —

וואָס איז דיא אורזאַכע פֿון דעם אַלעמען? אָדער—וויעדער אַ מאָל—זענען טאַקי אפשר מיר אַלליין שולדיג? ליגט אין אונז עפּעס אַזעלכעס וואָס רופֿט הערוים דיעזע אינערליכע פֿיינדשאַפֿט?

ווענן מיר בעטראַכטען, מיט אָפֿענע אויגען, אונז אַצונד און מיר זעהען וואָס עס איז פֿון אונז געוואָרען, מוסען מיר מיט אַ ביטערען הערצען מודה זיין אַז מיר האָבען בעקוממען אזאַ מין צורה וועלכע שטויסט אב פֿון זיך — — —

וואָס זענען מיר? ביי אונז קאָנן דיא רעדע ניט זיין פֿון איינטיי-
לען וויא אַללע פֿעלקער אין געוויסע גרויסע קלאַססען, וויא אַקער-
בויער, פֿאַבריק אַרבייטער א.ד.ג. אונזערע "קאָלאָניסטען" צוזאַמען
מיט דיא אַ ר ב י י ט ע ר מאַכען אוים אַ זעהר קליינעם פּראצענט.
דאַנן האָבען מיר אויך אַ ביסעל גרוים-קאַפּיטאַליסטען, מעהר מיט-
לערע דאַנן קומט אַ מחנה "דיפּלאמירטע" א.ז.וו. נור דיעזע אַללע
צוזאַמען מאַכען ניט אוים קיין פֿיערטעל פֿונם גאַנצען פֿאָלק. פֿון
וואָס בעשטעהט דער איבריגער גרויסער רוב? דאס זענען אָרימע
קרעמערליך, וועלכע וואַרטען און קענען זיך ניט דערוואַרטען אויף
אַ קונה וואָס גיבט זיי "צו לייזען" אַ גראשין פֿון וועלכען אַ גאַנצע
פֿאַמיליע דאַרף ל ע ב ע ן, דאס זענען אונזערע מעקלערס, קליינע
סוחרים'ליך וועלכע מ ו ס ע ן שאַכער-מאַכערן אום נאך פֿיעל קאָפּ-
דרעהעניש און אנלויפֿעניש און ערניעדרונגען אַ גראשען-צוויי צו
פֿערדיענען, דאס זענען אונזערע בטלנים, שדכנים, שנאָררער. "איי-
ניקליך" אָדער גלאַטט-אַזוי ח ש ו ב דיגע בעטלער, שמשים, מלמדים
און... און... מישטייענס געזאָגט, ל ע ה ר ע ר ס... דאס זענען אַללער-
ליי גוטע-יודליך מיט גבאים און גבאים'ליך מיט פּרושים און דיא
גרעסטע מ ח נ ה דאס זענען דיא לופֿט-יודען וועלכע עקספּלואטירען
דיא לופֿט. . . דאס זענען אויך דיא אייראפּעאישע ה ו י ז י ר ע ר
און אַמעריקאַנישע פּעדלער א.ז.וו. נאַטירליך דיעזע מחנות ב ע-
ש י י נ ט דער "רב" וועלכער פֿערזאָרגט זיי מיט גייסטיגע שפּייז און
דער "ראַבינער" וועלכער איז זייער מליץ טוב און א י ב ע ר אַללע
דאס "שיינקייט" אַליין דאס איז דער שטאדט-גביר וועלכער דער-
מאָנט מיט זיין בייכעל דיא בעלי-טאַקסות; אויסער דעם גביר, בע-
שיינען אונז אויך דיא "גרויסע" לומדים, געוועזענע גבירים היינטיגע
קהל-פֿרעסער דאס זענען דיא פּ נ י-ה ע י ר, דיא "אייביגע" בעלי-
טובות אונזערע, דיא בעקאַנטע פֿאלקס-פֿערזאָרגער. דאס אַללעס
זענען אונזערע דאַרעביינער, הויט און ביין, אָהן שום לעבען, אָהן
שום רצון צום לעבען, אַללעס פֿערפֿוילט אָדער האַלב-פֿערפֿוילט. און
"אונזער" אינטעליגענץ? האָבען מיר דענן אַ אינטעליגענץ וויא אַלע
פֿעלקער? געווים האָבען מיר נור זיי קעהרען זיך מיט אונז כלל ניט
אָן. דיא מ ש כ י ל י ם, דאס זענען האַלבע-אינטעליגענטען וועלכע
זיינען ביי א ו נ ז געבליעבען האלטען אין איין שלאָפֿען, חראפּען און
רעדען אוים דעם ש ל אָ ף זיך ניט אבגעבענדיג אַ רעכענונג פֿונם

לעבען בכלל, פֿון זייער לעבען בפרט נאך וואָס זיי זענען דא, אויף וואָס זיי וואַרטען א.ז.וו. און דיא גאַנצע־אינטעליגענטען זענען גענצליך אַוועקגעגאַנגען צו ז י י, אַרבייטען מיט זיי און פֿאר זיי. אין אַלע בעסטע זשורנאַלען און צייטונגען וועט איהר זיי געפֿינען אַרבייטען. דאס זענען "וועלטס־פֿערזאָרגער", אָהן זיי וואָלט דיא וועלט קיין קיום געהאַט, זיי זענען צו־געבילדעט אום צו קענען אַרבייטען פֿיר אַ אָרים קליין פֿאלק, זיי מוסען אומאַרמען (כאטש מען לאזט זיי ניט) דיא גאַנצע וועלט, זיי מוסען דיא גאַנצע מענשהייט ביים לעבען ערהאלטען; וואָס שפּילט ביי אַזעלכע ג ר ו י ס ע מענשען (מיט קליינע נשמות) אַ ראללע עטליכע מילליאן יודען ווענן זיי האָבען פֿאר זיך טויזענד מאל מעהר?!

און מיינט איהר אפשר אַז "דיעזע עטליכע מילליאן" האָבען ניט ז י י ע ר ע פֿערזאָרגער? אָ, האָט איהר אַ גרויסען טעות! איך רעד שוין דא ניט פֿון דיא גרויסע בעלי־טובות נור וואו זענען דענן אונזערע סאָלדאַטען? איך מיין דיא מחנה שרייבערליך וועלכע שיסען ממש מיט מאמרים, מען זידעלט זיך, מען בריקעט זיך, מען וואָלט גערען איינשלינגען איינער דעם אַנדערן א.ד.ג. דאס אַללעס נאַטירליך "לטובת־הכלל". אַך, וואָס מען טוהט ביי אונז ניט אַלעס לטובת הכלל! "לטובת־הכלל" האָבען מיר אַללע מינים חברות וויא חברת־ת"ת, בקור חולים, חברה־קדישה (איינע מוס קוממען נאך דער אַנדערער: פֿון דער ת"ת ווערען מיר חולים דאַנן שטארבען מיר) א.ז.וו. א.ז.וו. מיר מאַכען "סעודות" לטובת הכלל, אָדער גאר בעללער א.ד.ג. מיר עססען, טרינקען טאַנצען, שפּרינגען א.ז.וו. אַלץ לטובת הכלל! אָט אַזוי זעהט אויס דיא "גאַנצע" א ו מ ה! און מיר אַללע איינציגווייז? כמעט אַללע געהען מיר איינגעבויגען, וואַרפֿען זיך פֿון איין עק וועלט אין דער אַנדערער, שמוטציג געקליידעט, דאס פּנים פֿערשמירט, דיא אויגען איינגעגראָבען טיעף, דער שטערן עטליכע מאָל געקנייטשט, דיא באַקען בלאַס און איינגעפֿאַללען — —

ערוועקט ניט אַזאַ ברואה אַ עקעל? און האָבען מיר אונז אַליין ניט שרעקליך פֿיינד? קען דער פּוילישער יוד ליידען דעם ליטווישען, דער ליטווישער דעם בעססאַראַבישען? האָבען אַללע דריי ניט פֿיינד דעם גאַליציאַנער? און אומגעקעהרט! בעטראכטעט ניט דער מערב־אייראפּעאישער יוד דעם רוססישען־גאַליצישען־רומענישען יוד אַלס

אַ ניעדריגע ברואה? איך רעד דא ניט פֿון דיא ״יודישע אַנטיסעמי־טען״ וועלכע גיבען געלד אויף אונז צו פֿערפֿאָלגען אָדער וועלכע רודפֿ׳ן אַליין אונז. פֿון דיעזע אויסוווּרפֿע פֿון דער נאַטור איז ניט כדאי צו רעדען. איך מיין אָבער דאָ טאַקי אונז אַללע! ווער קענן מיר זאָגען אַז איך האָב ניט רעכט? גיבען מיר ניט אב דעם גרעס־טען דרך-ארץ יעדען גוי׳שען ״פריץ״ (און אַ פריץ איז פֿאר אונז יעדער וואָס געהט שיין געקליידעט) און שפייען מיר ניט דעם יודען אין פנים? קעננען מיר רוהיג צו-זעהען ווענן איינער פֿון אונז וואַקסט, ווערט גרויס? גלויבען מיר אַללע ניט אַז אַ יוד איז ב ט ב ע אַ שווינדלער, אַ שאַכער-מאַכער? קויפֿען מיר ניט אין פֿרעמדע קראָמען? זאָגען מיר ניט אַז ״מיט אַ יודען איז נאר גוט קוגעל צו עסען״? — — — —

נור געניג אויפֿגעדעקט דיא וואונדען. זיי שמערצען שטארק. נור—פֿרעג איך אייך—קאנן אַזאַ פֿאָלק אַ צ ו נ ד אימיצען געפֿעלען? וואָללט ביי א ו נ ז, אין אונזער לאַנד, געלעבט אַזאַ פֿאָלק וואָלט עס אונז געפֿעלען? וואָלט אַזאַ פֿאָלק אין אונז ניט ערוועקט אַ עקעל?—

נור, ווען מען האָבען מיר צו פֿערדאַנקען אונזער איצטיגעס אויס זעהען? עס איז דאָך קלאר: נ ו ר דער יודען-פֿיינדשאַפֿט וועלכע האָט פֿון אונז געמאַכט דאס וואָס מיר זענען. מען האָט אונז פֿערשלאָסען אין דער פֿינסטערער לופֿט-געשטיטקער ״געטטאָ״, מען האָט אונז ניט געלאָזט זיך בעשעפֿטיגען מיט דיא עהרליכע אַרביי־טען וויא ערד-אַרבייט א.ד.ג. מען האָט אונז אנגעוויעזען נור דעם מסחר וועלכער מוס שרעקליך ווירקען איבערהויפט ווענן ביי איין מסחר מוסען זיך אנכאפען טויזענדער נפשות וועהרענד ער קענן נור געניגען פֿיר עטליכע. מען האָט אונז מיט געוואַלט געמאַכט פֿיר מיטטעל-מענשען ד. ה. פֿאר פֿאַקטוירים, מעקלערס, און אַצונד אַז מען קען זיך באגעהען אָהן ״מיטטעל-מענשען״ ווייזט מען אונז דיא טיהר! מען האָט אן אונז בעגאַנגען דאס שרעקליכסטע פֿערברעכען; דיא שרעקליכסטע אונגערעכטיגקייט האָט מען אין אונז אויסגע־איבט. אויב עס איז מעגליך אַז פֿעלקער זאָללען האָבען ״געוויססענס ביססע״ זאָ וועללען אַללע פֿעלקער ניט געשאָנט בלייבען.

ווענן מען זאָלל אונז אפילו ניט געוועזען אזוי שטאַרק רודפ'ן אין יעדען לאַנד אויך דאמאלס האָבען מיר געמוסט באקוממען אַ משונה'דיג אויסזעהען. א י י ן מענש אַז ער איז ע ב י ג נע-ונד בע-קומט אַ משונה'דיגעס אויסזעהען, ווער שמועסט שוין פון אַ גאַנץ פאָלק וועלכעס האָט געמוזט אַללע מאָל ווענן עס האָט אנגעהויבען צו באקוממען אויסזעהען, אַ געוויסען כאַראַקטער, פלוצלונג האָט עס געמוסט ווייטער און וואַנדערן פערשפרייטענדיג דעם וועג מיט טוידטע, צערשלאָגענע, געבלוטיגטע. — — —

דאס נע-ונד לעבען האָט אויף אונז אַזוי געווירקט אַז ווענן מען זאָלל שוין אונז אַצונד צ ו-ר ו ה לאָזען וועלען מיר שווערליך קוממען צו אונז. פיעל מוסען מיר אַרבייטען ביז מיר זאָלען צוריק אַ מענשליך אויסזעהען בעקומען און דערביי דאס י ו ד י ש ע ניט פערלירען.

נור נאך וויט, וויט איז דיא "גאָלדענע" צייט ווענן מען וועט אונז צו-רוה לאָזען, ווענן מען וועט אונז לאָזען זיך נאָרמאַל ענט-וויקעלן—ווער ווייסט צי אַזאַ צייט איז איבערהויפט מעגליך?

ד ע ר ו ו י י ל, יעדענפאַלס, בעהאַנדעלט מען אונז א ו מ ע ד ו ם אַלס י ו ד ע ן. אומעדום בעטראַכטעט מען אונז פון א ו י ב ע ן אַראב. און ד ע ר פ אַ ר בלייבען מיר טאַקי א ו נ ט ע ן. מיר בלייבען א ו נ-ט ע ן און דאס בעווירקט שוין פון זיך אַז מען זאָלל אונז נאך מעהר אַראבזעטצען. אַ צ ו נ ד אַלזאָ איז קיין פראַגע מעהר פון וואַנען עס נעהמט זיך דער איצטיגער אַנטיסעמיטיזמוס. נור דיא פראַגע בלייבט אָבער וויא קומט עס וואָס מען האָט אונז פון אנהייב-אן אַזוי בע-האַנדעלט? נאכדעם אַז מיר האָבען פערלאָרען אונזער פאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט זענען מיר ביז אויף היינטיגען טאָג דיא ש ו ו אַ-כ ע און שוואַכע זוכט מען תמיד צו א ו נ ט ע ר דריקען, אונז אָבער רודפ'ט מען, מען זוכט אונז א ו י ס צ ו ר אָ ט ע ן פון דער וועלט אַלס וואָלט מען פאַר אונז מ ו ר א געהאַט! עס זעהט אויס פונקט וויא אַ מלך וואָס האָט זיך מיט געוואַלט געמאַכט פאַר אַ מלך קאַנן רוהיג ניט זיין ביז אַללע "פרעטענדענטען" אויף דער קרוין זאָללען אויסגעראָטעט ווערען, ער האָט פאַר זיי מ ו ר א—האָט מען אויך פאַר אונז מ ו ר א? פאַר אונז דיא שוואַכע, ניעדערגעשלאָגענע ווענן

ביט—פֿון וואַנען-זשע שטאַמט די א אינערליכע יודען-פֿיינדשאַפֿט?
כדי דיא שוין עטליכע מאָל געשטעלטע פֿראַגען ענדליך צו
פֿערענטפֿערען וויללען מיר זיך ווענדען צו דר. פינסקער׳ס ״אויטא-
עמאַנציפּאַציאָן״, אַ מאַהנווארט פֿון אַ רוססישען יודען אן זיינע
שטאַממעסגענאָססען (ערשיענען אין 1882 אין דייטשער שפּראַכע).

דיעזעס ביכעל איז פֿאַר אונז וויכטיג ערשטענס דערפֿאַר וועיל
עס גיבט אונז אַ תשובה אויף אונזער פֿראַגע און דאַנן אויך דער-
פֿאַר וועיל דיעזעס ביכעל, וועלכעס איז נאָך צוריק מיט 18 יאהר
פֿערפֿאַסט קאַנן מען בעטראַכטען אַלס אַ טהעאָרעטישע גרונדלאַגע
פֿונם פּאָליטישען ציוניזמוס.

נור איידער מיר ווענדען זיך צו פינסקער׳ס ״אויטא-עמאַנצי-
פּאַציאָן״ (זעלבסט-בעפֿרייאונג, זעלבסט-גלייכשטעלונג, זעלבסט-
הילפֿע) מוסען מיר ערקלערען פֿאַרוואָס מיר בעשעפֿטיגען אונז דאָ
אַזוי אויספֿיהרליך מיט׳ן אַנטיסעמיטיזמוס. פֿיעלע געגנער פֿונם ציונ-
יזמוס בעהויפּטען אַז דער ציוניזמוס איז אַ פּראָדוקט פֿונם אַנטיסעמי-
טיזמוס ד. ה. דער ציוניזמוס איז דיא װ י ר ק ו נ ג, דער אַנטיסעמי-
טיזמוס דיא א ו ר ז אַ כ ע פֿון דיעזערווירקונג. דערפֿון פֿאָלגט: אַז
אויב דער אַנטיסעמיטיזמוס וועט בטל ווערען ד. ה. דיא א ו ר ז אַ כ ע
וועט בעזייטיגט ווערען וועט שוין במילא, פֿון זיך אַלליין, אויך דיא
ווירקונג, דער ציוניזמוס בטל ווערען. און אַזוי וויא זיי שרייען אַז דער
אַנטיסעמיטיזמוס מ ו ס באַלד פֿערשווינדען, אַז ער איז נור אַ צייט-
ווייזע ערשיינונג, אַלזאָ צו וואָס—פֿרעגען זיי—דאַרפֿען מיר אונזערע
כחות אַוועקגעבען דעם ציוניזמוס וועלכער קאַנן ניט לאַנג דויערען?
דאס וועט דאָך הייסען—זאָגען זיי ווטער—אַז מיר שטרענגען אונז
אָן, מיר אַרבייטען פֿיר דעם רוח וועגען!

אין דיעזער שריפֿט ווערלען מיר נאָך געלעגענהייט האָבען צו רע-
דען איבער דיא וויכטיגקייט פֿונם ״ענד-ציעל״ פֿונם ציוניזמוס און
איבער דער וויכטיגקייט פֿון דער ב ע ו ו ע ג ו נ ג אַלליין, צי איז דיא
בעוועגונג ״אַן און פֿיר זיך״ ווערטה מיר זאָללען אפּפֿער ברייגען;
מיר וועלען אויך נאָך שפּעטער רעדען דערפֿון וויא אַ ל ט דער ציונ׳-
יזמוס איז, און צי עס איז נ ו ר אַ פּראָודקט פֿון דער יודען-פֿיינד-
שאַפֿט. אצונד אָבער וויללען מיר, אויף אַ צייט, נ א כ ג ע ב ע ן אַז

דיא געגנער האָבען רעכט מיט זייער בעהויפּטונג: אַז דער ציוניזמוס איז "אַ פּראָדוקט פֿונם אַנטיסעמיטיזמוס", מיר מוסען שטעהען אויף זייער שטאַנדפּונקט און פֿון דיעזען שטאַנדפּונקט אויס זעהען צו האָבען זיי רעכט. און דערפֿאַר האָבען מיר אַזוי פֿיעל זייטען געשיינקט דעם "אַנטיסעמיטיזמוס" אום צו זעהען צי איז עס אמת וואָס מען זאָגט אַז ער וועט באַלד פֿערשווינדען, אַז ער איז אַ "צייטווייזע ערשיינונג".

אצונד צוריק צו אונזער ענין.

נאך ווייט, זעהר ווייט, איז ביז צו דער צייט—זאָגט פינסקער—ווען אַללע פֿעלקער וועללען לעבען צווישען זיך אין שלום און צופֿרידענהייט. עס וועט נאָך אונ-ענדליך פֿיעל יאהרען אַוועקגעהען ביז דיא הומאַניטעט, ביז דיא ווירקליכע גלייכהייט וועט הערשען. דערווייל מוסען דיא פֿעלקער זוכען אַ פּשרה, זוכען אַ מיטטעל וויא אַרום אויסצוקומען און ניט איינשלינגען איינס דאס אַנדערע. . . נור דאס אַללעס איז גערעדט צווישען בעשטעהענדע נאַציאָנען. דיא יודען אָבער וועלען אַצונד פֿון דיא נאַציאָנען ניט אַלס אַ נאַציאָן בעטראַכטעט. דער יוד ווערט בעטראַכטעט אַלס אַ פֿרעמדער ניט אַלס אַ אויסלענדער. מיט אַ "אויסלענדער" מוז מען זיך עדעל, מענשליך בעננעהמען וויל ער האָט דאָך אַ היים וואו-הין יעדער קאַן פֿערוואָרפֿען ווערען. מיט'ן "פֿרעמדען" דאַרף מען אָבער קיינע "קונצען" מאַכען, ד. ה. מען איז ניט געצוואונגען דערצו. עס קומט אַלזאָ אויס אַז דעם יודען בעהאַנדלען דיא פֿעלקער ניט אַלס זייערס אַ גלייכען. דיא גלייכהייט אָבער איז דער יסוד (דיא באַזיס) אויף וועלכען עס איז געגרינדעט דיא אַכטונג פֿון איין נאַציאָן צו דער אַנדערן. דער רוססע למשל איז גלייך דעם דייטשען, דער דייטשע דעם ענגלענדער א.ז.וו. (מיר רעדען דאָ פֿון פּאָליטישער גלייכהייט) ווייל אַללע האָבען אַ פֿאַטערלאַנד, אַ שטאַאט. אונז יודען פֿעהלט אָבער דיעזער שטאַאט, דער יסוד. עס איז געווען אַ מאָ אַ צייט ווען אויך מיר האָבען געהאַט אונזער שטאַאט, נור יחוס-אבות שפּיעלט נור ביי שדכנים אַ ראללע. . .

נור אפשר וועט באַלד דיא ״הומאַניטעט״ הערשען? דיא
גלייכהייט וואָס הערשט צווישען דיא נאַציאָנען—זאָגט וויטער
פינסקער—איז אָבער ניט געגרינדעט אויף הומאַניטעט, אויף גוט-
הערציגקייט און גערעכטיגקייט, נור אויף ג ע ג ע נ-זייטיגער אַכ-
טונג. איינער פֿון איין נאַציאָן גיבט אב דעם אַנדערן כבוד ווייל ער
ווינשט פֿונם אַנדערן פֿון אַ אַנדערער נאַציאָן אויך בכבוד׳יג בעהאַנ-
דעלט ווערען. מיט׳ן יודען אָבער דאַרף מען ניט מאַכען פֿיעל צערע-
מאָניעס. דער יוד האָט קיין היים נור פֿ י ע ל היימאַטען. ״דער יוד
איז א ו מ ע ד ו ם און נ י ר ג ע נ ד ס״. ״דיא נאַציאָנען האָבען תמיד
צו טהון מיט דיא י ו ד ע ן נור ניט מיט דער יודישער נ אַ צ י אָ ן״.

דער יוד האָט, לעבענדיג אין גלות, פֿערלאָרען זיין נאַציאָנאַל-
ווירדע. דער יוד האָט תמיד געלעבט מיט דער האָפֿענונג אַ ז מ ע ן
ו ו ע ט א י ה ם ״עמאַנציפירען״ ד. ה. ״מ ע ן ו ו ע ט א י ה ם״ דיא
ג ל י י כ ע-רעכטע ש י י נ ק ע ן. ער האָט פֿיעל געגלויבט אין פראַג-
רעס פֿון דער מענשהייט, אין דיא הומאַניטאַרנע-שטרעבונגען א.ד.ג.
גלויבענדיג אין דיא אַלע גוטע זאַכען האָט ער דערווייל אויפֿגעאָפּ-
פֿערט זיין נאַציאָנאַליטעט. ״דאס גרעסטע אונגליק איז וואָס דיא יו-
דען פֿיהלען זיך ניט מעהר אַלס קינדער פֿון איין נאַציאָן״. ״זיי פֿיה-
לען מעהר קיין בעדירפֿניס צו לעבען נאַציאָנאַל-זעלבסשטענדיג״.
זיי פֿעהלט ניט מעהר נור דאס וואָס אַלע נאַציאָנען האָבען: אַ אייגען
לאַנד א.ז.וו.

״דיא יודען גלייכען צו אַ קראַנקען וועלכער האָט פֿערלאָרען
דעם חשק צו עססען און טרינקען. דאס איז דער ערגסטער סימפּטאָם
פֿון אַ קראַנקהייט. דער קראַנקער איז דאמאלס געפֿעהרליך״.

מיר האָבען ניט נור פֿערלאָרען דעם חשק צו עססען ד. ה.
מיר פֿיהלען מעהר קיין בעדירפֿניס זעלבסשטענדיג צו ווערען נור עס
שטעהט נאך מיט אונז פֿיעל ערגער. . . ״ווענן מען ערניעדריגט
אונז, ראַבעוועט, פֿערניכטעט, בעשימפּפֿט—וואַגען מיר ניט זיך צו
פֿערטהיידיגען, און וואָס עס איז נאך ערגער, מיר מיינען אַז עס דאַרף
אַזוי זיין. מען צערלשאָגט אונזער פנים—וואַשען מיר עס אב מיט
קאַלטע וואַססער; מען פֿערוואונדעט אונז בלוטיג—פֿערבינדען מיר

דיא וואונדען; מען וואַרפֿט אונז הערויס פֿון דיא הייזער וועלכע מיר האָבען אַלליין אויפֿגעבויט—בעטען מיר רוהיג רחמים, געלינגט אונז ניט ווייך צו מאַכען דיא הערצער פֿון אונזערע אונטערדריקער—געהען מיר זיך אונזער וועג און זוכען אַ אַנדער היים. און ווענן מיר הערען אויף'ן וועג וויא עפּעס אַ ליידיג-געהער מורמעלט: „אָ, אָרימע זשידי, איהר זייט ווירקליך ווערטה מען זאָל זיך אויף אייך דערבאַרמען“—זענען מיר טיעף גערידהרט; זאָגט מען אַז עפּעס איינער אַ יוד איז אַ כבוד פֿיר'ן פֿאָלק—זענען מיר אויף אַזוי פֿיעל נאַריש זיין שטאָלץ דערויף. מיר זענען אַזוי טיעף געפֿאַללען, אַז מיר בעקוממען כמעט גדלות אוים שמחה ווענן מיר הערען אַז אין מערב-אייראָפּא זענען אַ טהייל יודען גלייכגעשטעלט מיט דיא ניט-יודען. נור דעם וואָס מען דאַרף ג ל י י כ ש ט ע ל ע ן, דער שטעהט געוויס אַלליין זעהר שוואַך. ווענן מען איז ניט חוקר ודורש פֿון וואַנען מיר שטאַממען און מען האַלט אונז פֿיר קינדער פֿון לאַנד—ווייסען מיר גאר ניט וואָס צו טוהן פֿאַר דאַנקבאַרקייט. א.ז.וו.“

„און וואָס איז פֿאַר אַ וואונדער, ווענן מען האָט טיעף פֿיינד דאָס פֿאָלק, וועלכעס כדי עס זאָלל לעבען בלייבען, ערלויבט צו טרעטען זיך מיט דיא פֿיס און אין דערזעלבען צייט קיסט ער דיעזע פ י ס!“

עס איז אַלזאָ פֿערשטענדליך אַז ווענן מיר בעטראַכטען אונז ניט אַלס אַ נאַציאָן ווערען מיר פֿון דיא נאַציאָנען צווישען וועלכע מיר וואָהנען אויך ניט בעטראַכטעט אַלס אַ נאַציאָן. דורך דעם זענען מיר ניט נור ניט ג ל י י ך נור שוין נ י ד ר י ג ע ר פֿון דיא נאַציאָנען. און דיא נאַציאָנען מוסען פֿעראַכטען, פֿיינד בעקומען דעם נידריגען.

פֿיעל פֿעלקער, וואָס זענען געוועזען אַ מאָל גרויס און שטאַרק, זענען גענצליך פֿערשוואונדען פֿון דער וועלט, דאָס יודישע פֿאָלק אָבער איז ביז אויף היינטיגען טאָג געבליעבען לעבען און „ער געהט אַרום אויף דער גאַנצער וועלט עפּעס וויא אַ טוידטער וואָס בלאַנדזעט“. דיא פֿעלקער פֿיהלען וויא עפּעס אַ מין מורא פֿאַר דיעזען טוידטען, פֿאַר דיעזען ל ע ב ע ד י ג ע ן מ ת. דיעזע מ ו ר א פֿאַר'ן לעבעדיגען מת איז איבערגעגאַנגען בירושה פֿון דור צו דור. דיעזע מורא—מיינט פינסקער—איז דער ק ע ר ן פֿונם אַנטי-

סעמיטיזמוס. ״דער אַנטיסעמיטיזמוס איז אַ פסיחאָז (אַ זעעלען קראַנקהייט) און אַ פסיחאָז וואָס דויערט לאַנג און געהט איבער בירושה איז אונ-היילבאַר״. דער אַריער אַלזאָ (דער ״גוי״) פיהלט פון געבאָרען אָן אַ אינערליכע פיינדשאַפט צום סעמיטען, צום יודען. אין יעדען איינציגען יודען זעהט מען דאס גאַנצע יודענשאַפט, דערפאַר איז דאס גאַנצע יודענטום ערוב פאַר יע-דענס עולה. נאַטירליך זייגט דיא יודען-פיינדשאַפט זיין חיונה ניט נור פון דיעזער קראַנקהייט אַליין. דאס איז—וויא געזאָגט—נור דער קערן. עס קומען נאך צו פערשידענע אורזאַכען וויא רעליגיאנס-אונטערשיעד, עקאָנאָמישע-פאַקטאָרען (סיבות) א.ז.וו. אויך שפיעלט דא אַ ראללע דיא פעהיגקייט פון דיא יודען. מען דאַרף אויך ניט פערגעסען אַז דער שטאַרקערער פוהלט זיך תמיד בערעכטיגט מיט'ן שוואַכערן אַזוי זיך בענעהמען וויא איהם געפעלט.

דער סך-הכל איז אַז מען האָט אונז שרעקליך פיינד, אַז מען האַסט אונז. דיעזע אינערליכע פיינדשאַפט פיהלען אללע אַרי-שע פעלקער אָהן אַ שום אויסנאַהמע. ״אין דיעזען פונקט זענען אַלע פעלקער אייניג״. דיא פאָרם איז אומעדום אַ אַנדערע, זיא הענגט אב פון דעם קולטור-שטאַנד פון דיא פעלקער. דער תוך איז אומע-דום דער אייגענער.

פינסקער אַלזאָ ערקלערט דיא ״יודען-פיינדשאַפט״ אַלס אַ פסיחאָס, וועלכער איז אין משך פון פיעל דורות איבערגעגאַנגען פון דור צו דור און דורך דעם אונהיילבאַר געוואָרען. ווענן אַלזאָ מיר זענען אפילו מודה אַז דער אַנטיסעמיטיזמוס איז דיא אורזאַכע פונם ציוניזמוס—זאָ קאַנן מען זיכער זאָגען אַז דיעזע אורזאַכע וועט אַ ״עביגקייט״ דויערן ד. ה. אַזוי לאַנג ביז דיא יודען וועלען ניט האָ-בען זייער אייגען לאַנד.

מיר האָבען אויבען געזאָגט אַז דאס ביכעלע פון פינסקער קענן מען בעטראַכטען אַלס אַ טהעאָרעטישע גרונדלאַגע פונם היינטיגען ציוניזמוס. מיר דענקען אַז דא איז דער בעסטע אָרט זיך צו דיעזען פונקט צו ווענדען.

אַז דער יוד איז אין גלות, אַז ער איז אומעדום אַ פרעמדער האָט מען אייגענטליך נאך פאַר פינסקערן געוואוסט, נור קיינער האָט

דיעזען געדאַנקען אַזוי קלאר פֿאָרמולירט וויא פינסקער. נור ער האָט זיך מיט דעם אַלליין ניט בעגניגט. ער האָט דיא לאָגישע קאָנסעקווענצען (דעם פועל-יוצא) געצויגען: מיר זענען אין דער פֿרעמד דאַרפֿען מיר זעהען מיר זאָללען בעקומען אַ היים. פֿאַר אונז, היינטיגע ציוניסטען, איז דאס אַזוי קלאר אַז מיר בעטראַכטען דיעזען געדאַנקען אַלס עפּעס זעלבסטפֿערשטענדליכעס. פינסקער האָט דאָס אָבער געזאָגט צוריק מיט 18 יאהר! דאס איז געוועזען אַ צייט ווענן דיא אַסימילאַציאָן האָט ג ע ב ל י ה ט, אַ צייט, ווענן דיא "עמאַנציפירטע" יודען פֿון דייטשלאַנד, פֿראנקרייך א.ז.וו. האָבען געחלומ'ט אַז זיי זענען דייטשען, פֿראַנצויזען "מאָזאַאישען גלויבענס". ד א מ אַ ל ס קומט פינסקער צו ז י י און ערקלערט אַז דורך דער "עמאַנציפּאַציאָן", דורך דיא געשיינקטע רעכטע וועללען מיר נ י ט געהאָלפֿען ווערען. נור מוסען מיר אונז א ו י ט א-עמאַנציפּירען ד. ה. אַ ל ל י י ן זיך בעפֿרייען, אַ ל ל י י ן זיך גלייכשטעלען און דאס קענען מיר נור דורך גרינדען פֿון אַ יודישע מדינה. עס איז אמת— זאָגט זיי פינסקער—אַז איהר זענט עמאַנציפּירט נור פֿארוואָס האָט מען אייך עמאַנציפּירט? וואָס איז געוועזען דיא אורזאַכע דערפֿון? ניט דאס גערעכטיגקייטס-געפֿיהל האָט דאס בעווירקט נור דער טרוקענער שכל, דיא לאָגיק האָט געפֿאָדערט פֿון דיא פֿעלקער א ו י ך אייך בירגער-רעכטע צו שיינקען. דורך דיעזער לאָגיק איז אָבער דאס פֿיינדשאַפֿטס-געפֿיהל ניט פֿערשוואונדען, און דאס ג ע פֿ י ה ל איז תמיד שטאַרקער פֿונם ש כ ל. דער נ אַ ט י ר ל י כ ע ר האַסס וועט מוסען באַלד צוריק זיך הערויסווייזען. און דיעזער האַס איז אין אַ ל ע קלאַססען איינגעוואָרצעלט

און מיר? מיר גיבען דיעזען נאַטירליכען האַסס שטאָף... דיא יודען-פֿיינדשאַפֿט האָט בעשאַפֿען ספּעציעלע געזעטצע פֿיר אונז. דיעזע געזעטצע האָבען אונז געצוואונגען זיך אנהאַפּען אן מסחור, און מעקלעריי א.ד.ג. דאס זיינען אַזעלכע מינים ערנעהרונגס צווייגען וועלכע ענטוויקלען שלעכטע מדות. אַ בויער, אַ בעל-מלאכה איז ניט געצוואונגען צו זאָגען ליגען, אַ סוחר'ל אָבער מוס אָפֿט שווינדלען און שאַכערן. . . אָט אַזוי האָבען דיא "ספּעציעלע געזעטצע" אויף אונז, אונזער נ ש מ ה געווירקט און מיר ווידער צוריק אויף זיי. מיר זענען געוואָרען אַ "אויסנאַהמע" פֿאָלק. "אַז מען האָט געשריעבען

אַללגעמיינע געזעטצע און עס איז ניט געווען בעמערקט אַז מען מיינט אויך יודען—זענען מיר שוין געוועזען אויסגעשלאָסען". מען האָט אונז אַזוי לאַנג בעהאַנדעלט אַלס "אויסנאַהמע" ביז מיר אַליין האָבען אנגעהויבען צו גלויבען אַז מיר זענען ניט וויא אַללע. אַזוי האָבען מיר ניט נור אונזער נאַציאָנאַל-ווירדע נור אויך דיא מענש-ליכע-ווירדע פֿערלאָרען.

עס ברעכט אויס אין פֿראַנקרייך אַ שרעקליכע רעוואָלוציאָן (אם ענדע פֿונם 18-טען יאהר-הונדערט). מען הערט דאַמאַלס נור דיא ווערטער: "גלייכהייט, פֿרייהייט, ברידערליכקייט!" צו יענער צייט הויבט מען אן אין אַ טהייל לענדער דיא יודען צו עמאַנציפּי-רען. נור ווענן אַנדערע אונטערדריקטע האָבען דיא "גלייכהייט" מיט בלוט ערקעמפּפֿט, האָבען דיא יודען אין יענע לענדער דיא גלייכהייט אַלס אַ מ ת נ ה בעקומען. דער יוד האָט פֿאַר גרויס שמחה ניט געוואוסט וויא אַזוי צו דאַנקען פֿאַר דיעזער מתנה. אַלס דאַנק האָט ער זיך פֿונם גאַנצען יודענטום אבגעטרעסעלט, דער יוד איז געווען שיכור פֿאַר שמחה. ער האָט געגלויבט אַז אַצונד וועט מען מעהר ניט הערען "יוד", "קריסט" א.ד.ג. ווער מיר יודען, וואָס מיר נאַציאָנאַליטעט! מ ע נ ש ע ן, ב ר י ד ע ר זענען מיר אַללע!

— — — — — — —

דיא רעוואָלוציאָנס געמיטהער האָבען זיך דערווייל אבגעקיהלט. דער עולם האָט זיך אומגעקעהרט צום אַללטעגליכען לעבען און. . . און האָט ביסליכווייז אנגעהויבען הרטה האָבען וואָס מען האָט "דיע-זען פֿרעמדען" צו פֿיעל פֿרייהייט געשיינקט. דער יוד מיט זיינע פֿע-היגקייטען איז זיי געוואָרען ניט בעקוועם. . . דאָס אַלטע, אויף אַ צייט איינגעשלאָפֿענע געפֿיהל האָט זיך ווידער ערוואַכט. און דיא "בערופֿס-אַנטיסעמיטען" וואָס האָבען געמוזט אויף אַ צייט שטיל בלייבען האָבען זיך גענומען צו דער "אַרבייט" מיט אַ גרויסען איי-פֿער. זיי האָבען געוואָלט דאָס פֿערזאַמטע צוריק כאפּען. נור אַ מ ת נ ה קאָנן מען ניט אַזוי גרינג צוריג בעקומען. וואָס טוהט מען? הייבט מען אן ביסליכווייז דיא רעכטע איינצושרענקען. און אַזוי בלייבען פֿיעל געשיינקטע רעכטע נור אויף'ן פּ אַ פּ י ע ר.

דיא עמאַנציפּירטע יודען האָבען גאר ניט פערשטאַנען וואָס דאָ געהט פאר. זיי האָבען ניט געקענט בעגרייפען וואָס נאָך קאַנן מען פון זיי פערלאַנגען נאכדעם אַז זיי האָבען זיך פונם גאַנצען יודענטום אבגעזאָגט. זיי האָבען זיך נור בעטראַכט אַלס אַ "רעליגיעזע סעקטע" טאָ וויא קומט עס—האָבען זיי זיך געוואונדערט—וואָס "געבילדעטע", "פּריוויזנינגע" זאָללען צו זיי האָבען טענות? דאס קאַנן דאָך ניט זיין אוים רעליגיעזען אייפער. און זיי האָבען זיך איינגערעדט "אַז דאס וועט געווים באַלד פאַראיבערגעהען". נור... נור דער יודענ-האַסס וואַקסט פון טאָג צו טאָג. און צו דעם אַללעם ברעכען אוים דיא רוססישע פּאגראמען. דיא שטיינער פון דיא גאַסען פליהען גלייך אין דיא פענסטער אויך פון דיא "הויכ-געבילדעטע", אין פענסטער פון אַזעלכע יודען וועלכע האָבען ניט מעהר געוואוסט צי זענען זיי יודען. מען דערצעהלט אַז פיעלע האָבען זיך געוואונדערט פארוואָס מען שלאָגט "אויך זיי". "זענען מיר דען אויך יודען?" האָבען זיי געפרעגט. און דיא שויבען זיי קראַכען און טראַסקען. פון זייער רעש האָט זיך דער עולם וויא אויפגעכאַפּט. אויפגעכאַפּט אין מיטטען חלום. . .

— — — — — — — —

און עס הייבט זיך אן דיא חבת-ציון בעוועגונג.

2.

חבת ציון.

עס איז ניט גאַנץ ריכטיג וואָס אַ טהייל זאָגען אַז דער ציוניזמוס איז דאס זעלבע וויא דיא פריהערע "חבת-ציון-בעוועגונג", און אַז דיא ציוניסטען זענען דיא פריהערע חובבי-ציון נור מיט אַנ-אַנדערן נאָמען. אמת איז, אַז דיעזע צוויי בעוועגונגען האָבען פיעל געמיינשאַפטליכעס אין זיך נור דאָך איז דאס ניט איין בעוועגונג. ניט נור דיא פאָרם נור אויך דער תוך איז פערשיעדען. מאַנדעלשטאַם האָט אויף דעם צווייטען קאָנגרעס אין זיין רעפעראַט ערקלערט אַז "מיר ציוניסטען קעננען ניט בשום אופן בעטראַכטען דיא חובבי ציון אַלס געגנער". דערמיט האָט ער פאָללקאָמען רעכט.

נור, ווער ווייסט דאס ניט, אַז ניט זיין אַ געגנער הייסט נאָך ניט זיין אַ אַנהענגער! נור אונזערע ציוניסטען, איבערהויפּט דיא פֿיהרער (נאַטירליך ניט אַללע) זענען געוואָהנט צו שרייען ”אחדות! אחדות!“, אַז ”אין אונזער לאַגער זענען קיינע שפּאַלטונגען פֿאראַן“ און נאָך אַזעלכע פֿראַזען. וואָס נוצט אונז דאס אַללעס, צו וואָס טויג אונז דער ”געקינסטעלטער“ אחדות ווענן אין אמת'ן זענען פֿאראַנען פֿערשיעדענע מיינונגען! דיא אַללע פּוסטע געשרייען וועללען ניט פֿיהרען דערצו אַז מיר זאָללען אונז פֿערשטענדיגען, נור מאַכען זיי נאָך אַן אַ גרעסערן וויר-וואַר. אחדות האָט אַ ווערטה ווענן ער האָט אַ יסוד אויף וועלכען ער שטיצט זיך—פֿעהלט דיעזער יסוד דאַנן שרייעט פֿון היינט ביז איבער-אַ-יאהר, עס וועט אייך גאר ניט העלפֿען.

און מיינט איהר אפשר אַז דער ”אחדות“ איז אַזאַ נעטהיגע זאַך? כלל וכלל ניט! לאָז זיך יעדער געהען מיט זיין וועג נור זאָלל ער ניט זוכען שטערען אַנדערע, זאָלל ער ניט זוכען יענעם זיינע איבערצייגונגען מיט געוואַלט אויפֿדרינגען. געוויס מוסען מיר אַלע פּלאַנמעסיג אַרבייטען, מיר מוסען אונזערע כוחות פֿעראייניגען, עס איז יעדען בעקאַנט אַז ”איינינקייט איז מאַכט“ נור פֿעראייניגען זיך, אַרבייטען צוזאַמען נאָך אַ געוויסען פּלאַנן, נאָך אַ סדר הייסט ניט אחדות. ”אחדות“ וויא אַזוי מיר פֿערשטעהען איהם אין געוועהנליכען לעבען האָט קיינמאל עקסעטירט און וועט ניט עקסעסטירען. נור צוריק צו אונזער ענין.

חבת-ציון הייסט אייגענטליך ליעב האָבען ציון. אין אמת'ן אָבער איז דאס וואָס מען רופֿט ”חבת-ציון“ ניט ”אהבת-ציון“. חבת ציון הייסט ניט ליעב האָבען דאס הייליגע לאַנד, ד. ה. דיא בעוועגונג האָט ניט אַזאַ חאַראַקטער געטראָגען.

ליעב האָט אייגענטליך דאס יודישע פֿאָלק פֿון ”אייביג“-אַן ציון ד. ה. פֿון דעם טאָג-אָן זייט עס האָט פֿערלאָרען ציון. אַזוי וויא דיא יודען זענען פֿארטריעבען געוואָרען פֿון ארץ-ישראל האָבען זיי שוין אנגעהויבען צו פֿיהלען דעם טעם פֿונם גלות און האָבען שוין אנגעהויבען פֿיהלען אַז עס פֿעהלט זיי אַ פֿאַטערלאַנד... און וואָס ער

גער עס איז געגאַנגען דעם יודישען פֿאָלק אין גלות אַלץ מעהר האָט
איהם באַנג געטוהן וואָס עס האָט פֿערלאָרען זיין היים. פֿיעל מאָל
האָט דאס פֿאָלק געפּרופֿט מיט כ ח אַראבוואַרפֿען פֿון זיך דעם עול-
ג ל ו ת, נור דיא פֿהיזישע כחות האָבען ניט גענוגט און עס האָט זיך
תמיד אויסגעלאָזט אַז יודישע העלדען זענען געפֿאַללען און דאס
פֿאָלק איז ווייטער אין גלות צוריק געבליעבען. אַז דער כ ח האָט
ניט געקענט העלפֿען האָט מען אנגעהויבען ג ל ו י ב ע ן אַז "גאָטט
וועט העלפֿען". מען האָט זיך ביסליכווייז געוועהנט מיט'ן גלות-
לעבען און מען האָט אנגעהויבען צו בעטראכטען דעם גלות אַלס
אַ שטראָף פֿאר דיא ז י נ ד אַז מען האָט געזינדיגט זאָ דארף מען
תשובה טוהן און גאָטט וועט שוין צוריק שיינקען דאס ה י י ל י ג ע
לאַנד. דיא אמונה איז געוואָרען זעהר שטאַרק. אַללעס האָט מען ער-
קלערט דורך דער אמונה. מען האָט אויך ערקלערט פּ אָ ל י ט י ש ע
ניעדערלאַגען דורך דער אמונה. דיא יודען האָבען זייער לאַנד פֿער-
לאָרען—אַזוי האָט מען געגלויבט—ניט דערפֿאַר ווייל זיי זענען גע-
וועזען דיא שוואַכערע, אַז דאַמאַלס האָט געגאָלטען (אויך היינט
גיללט עס) דאס געזעטץ "כל דאלים גבר" ד. ה. דער וואָס איז
שטאַרקער—דער האָט תמיד רעכט, און ניט דערפֿאַר ווייל עס האָ-
בען מיטגעווירקט פֿיעל אורזאַכען וויא אינערליכע קריגערייען,
פּאַרטהיי-שלעגערייען, אַז דיא פּאַרטהייען האָבען ניט פֿערשטאַנדען
אַז געגען א ו י ס ע ר ן פֿיינד מוסען זיי זיך פֿ ע ר א י י נ י ג ע ן א.ז.וו.
נור איז געוועזען איין ערקלערונג: גאָטט האָט אונז פֿערטריבען פֿון
אונזער לאַנד און דיא "גוי'ם" האָבען געדיענט ביי איהם אַלס שטע-
קענס אונז צו שלאָגען פֿאר אונזער זינד, פֿאר אונזער ניט-פֿרום זיין
א.ד.ג. וואָס-זשע פֿאָלגט דערויס? עס פֿאָלגט: אויב מיר וועללען
ווערען צוריק פֿרומם, מיר וועללען דיענען גאָטט-ברוך-הוא וויא עס
בעדאַרף צו זיין וועט ער זיך אויף אונז דערבאַרמען און אונז אויס-
לייזען פֿון גלות. אַזוי ענטוויקעלט זיך דער ר ע ל י ג י ע ז ע ר ציונ'-
יזמוס. אין דער גמרא, אין מדרש און אין אַנדערע הייליגע ספרים
ווערט דערמאהנט ישוב ארץ ישראל ד. ה. דאס בעזעטצען, בעוואָה-
נען ארץ ישראל אַלס אַ מ צ ו ה, אַלס אַ "מצוה וועלכע איז שקול
געגען אַללע מצות". ווייטער, דיא גאַנצע צייט אין מיטטעל-אַלטער
ביז אויף היינטיגען טאָג האָט ניט אויפֿגעהערט דער רעליגיעזער
ציוניזמוס שטאַרקער אָדער שוואַכער צו עקסעסטירען. דער בעל-

דרשן פֿריהער און היינט ענדיגט זיין דרשה מיט ״ובא לציון גואל״. עטליכע מאָל אין טאָג דערמאנט דער יוד ביים דאַווענען ״ציון״ און ״ירושלים״. יום כפור שליעסט מען מיט ״לשנה הבאה בירושלים!״ מיר ווייסען גאַנץ גוט אַז הונדערט-טויזענדער יודען שלינגען אַראָב דיא אַללע ווערטער גאָר ניט דענקענדיג דאָביי; זיי פֿ י ה ל ע ן אויך גאָר ניט. נור דאס פֿאַרהאַנדען זיין פֿון אַזעלכע ווערטער אין דיא תפלות בעווייזט אַז דער רעליגיעזער ציוניזם האָט דעם גאַנצען גלות וועג דורכגעמאַכט. היינטיגע צייטען איבערהויפּט איז דיא אמונה שוואַך; פֿריהער אָבער האָט אַ יוד שטעהענדיג מיט׳ן פּנים צו מ ז ר ח ווירקליך געקלאָגט אויף חורבן-הבית. ער האָט געוואוסט און געפֿיהלט אַז דאָרט אין מ ז ר ח-זייט איז דאָ עפּעס וואָס איהם גע-הערט. היינט איז געוואָרען דער ״מזרח״ אַ כ ב ו ד איבער וועלכען מען שלאָגט זיך אָפּ. פֿריהער האָט אויך ז״א אמונה געמוסט שטאַרקער זיין ווייל אונזערע פֿיינד האָבען אָפּט אויסגעלאַכט, אויס-געשפּעטעט דיא יודישע אמונה; דאָס אויסלאַכען און אויסשפּעטען האָט אַרויסגערופֿען אַ געגען-ווירקונג, אַ רעאַקציאָן און דיא יודען האָבען זיך נאָך מעהר, נאָך פֿעסטער אנגעקלאַמערט אָן דער אמונה. אויף קדוש-השם אומקוממען, זיך לאָזען לעבעדיגערהייט פֿערברענען פֿאַר דער אמונה—איז געוועזען אַ ג ע וו ע ה נ ל י כ ע זאַך. עס פֿערשטעהט זיך אַז ביי אַזאַ מין שטאַרקען גלויבען האָט דער יוד געמוזט זוכען אַ רפואה פֿאַר אַללע זיינע מכות נור אין דעם גלויבען. מיר זענען אין גלות—זאָ וועט גאָטט אונז אויסלייזען פֿונם גלות. וויא אַזוי וועט ער אונז אויסלייזען? דאס איז ניט אונזער עסק. אויף גאָטט דאַרף מען קיין קשיות פֿרעגען. דיעזע פֿראַגע האָט אָבער געמוזט פֿערענטפֿערט ווערען. און עס הייסט: גאָטט וועט שיקען אַ ״גואל צדק״. וויא אַזוי? און דער ״גואל-צדק״ ווערט מיט דער צייט—מ ש י ח. אַזוי ענטוויקעלט זיך נעבען רעליגיעזען ציוניזמוס און א ו י ס איהם דער משיח-ציוניזמוס, אָדער ״מיסטישער ציונ׳-יזמוס״. (מיסטיציזמוס קענן מען פֿערטייטשען מיט ק ב ל ה). דער מיסטישער-ציוניזמוס איז ניט גאַנץ דאסזעלבע וויא דער רעליגיעזער ציוניזמוס. דיא ריינע יודישע רעליגיאָן האָט מיט משיח׳ן כלל ניט צו טוהן. רעליגיעזער-ציוניזמוס הייסט האָפֿפֿען, גלויבען אַז גאָטט וועט העלפֿען, אַז גאָטט וועט אויסלייזען ״זיין אויסערוועהלטעס פֿאָלק״ פֿונם גלות. וויא אַזוי? דורך וועלכע מיטטעל? אויף דיעזע

פֿראַגען גיבט דיא אמונה קיין שום תשובה. דער ג ל ו י ב י ג ע ר דאַרף איבערהויפּט ניט פֿרעגען. דער מיסטישער-ציוניזמוס אָבער גיבט שוין דעם רעליגיעזען ציוניזמוס אַ ר ע ע ל ע געשטאַלט: דאס איז משיח, אַ אַלטער יוד מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד, אַ גרויסער עני דערצו, וועט קומען צופֿאהרען רייטענדיג אויף אַ ווייסען עזעל און וועט בלאָזען אין "שופר של משיח". ער וועט אַללע יודען פֿון דער גאַנצער וועלט צונויפֿזאַממלען און עס וועט אויסברעכען אַ גרויסע מלחמה מיט גג-מגג, דאַנן וועט ער אונז פֿיהרען ד ו ק א אויף פּ אַ פּ י ע ר ע נ ע בריקען גלייך נאך ארץ-ישראל וואו עס וועללען דאמאלס וואַקסען פֿארטיגע בולקעס (קאָרענע צי ווייצענע?). דער ת ו ך פֿונם גאַנצען ענין איז אַז א י י נ ע ר וועט אונז העלפֿען פונקט וויא משה רבינו האָט געהאָלפֿען דיא מצרים-יודען. דיעזער משיח-ציוניזמוס האָט אויך צייטענווייז אנגענוממען ר ע ע ל ע פֿאָרמען: עס זענען אויפֿגעשטאַנען פֿיעלע "משיחי-השקר" קלענערע אָדער גרעסערע וועלכע האָבען טאַקי געוואָלט אנהויבען דיא מלחמה מיט גג-מגג. . . עס זענען געוועזען איבערצייגטע שבתי-צבי'ס און גלאַט אַזוי שווינדלער בעטריגער. נור דאס אַללעס איז געוועזען ניט מעהר וויא "אויפֿרעגונגען," דיא גרויסע מאַססע האָט ניט אויפֿגעהערט צו וואַרטען. . . וויא זאָגט מען עס—אַז מען וואַרט דערוואַרט מען זיך. . . דער משיח-ציוניזמוס (אָדער מיסטישער-ציוניזמוס) איז מיט דער צייט נאך מעהר פֿערפֿלאכט געוואָרען. מיט דער ענטוויקלונג פֿונם חאַסידיזמוס, נאך מעהר דורך דעם צדיק'יזמוס האָט ער באַקומען נאך אַ גרעבערע געשטאַלט; דיא חסידים האָבען אנגעהייבען צו גלויבען אַז "ער" זאָל לעבען וועט שוין משיח'ן אַראב-ברייננען אויב מיר וועללען נור זוכה זיין דערצו. זוכה זיין קאַנן מען אָבער נור אַז מען גיבט "איהם" פֿעטטע פדיונות. אַנדערע, ניט חסידים, האָבען איבערהויפּט אויפֿגעהערט צו גלויבען אין משיח'ן מיר קענגען אָפֿט הערען פֿון אַ פשוט'ן יודען זאָגען: "אַז מען האָט געלד קאַנן מען זיך ד אָ מאַכען ארץ-ישראל", אָדער "איך הער דיך וויא משיח'ן", אָדער "דאס וועט זיין ווען משיח וועט קוממען" א.ד.ג. ווענן דיעזע אַללע "ווערטליך" בעווייזען איינערזייטס אַז דער עולם גלויבט שוין ניט, אָדער גאר וועניג אין משיח'ן, אַז ארץ-ישראל קאַנן מען אויך דא זיך מאַכען, בעווייזען אָבער אַנדערערזייטס דיעזע אייגענע "ווערטליך" אַז אין דער יודישער לופֿט הייגגט נאך משיח. . .

ווענן עס זאָלל אמת זיין וואָס הערצל האָט געזאָגט אויף דעם דריטטען קאָנגרעס אַז דיא הונדערט-טויזענדע אָרימסטע יודען ”זענען דיא בעסטע ציוניסטען, ווייל זיי האָבען נאך דיא אַלטע פֿאָלקס-טראַדיציאָנען ניט פֿערגעססען, ווייל זיי ה אָ ב ע ן אַ שטאַרקעס רעליגיעזעס געפֿיהל און ווייל זיי ביטערע נאָטה ליידען“ (סטענאָג-פֿראטאקאל—8), ווענן דאס זאָלל זיין אמת זאָ וואָללט דער ציוניזמוס קיין קיום געהאַט, אָדער ריכטיגער ער וואָלט נ י ט ע נ ט ש ט אַ נ ד ע ן. ”דאס שטאַרקע ר ע ל י ג י ע ז ע ג ע פֿ י ה ל“ (ווענן עס זאָלל זיין) וואָלט זיך ניט פֿערוואַנדעלט אין אַ פּאָליטישעס-ש ט ר ע ב ע ן און דיא ”ביטערע נאָטה“ אַלליין וואָללט דיא צייט און כוחות אַוועקגערויבט. דער פּאָליטישער-ציוניזם איז געוויס פֿערקניפּט מיט ד י נ ע פֿעדימליך אויך מיט דיא פֿריהער-בעשפּראָכענע ציוניזמוס'ן, נור עבען מיט ד י נ ע פֿעדימליך וועלכע דער שוואַכסטער ווינד קאַנן אַוועקבלאָזען. נור צוריק צור זאַכע.

היינטיגע צייטען אַלזאָ גלויבט מען שוין כמעט ניט אין משיח'ן. פֿיעלע וועללען זיך אפשר אויף אונז צו-בייזערען, אין כעס ווערען. דאס איז דערפֿאַר ווייל זיי גיבען זיך ניט אב דין וחשבון פֿון זייערע געפֿיהלען. אָפֿט נאַרען מיר אונז אַלליין אב, מיר רעדען זיך איין אַ ”קינד אין בויך“. זאָללען מיר אָבער אונזער דענקען און טהון תמיד בעטראַכטען, זיך נאָהענט צוקוקען וועללען מיר תמיד איינזעהען אַז מיר זענען גאר ניט אַזוי וויא מיר מיינען. . .

דער רעליגיעז-מיסטישער ציוניזמוס האַלט אַלזאָ אין פֿ ע ר ש ו ו י נ ד ע ן. וואָללט מען דיא יודען איבעראַלל געלאָזט רוהיג לעבען אַ פּאאר-הונדערט יאהר זאָ וואָללט פֿון דעם אַללעמען קיין זכר געבליעווען. נור דאס דערלאָזען אָבער ניט דיא המנ'ס. . . און אַזוי בלייבען דיא יודען אין גאַנצען גלות פֿערבונדען מיט פֿעדימליך מיט ארץ-ישראל. אין משך פֿונם גלות קעננען מיר אפילו געפֿינען איינצעלנע גרויסע מעננער וועלכע האָבען געלעהרט דעם עולם אַז ”שלא כדרך הטבע“, אַז א י ב ע ר נ אַ ט י ר ל י ך וועט דאס יודישע פֿאָלק ניט אויסגעלייזט ווערען; וויא למשל רבי דוד ק מ ח י, דער רמב"ם און אַנדערע געלעהרטע און פֿילאָזאָפֿען עס שיינט אַרויס פֿון פֿינסטערען גלות איינער פֿון דיא גרעסטע פּאָעטען פֿון זיין צייט (אין 12-טען יאהר-הונדערט) ר' יהודה הלוי וועלכער האָט מיט זיינע

פֿייעריגע ציונס-ליעדער דיא הערצער ענטצונדען. ווער קאַנן ניט זיין "ציון הלא תשאלי"? און אַנדערע. נור דאַס זיינען אָבער געווען נור איינצעלנע. דיא מאַססע, דער המון, איז געוועזען שטאָק-פֿינסטער. יודישקייט איז געוועזען דיא הויפּטזאַך—ניט יודען. אויך היינט וויללען אונז כלומרסט געלעהרטע פֿאַרדרעהען דעם קאָפּ אַז דיא יודען זענען פֿיר דיא יודישקייט ניט פֿערקעהרט. אַזוי איז אויך געוועזען "ארץ"-ישראל דער עיקר ניט ישראל. אויך וויא היינט אַ טהייל ציוניסטישע שרייבער פֿאַרדערן אַז מיר זאָללען "אַללעס" וואָס מיר האָבען: אונזער איך, אונזער געזונד און לעבען פֿאַר דעם "ארץ" אויפּאָפּפֿערען און זיי ווילל ען ניט וויססען (חאָטש קוילעט זיי) אַז דאַס "ארץ" האָט מען אונז געשיינקט, אָדער מיר האָבען עס ערגאָבערט כדי מיר, דיא "בני-ישראל" זאָללען דאָרט לעבען.— — —

אויף קדוש-השם האָט מען זיך געלאָזט פֿערברענגען. ארץ-ישראל איז געוואָרען הייליג. אַ ביסעל ארץ-ישראל-ערד צו קאָפּענס נאָכ'ן טויט איז געוואָרען צוקער זיס. . . שטאַרבען אין ארץ-ישראל איז געוועזען דאַס גרעסטע אידעאַל דאַס שטאַרבען דאָרט האָט פשוט פֿערשפּאָרט אַ אַרבייט—נאָכ'ן טויט זיך אַהין צו קייקלען. . .

נור דיעזע וואָס זענען געפֿאָהרען אַהין שטאַרבען האָבען אָפֿט געמוזט וואַרטען שיינע עטליכע יאָהר אויפ'ן טוידט. . . אַזוי האָבען זיך דאָרט צונויפֿגעקליבען אַ גאַנצע מחנה. אויסער דיעזע שטאַרב-קאַנדידאַטען זענען פֿון תמיד-אַן איינצעלנע יודען אויך געפֿאָהרען אַהין וואָהנען. מיט דער צייט ענטוויקלען זיך דאָרט געמיינדען (קהלות) נור דיא אַללע ארץ-ישראל יודען האָבען זיך בעטראַכט אַלס פֿאָלקס-קרבנות. . . אַ קליינינקייט! זיי זענען דיא ערשטע וואָס בעלעבען (?) דאַס לאַנד. און זיי האָבען אנגעהויבען צו שיקען משולחים נאָך חוץ-לארץ נדבות זאַממלען. עס ענטוויקעלט זיך דער שנאָרער- אָדער חלוקה-ציוניזמוס. אין גאַנץ ארץ-ישראל זענען דאָ אַצונד (אויסער דיא קאָלאָניסטען) איבער 45 טויזענד יודען (וויא מאָצקין האָט אנגעגעבען אין זיין רעפֿערעט אויף דעם 2-טען קאָנגרעס). כמעט אַללע דיעזע ערנעהרען זיך פֿון דיעזען

שנאָרער-ציוניזמוס ביז אויף היינטיגען טאָג. אין דער אַנדער העלפֿט פֿונם נייצעהנטען יאהר-הונדערט הייבט זיך אן ענטוויקלען דער צדקה-ציוניזמוס. משה מאנטעפֿיאָרי פֿאהרט עטליכע מאל נאך ארץ-ישראל און שיט מיט נדבות. קאַרל נעטטער פועל'ט ביי דער חברה "כל ישראל חברים (אַלליאַנס איזראעליט)" זיא זאָלל גרינדען דיא אַקערבוי-שולע "מקוה ישראל" אין יפו אין 1869. און אין 1861 דרוקט אב ר' צבי הירש קאלישער אַ חבור אין וועלכען ער פֿאָרדערט אויף דיא יודען אין נאָמען פֿון דער ר ע ל י ג י אָ ן ארץ-ישראל צו קאָלאָניזירען. נאך איינצעלנע פערזאָנען אין יענער צייט וויא דוד גאָרדאָן און אַנדערע הייבען אן צו פֿערשפרייטען דיא אידעע פֿון י ש ו ב ארץ ישראל. דאס אַללעס זענען התחלות פֿונם "קאָלאָניזאַצ-יאָנס-ציוניזמוס" אָדער "חבת-ציון".

דער אַנטיסעמיטיזמוס וואַקסט דערוייל פֿון טאָג צו טאָג. אין מערב-אייראפא האָט ער שוין אנגענומען דיא געשטאַלט פֿון אַ "טהעאָריע". דיא אַנטיסעמיטען פֿעראייניגען זיך אין אַ יעדעס מאָל גרעסערער, שטאַרקערער פ אָ ל י ט י ש ע ר פאַרטהיי מען הייבט אן ס י ס ט ע מ א ט י ש דיא יודען צו רודפ'ן, אַללע פֿיינערע פרנסות פֿון זיי צו ענטציהען, צו העכערע פאָסטען ניט צו-לאָזען און עפֿענטליך, דורך דיא פרעססע און רעדעס דאס פֿאָלק אויפֿהעצען (אויפֿרייצען) געגען דיא יודען. שפעטער הייבט מען אויך אן צו שרייען און שרייען "קויפֿט ניט ביי יודען", מען וויל אויך דיא לעטצטע י ו ד י ש ע פרנסות שעדיגען. קורץ דער אַנטיסעמיטיזמוס ב ל י ה ט און וו אַ ק ס ט. נור אַללעס געהט נאך צו "העפֿליך". מען זוכט ה ע פֿ ל י ך הערויסנעהמען דיא נשמה. אין רוסלאַנד דערפֿאַר איז עס וועניגער העפֿליך צוגעגאַנגען. אויך דארט האָט מען געקענט אַ מאָל הערען פֿון אַ גלח אַ דרשה "פֿון אונזערט וועגען"... מען האָט אויך געקענט לעזען אַ בראָשירע, צוויי און אַ פאאר ציטונגען וועלכע זענען "מיט אונז ניט צופֿרידען"... נור פֿון א פאָליטישער-אַנטיסעמיטישער-פאַרטהיי איז דאָ ניט דיא רעדע. דארט האָט מען אויפֿן פֿאָלק שטילל געווירקט. און—וויא פלוצלונג—פֿליעהען דיא גאַסען-שטיינער אין אונזערע קעפּ. עס ברעכען אויס דיא געוויסע פאגראמען אין 81—1880 אויך אין 1883. און פונקט וויא דער מלאך-המות אין מצרים האָט געוואוסט וועלכע הייזער ער דאַרף נ י ט

בעזוכען אזוי האט ער אצונד גראדע דיעזע הייזער בעזוכט. . . דאס יודישע הויז, דעם יודישען מאגאזין האט מען ערקענט, עס האט געמעגט וואס פאר א "שילד" הענגען דארט. מען האט אויך אללע יודישע-כריסטען אויפגעזוכט און פון אללעמען געמאכט א תל. פונם טראסקען פון דיא טיהרען, פונם קלינגען פון דיא שויבען, פונם ביטערען געוויין פון ווייבער און פיצליך קינדער אז.וו. א.ז.וו. איבערהויפט פון דעם געוויסען "פפייף" (אוי, ווער האט שוין פארגעסען דיעזען מארך-דורכדרינגענדען "פפייף"!) פון דיא פאגראמטשיקעס האט זיך דער עולם וויא פון שלאף, ניין, טאקי פון שלאף ממש אויפגעכאפט. א זיסער שלאף איז עס געוועזען. נאך זיסער דיא חלומות. פון וואס האט מען דאמאלס ניט גע'חלומ'ט? יעדע רגע האט מען ערווארטעט א "פאפיער" צו דיא "עלטסטע" אז דער "יעווריייסקי וואפראס" (יודענ-פראגע) איז געלעזט; דיא יודען זענען גלייכבערעכטיגט וויא אללע אנדערע בירגער און אללעס לעבט ברידערליך, מענשליך, מען אומארמט זיך, מען קישט זיך א.ז.וו. ס-א לעבען! און פלוצלונג אין מיטטען דרינען נא דיר גאר א קלאפ אין קאפ, א שטוים אין דער זייט און ווידער א מאל דאס אלטע ליעדעל: "א יוד ביסטו, געה וויטער, געה!" נור געה וואס גיכער. . .

און דיא יודען געהען, ניין זיי לויפען. האלב-פערשלאפען' ניט גאנץ זיך אנגעטוהן, אין איין שוך און איין זאק לויפט מען וויא ווענן מען האפט זיך אויף ביי-נאכט אז עס איז א גרויסע שרפה און דער רויך שטיקט ניט אויסצוהאלטען, דורך דיא געהירען לויפט נור איין געדאנק: ראטעווע דיך! און "מען ראטעוועט זיך". מען צולויפט זיך נאך אלע עקען פון דער וועלט. דאס גרויסע רוב "עמיגרירט" נאך אמעריקא, פיעלע אויך נאך ארץ-ישראל. ווענן דיא אללע וואס זענען "אוועק" נאך אמעריקא האבען געהאפט געלד צו געפינען אין דיא גאססען אדער וועניגסטענס גיך א "לעבען צו מאכען" האבען פיעלע פון דיא וואס זענען אוועק נאך ארץ-ישראל געהאפט אז באלד וועללען זיי זיצען "איש תחת גפנו", יעדערער וועט זיך האבען זיין הויז, זיין גארטען און פעלדער אדג. דערצו נאך דאס אללעס אין הייליגען לאנד. אנדערע האבען אפילו געוואוסט אז עס וועללען נאך פיעל יאהר אוועקגעהען ביז "בולקעס וועללען וואק-

סען״, זיי האָבען געוואוסט אַז זיי געהען אין אַ וויסט-אונבעאַרביי-
טעט לאַנד וואו זיי וועללען האָבען פֿיעל צו קעמפּפֿען ״מיט דער
נאַטור״ און אפשר אויך מיט דיא ״ווילדע״ אַראַבער און דאָך זענען
זיי אַהין געגאַנגען. עס איז זיי נמאס געוואָרען דאס עביג נע-ונד זיין,
דאס עביגע ז ו כ ע ן זיך אַ היים און האָבען בעשלאָססען זיך צ ו ר י ק
ק ע ה ר ע ן צו דער אַלטער היים וואו עס זאָלל זיך מיט דער צייט
אויסבילדען אונזער נייע אייגענע היים. מען קענן זיין דער גרעסטער
מאַטעריאַליסט און דאָך מוס מען מודה זיין אַז פֿיעלע פֿון דיא וואָס
זענען געפֿאהרען נאך פּאַלעסטינאַ זענען געוועזען בעזעעלט מיט
אידעאַליזמוס, זיי האָבען ניט נור געהאָפֿט זייער אייגענע לאַגע צו
פֿערבעסערן נור אויך דיא לאַגע פֿונם גאַנצען פֿאָלק. נור, באַלד אַז
זיי האָבען זיך נאהענט בעקאַנט מיט דער ווירקליכקייט, נאכדעם אַז
זיי האָבען געמוסט ביטער האָרעווען און האָבען אַרויסגעזעהען אַז
פֿון אַ פֿאלקס-רעטונג קאנן דיא רעדע ניט זיין, איז זייער אידעאַליז-
מוס ביסליכווייז צו גרונדע געגאַנגען. באַלד האָבען זיי זיך דערוואוסט
אַז זיי זענען אנגעוויעזען אויף דער שטיצע פֿון דיא חובבי-ציון. ווער
זענען דיא ח ו ב ב י-ציון? אין חוץ-לארץ (ד. ה. אין רוסלאַנד, גאַ-
ליציען, רומעניען א.ז.וו.) האָט זיך דער איבערגעבליבענער עולם
בעת דיא פּאגראָמען און נאך דיא פּאגראמען זיך עפּעס אנגעהויבען
וויא צו בעטראַכטען. זיי האָבען דייטליך איינגעזעהען אַז דיא אַללע
חלומות—זענען טאַקי ניט מעהר געוועזען וויא חלומות מען האָט
שוין אויפֿגעהערט צו דענקען פֿון אַ ״בעסער לעבען״ אין גלות.
כמעט יעדער איז ניט זיכער געוועזען מיט זיין לעבען, זיין פֿערמעגען.
״ווער ווייסט צי וועט מיט אונז מאָרגען ניט פּאַסירען דאסזעלבע
וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אַנדערע נעכטען?״ אַנדערע האָבען,
אָהן נאכדענקען, געפֿיהלט אַז מען מוס זוכען אַ אויסוועג. און דער
עמיגראַציאָנס-שטראָם נאך פּאַלעסטינא האָט זיי מיטגעשלעפּט מיט
זיך ד. ה. ניט זייער קערפּער נור זייער ״וועזען״ זייער גייסט, זייערע
געדאַנקען און געפֿיהלען. זיי זיינען געוואָרען חובבי-ציון. דיא דאַ-
מאלסדיגע חובבי-ציון זענען געוועזען דאסזעלבע וויא דיא היינטיגע
ציוניסטען. אויך זיי—דיא חובבי-ציון—האָבען אַ טהייל ביי זיך אין
הארצען, אַ טהייל האָבען עס הערויסגעזאָגט אַז זיי בעטראַכטען דיא
קאָלאָניעס אין ארץ ישראל וועלכע האָבען זיך דערווייל אנגעהויבען
צו גרינדען אַלס אַ ״אנהויב פֿונם סוף״, זיי האָבען גע׳חלומ׳ט פֿון אַ

יודישער מדינה אין ארץ-ישראל. דיא יודישע מדינה דאס איז געוועזען זייער ענד-ציעל, דיא קאָלאָניזאַציאָן אין פּאַלעסטינא—אַ מיטטעל דורך וועלכען מען קאנען קוממען צום ענד-ציעל. הערט וואָס מ. ל. ליליענבלום שרייבט אין "דרך לעבור גולים" (זייטע 11—12) רעדענדיג פֿון יענער צייט: "ווענן דיא נייע שאלה (שאלת ישא"י מיינט ער) האָט מיך אנגעהויבען צו אינטערעסירען האָט זיא אין מיינע אויגען גאַנץ פשוט אויסגעזעהען: מיר זענען אין אַללע לענדער פרעמד—דאַרפֿען מיר זיך סטאַרען אויפֿהערען פֿרעמדע צו זיין. מיר מוסען זיך אומקעהרען צוריק נאך ארץ-ישראל. אמת, איך וויים אַז דיא זאַך איז זעהר שווער, זיא וועט פֿארדערן גרויסע קרבנות, נור ניט וואָס איז שווער איז אונמעגליך און ניט וואָס איז אונמעגליך פֿיר איינצעלנע מענשען איז אונמעגליך פֿיר אַ גאַנץ פֿאָלק". ווייטער: "נור בשום אופן האָט מיר ניט געקענט איינפֿאַלען אַז עס וועללען קוממען פֿערדאָרבענע מענשען (נעווי-לב—"פֿערקרימטע" מענשען) און וועללען גאר טענה'ן אַז דיא זאַך איז אין גאַנצען איבריג. . . אַז מיר זיינען קיין נאַציאָן נור אַ רעליגיעזע סעקטע, אַז מיר זענען "פֿראנצויזען מאָזאַישען גלויבענס" א. ד. ג. אָדער—וויא אַ טהייל חכמי-ישראל און פּראָפֿעסארען מיינען אַז דאס יודישע פֿאָלק האָט עפּעס אַ מין "מיססיאָן" (שליחות, תעודה) פֿאר זיך: צו זיין אַ פֿעלקער-לעהרער, אַ וועג-וויזער א.ד.ג."

וויא מיר זעהען האָט מען דעם חבת-ציון פֿון אנפֿאַנג אַזוי אוי"פ-געפֿאַסט וויא מיר היינט דעם ציוניזמוס (אַז איך בעניץ מיך מיט'ן וואָרט "ציוניזמוס" אַליין מיין איך דעם פּאָליטישען ציוניזמוס.) און דערפֿאַר טאַקי אַז מיר הערען זיך צו צו דעם וואָס דיא היינטיגע געגנער זאָגען און מיר פֿערגלייכען זיי מיט דיא דאמאלסדיגע געג-נער הערען מיר דיא זעלבע אַרגומענטען, דיא זעלבע טענות. אין דער פרעססע האָט דאַמאַלס אויסגעבראָכען אַ "מלחמה" פונקט וויא אצונד. נור שפּעטער-צו איז דיא "מלחמה" כמעט אין גאַנצען בטול געוואָרען מען האָט זיך ניט מעהר געקריעגט דאס איז דערפֿאַר ווייל דער חבת-ציון האָט זיך באַלד פֿערוואַנדעלט צוריק אין "צדקה-ציוניזמוס", אָדער שעהנער געשפּראָכען אין "וואָהלטהעטיגקייטס-ציוניזמוס" אָדער אַז איהר ווילט גאר אַ שיין וואָרט זאָ אין "פֿילאַנ-טראָפישען-ציוניזמוס". נור גיבט איהם וואָס פֿאַר אַ נאָמען איהר ווילט—עס איז דער "צדקה-ציוניזמוס".—

דיא חבת-ציון בעוועגונג קאנן מען אייגענטליך איינטהיילען אין צוויי פעריאָדען: דיא ערשטע פעריאָדע פֿון דיא פאגראמען ביז 1890 ווענן דיא "חברה" אין אדעססא האָט זיך געגרינדעט. דיא צווייטע פעריאָדע פֿון 1890 ביז נאכ'ן ערשטען קאָנגרעס. נאכ'ן ערשטען קאָנגרעס ווערען צוריק דיא חובבי-ציון ב ע ל ע ב ט אונ דער "צדקה-ציוניזמוס" ה י י ב ט אן וויא צו בעקומען זיין פֿריהערעס אויסזעהען, ער האַלט אין ווערען צוריק דער "קאָלאָניזאציאָנס-ציוני-יזמוס" און דיא חובבי-ציון הייבען אן "קומען צו זיך". נור דערפֿון שפּעטער.

אַזוי וויא דיא פאגראמען האָבען אַ ביסעל נאכגעלאָזט הייבט זיך אן דיא טהעטיגקייט פֿון דיא חובבי-ציון. אין פֿיעל שטעדט גרינדען זיך פֿעראיינען מיט'ן צוועק צו שטיצען דיא ניי-געגרינדעטע קאָלאָניעס אין ארץ-ישראל און נאך מעגליכקייט נאך נ י י ע קאָלאָ-ניעס דארט גרינדען. עס גרינדען זיך חברות מיט'ן צוועק צו קויפֿען לאַנד אין פּאַלעסטינאַ פֿיר דיא מיטגליעדער פֿון דיזע חברות. דיא ניי-געגרינדעטע קאָלאָניעס זענען—וויא געזאָגט—שוין פֿון אנהייב-אן אנגעוויעזען אויף שטיצע; מען זאַמעלט נדבות, מען שרייבט אַר-טיקלען אין דיא צייטונגען, מען ליאַרעמט, מען פּילדערט און מען מ י י נ ט אַז מען טוהט גאָט וויסט וואָס. איין חברה קעהר זיך ניט אן מיט דער אַנדערער, ס'איז אַ וויר-וואַר, קיין שאָטען אפילו פֿון אָרדענונג, קיין זכר פֿון עפּעס אַ שטיקעל סדר. דער זייטיגער מענש האָט געקענט מיינען אַז דא "בעשאַפֿט מען וועלטען".

צו יענער צייט ערשיינט פינסקער'ס "אויטאָ-עמאַנציפּאַציאָן" (1882) אין דייטשער שפּראַכע. בעשפּרעכענדיג דארט צוערשט דעם אַנטיסעמיטיזמוס בלייבט ער ניט שטעהען דערביי נור ער שלאָגט פֿאָר אַ גאַנצען פּלאַן וויא אַזוי מען קאנן גרינדען אַ יודישע-מדינה. פינסקער ווייזט ניט אן ד ו ק א אויף פּאַלעסטינאַ נור איז פֿאַר איהם דער עיקר אַ "היים" וואו זיא זאָל ניט זיין נור אַ א י י ג ע נ ע היים. ער זאָגט דארט: "ניט אַ הייליג לאַנד דאַרפֿען מיר נור אַ א י י ג ע ן לאַנד". ער צייכענט דארט אן אַ גאַנצען פּלאַן: ער רעדט פֿון אַ קאָנגרעס מיט אַ "אַקציאָנס-קאָמיטעט", וויא אַזוי מען זאָלל קויפֿען לאַנד, וויא אַזוי מען זאָלל פֿערטהיילען דאס לאַנד א.ז.וו. א.ז.וו. מיר געהען דא ניט איין נאהענט אויף דעם פּלאַן, דענן עס איז דערצו

ניט געקוממען. . . דיא פלאַנען אינטערעסירען אונז איבער-הויפּט וועניג. דער תוך פון פינסקער'ס בראשירע איז׳ אַז מען זאָלל גרינדען אַ יודען-שטאַאַט, אַז דורך דעם יודען-שטאַאַט וועט דיא יודען-פראַגע געלעזט ווערען. דאס ביכעל האָט ער אויף דייטש גע-שריבען ווייל ער האָט זיך געווענדעט צו דיא מערב-איירפּאפּעאישע יודען זיי זאָללען זיין פלאַנען אויספיהרען. מיר האָבען שוין געזאָגט אַז דאַמאַלס—כאטש דער אַנטיסעמיטיזמוס איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג—דאָך האָט דיא אַסימילאַציאָן געבליהט, דעם אַנטיסעמי-טיזמוס האָט מען בעטראַכטעט אַלס אַ „פּאַראיבערגעהענדע ערשיי-נונג". נאַטירליך האָט זיך פון פינסקער'ס פלאַנען גאר ניט אויסגע-לאזט. פינסקער אַלליין איז געוועזען אַ קראַנקער מענש מיט אַ שוואַכען כאַראַקטער (וויא ליליענבלום כאַראַקטעריזירט איהם אין „דרך לעבור גולים"). ער איז ניט געוועזען דער מענש אַ בעווע-גונג הערויסצורופען, ער איז ניט געוועזען אַ מענש פון גרויסע טהאַטען. וואללטען דיא חובבי-ציון דאַמאַלס ניט געוועזען, וואָלט פינסקער איבערהויפּט ניט געוועזען עפּעס געטוהן. נור זעהענדיג אַז דיא מערב-איירפּאפּעאישע „ברידער" ריהרען זיך ניט און אַז דיא חובבי-ציון אין רוססלאַנד „אַרבייטען" איז ער צו זיי צוגעטרעטען. זיי זענען ניט געוועזען איינפערשטאַנדען מיט איהם וועגען אָרט פונם צוקינפטיגען יודען-שטאַאַט נור דאָך האָט פינסקער'ס אָפּע-נעם הערויסטרעטען מיט דעם געדאַנקען וועגען אַ יודען-שטאַאַט—זיי וויא לעבען איינגעהויכט. און מיט פינסקער'ס צוטרעטען צו זיי—קאָנן מען זאָגען—האָבען זיי בעקומען דאס געשטאַלט פון אַ פּאַר-טהיי. דער „חבת-ציון" ווערט אַלץ מעהר און מעהר בעקאַנט דעם פאָלק. דיא פּרעססע איז טהיילווייזע געגען, טהיילווייזע פיר דיעזער בעוועגונג. דער „השחר", „המליץ" און „ראַזסוויעט" זענען „פיר", דער „עברי אנכי" און „רוססקי יעוורייי"—„געגען", אויסער דעם דער דאמאלסדיגער „וואָסכאָד" וועלכער האָט געפּרעדיגט דיא אַסימילאַציאָן.—

און עס דרוקען זיך אַרטיקעל „פיר" און „געגען"—עס איז גע-וועזען „אַרבייט" פיר אונזערע שרייבער. אַנדערע האָבען זיך אויך געפונען אַ „אַרבייט": זוכען פּועל'ן ביי „גרויסע" רבנים „הכשרים" אויף חבת-ציון, אָדער נאך בעווייזען אַז ישא"י איז אַ מצוה מן

התורה. דיא בעשעפטיגונג פון אונזערע היינטיגע "אפיקורסים"-ציוניסטען האבען דאמאלס געהאט דיא "משכילים-חובבי-ציון". אויך דאמאלס זענען דאס רוב חובבי-ציון געווען דיא "משכילים" וועלכע האבען געוואללט בעפרייען זייער פאלק פון דער עביגען קנעכט-שאפט. דיא פינסטערע נפשות זענען נאטירליך געשטאנען פון דער וויטען דאס איז שוין א כלל גדול אין לעבען אז דיא פינסטערע נפשות האבען מורא פאר יעדער "בעוועגונג", זיי האבען מורא פאר דער "שיין" מען זאלל חלילה זיי ניט הערויסזעהען. . . דיא רבי'ים מיט זייערע גבאים, מיט דיא פינסטערע רבנים ווייסען גאנץ גוט אז זייער גאנצע "גרויסקייט", זייער גאנצעס לעבען איז גע-שטיצט אויף'ן פאנאטיזמוס, אבערגלויבען, פינסטערקייט פון דער מאססע. זיי ווייסען און פיהלען וויא באלד נור דיא מאססע וועט אנ-הייבען צו לעבען, צו בעוועגען זיך וועללען זיי דאס ערשטע כפרה היהנדעל זיין. עס איז אלזא לייכט פערשטענדליך אז דיעזע נפשות האבען צום חבת-ציון ניט געקענט צוטרעטען, פערקעהרט זיי האבען נאך בעדארפט ווערען פערביטערטע געגנער. וואס-זשע האבען געטוהן אונזערע משכילים? אויפ'ן ארט פון געגען צו ווירקען דיעזער פינסטערקייט דורך פערשפרייטונג אין פאלק ביל-דונג, דורך ליכטיגקייט, אנשטאט אויפצוקלערען דאס פאלק, איהם פערשטעהען געבען וואו ער איז, ווער זיינע "בעלי-טובות" זענען א.ד.ג. האבען זיי געזוכט דאס פאלק צו-ציהען צו זיך דורך "פסוקים", דורך ראיות פון דער גמרא אדער דורך א הכשר פון א רב. דאמאלס וויא היינט:

"א הסכמה פון דעם פסוק,
אויך צו גליק און פרייהייט שטרעבען"
אז מיר האבען רעכט צו לעבען,
זוכט דער מגיד, אז מיר מעגען

(ל. יפה.)

נאטירליך האבען דיא רבנים ניט אומזיסט געגעבען א הכשר אויפ'ן חבת-ציון. איך מיין דא ניט אז זיי האבען זיך געהייסען בע-צאהלען מיט געלד. ניין, זיי האבען מעהר אלס געלד פערלאנגט: זיי האבען דאס נפש פערלאנגט. זיי האבען געוואללט פיהרען דיא אבער אויפזיכט איבער דיא קאלאניעס, עס זאלל אללעס זיין

כ ש ר א.ז.וו. זיי האָבען דאס פֿערלאַנגט וואָס היינט רופֿט מען עס אַ "ו ע ד ה ק ו ל ט ו ר י". דיא רבנים און דיא גוטע-יודען פֿער-שטעהען אַ עסק. אַז מיר וויללען ביי ז י י דיא קערפֿער ד. ה. דאס מאַטעריעללע, פֿערלאַנגען זיי דאס גייסטיגע. און עס האָ-בען זיך געפֿונען ביי אונז אַזעלכע "געלעהרטע" וועלכע בעוויי-זען (?) אַז מיר זענען טאַקי אַ אויסערוועהלטעס פֿאָלק; ביי אַללע פֿעלקער קעהר זיך דיא נאַציאָנאַליטעט מיט דער רעליגיאָן כלל ניט אָן, ביי אונז אָבער—זאָגען דיעזע חכמים—איז נאַציאָנאַליזמוס און רעליגיאָן איינס און דאסזעלבע, לכן האָבען טאַקע דיא רבנים רעכט וואָס זיי וויללען אַללעס אונטער זייערע הענד נעהמען. דיא שוטים! זיי פֿערשטעהען ניט אַז דא האַנדעלט זיך נור אום צו לעבען אויף'ן חשבון פֿונם פֿאָלק. . . דענן אין אמת'ן וואָס האָט ד אָ דיא רעליגיאָן צו טוהן אַז אונז איז שוין נמאס געוואָרען צו לעבען אין דער פֿרעמד, אַז מיר וויללען וויא יעדע נאַציאָן אויך זעלבסשטענדיג לעבען? דער א י י נ צ ע ל נ ע ר יוד אַז ער וועט זיך ווערלען גט'ן אָדער חתונה האָבען וכדומה קאנן ער זיך געהען געזונדטערהייט צום רב, דיא ג אַ נ צ ע נ אַ צ י אָ ן אָבער—דאַרף זיא געהען פֿרעגען א י מ י צ ע ן אַ שאלה צי מ ע ג זיא לעבען? עס איז שוין צייט כ'לעבען מיר זאָללען דיעזען פשוט'ען, איינפֿאַכען אמת פֿערשטעהען. דיא רבנים קענ-נען זיך מאריך ימים ושנים זיין, אויך דיא גוטע-יודען מעגען פֿאהרען פֿון שטאָדט צו שטאָדט פדיונות זאַממעלן נור וואָס וויללען זיי פֿון אונז? נור אין אמת'ן גערעדט ז י י וואָללטען געווים ניט געוואַגט צו אונז צו קוממען נור מ י ר זענען דאָך צו זיי געקוממען! אָ, וואָס פֿאר אַ שאַנדע! מיר וועללען שפּעטער זעהען אַז דיא "ציוניסטען" געהען אין דיעזען פונקט נאך "איבער" דיא חובבי-ציון.—

עס איז דיא חובבי-ציון נאַטירליך געלונגען אַ פאאר רבנים צו צו-שלעפען אויף זייער זייט. עס הייבט זיך אן דיא גרויסע אַרבייט פֿון—ק ל י י ב ע ן נ ד ב ו ת. דער פּאָליטישער געדאַנק פֿון פינסקערן האָט זיך באַלד פֿערגעססען. דיא אינטעליגענץ איז אייגענטליך גע-שטאַנען פֿון דער וויטען. דאס אָפּפֿער וואָס דיא משכילים האָבען גע-בראַכט אום דיא רבנים צו-ציהען צו דער בעוועגונג האָט א ב ג ע-ש ט ו י ס ע ן פֿון זיך דיא יונגע קרעפֿטען. דיא גאַנצע בעוועגונג האָט איבערהויפּט באַלד בעקומען אַזאַ מין כאַראַקטער וועלכער

האָט בשום אופן ניט געקאנט צו-ציהען צו זיך דעם עולם. מיט ״קלייבען נדבות״ איז מען ביי אונז צו גוט בעקאַנט. פֿון אויפֿלעבען דאס פֿאָלק איז דא קיין רעדע געוועזען. דיא קאָלאָניזאַציאָן האָט ניט מעהר געדיענט אַלס אַ מיטטעל דורך וועלכען מען וויל עררייכען אַ העכערעס ציעל. נור האָט מען געקוקט אויפֿ׳ן ״ישוב״ וויא אויף אַ צוועק ״אן און פֿיר זיך״. צו גרינדען יעדעס יאהר איינע-צוויי נייע קאָלאָניען איז געוועזען דאס גרעסטע אידעאַל. דיעזער פֿאַקט איז ניט נור וויכטיג טהעאָרעטיש נור אויך פּראַקטיש. ווענן מיר האָבען פֿאר זיך אַ אידעאַל, אַ ענד-ציעל צו וועלכען מיר שטרעבען זאָ קעננען מיר אונז בעגייסטערן, מיר קעננען מיטטעל אנווענדען, פֿאַלט אָבער אַוועק דאס ענד-ציעל זאָ פֿערלירען מיר דעם גאַנצען מוטה. ווענן מיר זאָללען ניט געוועזען אויף איין מינוט אפילו הערויסלאזען פֿון אונזערע אויגען אונזער ענד-ציעל ד. א. דאס וויעדעראויפֿלעבונג פֿונם יודישען פֿאָלק זאָ וואָללטען מיר געוואוסט אַז מיט אַ פּאאר קאָלאָניען וועללען מיר גאר ניט מאַכען, אַז מיר מוסען זיך מעהר אבגעבען מיט קינדער-ערציעהונג, מיט פֿאָלקס-ערציעהונג, אַז מיר מוסען אַ ליטעראַטור בעשאַפֿען, אַז מיר מוסען דערוויל אין דער פֿרעמר פֿון אונז דעם שמוטץ אַראבוואַשען אז.וו. נור פֿאר אונז איז געוועזען יעדע נייע קאָלאָניע—דאס העכסטע גליק! מיר זענען געוועזען ק ל י י ן. . . איך ווילל דא כלל ניט העראבזעטצען דיא טהעטיגקייט פֿון דיא חובבי-ציון נור איך גיב דא אַזוי איבער וויא עס איז געוועזען אין דער ווירקליכקייט מיר מוסען אויך ניט פֿערגעסען אַז דער היינטיגער ציוניזמוס שטעהט מיט אַ שטופֿע ה ע כ ע ר פֿון יענעם חבת-ציון וויל יענער איז פֿריהער געוועזען. דער איצטיגער ציוניזמוס איז נאך אויך ניט דער לעצטער. אַללעס לעבט און ענטוויקעלט זיך. מיר מוסען נור זעהען אַז אַללעס זאָלל זיך ענטוויקלען פֿ אָ ר ו ו ע ר ט ס.

נור וואָס פֿאר אַ ק ל י י נ ל י כ ע אַרבייט דיא חובבי-ציון האָבען פֿאר זיך געהאַט האָט זיך דאָך געפֿאָרדערט אַ סדר עס איז נעטהיג געוועזען אַז דיא איינצעלנע חברות און חובבי-ציון זאָללען זיך פֿעראייניגען, אָרגאַניזירען. צו דיעזען צוועק האָבען זיך אין אדעססא (תרמ״ג) פינסקער, מאַנדעלשטאַם, ליליענבלום, פּראָפֿ. שאַפּירא און אַנדערע זיך פֿערזאַמעלט און האָבען געזוכט מיטטעל אַללע חברות

צו פֿעראייניגען, נאך איין פּלאַן צו אַרבייטען. און אין תרמ״ד גרינדעט זיך אין אדעססא אַ חברה ״אגודת חובבי ציון״ וועלכע בע־שטעהט אויס דאקטוירים, אַדוואָקאַטען, גרויסע סוחרים א.ז.וו. דיעזע חברה פֿערשיקט בריעף צו דיא איבריגע חברות אין לאַנד זיי זאָלען צוטרעטען צו דער אדעססער חברה, און אַרבייטען אין איינעם. דאַ־מיט אָבער אַללע חברות זאָללען זיך קעננען פֿעראייניגען איז נעטהיג געוועזען אַ גרויסע אסיפה אָדער ״קאָנגרעסס״ וואו אַהין אַלע חברות זאָללען שיקען זייערע פֿערטרעטער. אַזא מין קאָנגרעסס האָט אין יאהר תרמ״ה שטאטגעפֿונדען אין קאַטאָוויץ (דייטשלאַנד). אין יע־נעם יאהר איז געוואָרען משה מאנטעפֿיארי 100 יאהר. לכבודו האָט מען אַ נאָמען געגעבען דער חברה וועלכע האָט זיך דאמאלס אין קאַ־טאָוויץ געגרינדעט ״יסוד מזכרת משה מונטיפֿיורי בארץ הקדושה״ אָדער קורץ: ״מזכרת משה״. דיעזע חברה—פינסקער איז געווען איהר פרעזידענט—האָט געהאַט דעם צוועק צו פֿעראייניגען אונטער זיך אַללע חובבי־ציון פֿון רוססלאַנד, דייטשלאַנד א.ז.וו. זיא האָט בעדאַרפֿט: 1) צו ערווירקען ביי דער רוססישער רעגיערונג אַ ער־לויבניס צו גרינדען אין רוססלאַנד אַ חברה פֿיר ישא״י. 2) צו בעזיי־טיגען דיא שוויריגקייטען וועלכע דיא טירקישע רעגיערונג האָט שוין דאַמאַלס אנגעהויבען צו מאַכען. 3) אַ קאָמיססיאָן נאך פּאַלעסטינאַ שיקקען אום צו שטודירען דיא בעשטעהענדע קאָלאָניעס און איבער־הויפּט ערפֿארשען דאס לאַנד. 4) גרינדען נייע קאָלאָניעס.

* *

פינסקער האָט אויף אַ צייט דאס פרעזידיום איבערגענומען. עס האָט געזאָלט זיך צוזאַמענשטעללען אַ אַקציאנס־קאָמיטע פֿון 18 מיטגליעדער. און פינסקער האלט אין איין זוכען אין אויסלאַנד ״גרוי־סע״ מעננער וועמען ער זאָלל קענען איבערגעבען דיא הנהגה פֿון דער חברה—און פֿינדעט ניט. דיא אויסלענדישע ״ברידער״ האָבען געזעבענט זייער פּפֿליכט פֿיר ערפֿיללט דערמיט וואָס זיי האָבען צור צייט פֿון דער גרויסער עמיגראַציאָן ״קאָמיטעטען״ געבילדעט און ״דאס שנארער־פֿאָלק״ ווייטער פֿון זיך טראנספּארטירט, ״אַוועק פֿון דיא אויגען״. דיא חובבי ציון אין קאַטאָוויץ האָבען געוואוסט אַז פֿון אַ נאַציאָנאַל־בעוועגונג טאר מען דאָ ניט רעדען ווענן מען וויל אַז דיא אויסלענדישע יודען זאָללען צוטרעטען. און דער זעל־בער פינסקער וואָס האָט אַזוי פֿייערדיג געשריעבען געגען צדקה־

סיסטעם האָט געמוזט אין קאַטאָוויץ ערקלערען אַז דאס גאַנצע איז ניט מעהר וויא אַ "פילאַנטראפישע בעוועגונג", אַז מען דאַרף העל-פען דיא "אָרימע" ברידער (צדקה-ציוניזמוס), נור דאס אַללעס האָט ניט געהאָלפען. דאס איז איבריגענס תמיד אַזוי: ווען מען פערקלע-נערט אַ אידעאַל כדי אַנהענגער צו געפינען—פועלט מען גאר ניט.— דער געוויסער יודישער היסטאָריקער גרעץ איז יא צוגעטראטען נור אַז ער האָט עפיס וויא דערשמעקט אַז דיא רוססישע חובבי-ציון זענען "לאומים" ר"ל (נאַציאָנאַליסטען) איז ער אבגעטרעטען. אין רוסס-לאַנד איז געווען "שלאַבעריג"; ניט אַללע חברות זענען צום "מזכרת משה" צוגעטרעטען, אַ טהייל וואָס זענען יא צוגעטרעטען האָבען דאס נעטהיגע געלד ניט געשיקט. און ווענן דאס ערשטע יאהר נאך דער אסיפה טראגט איין איבער 50 טויזענד רובעל זאָ בריינגען דיא אַנדערע יאהרען קיין פיערטעל. דיא ארץ-ישראל קאָלאָניען הערען דערווייל ניט אויף שטיצע צו פאָרדערען. פון פיעל גרויסע חברות וואָס האָבען זיך געגרינדעט מיט דעם צוועק צו קויפען לאַנד אין ארץ ישראל לאזט זיך אויך גאר ניט אוים. פון דער חברה ביל"ו (בית יעקב לכו ונלכה) וואָס האָט אַזוי פיעל רעש אנגעמאַכט זענען אויך נור געפאהרען נאך פאַלעסטינא אַ ערך פון 20 מיטגליעדער, געוועזענע סטודענטען, גימנאַזיסטען און אַזוי-אינטעליגענטען. און באַלד טאַקי זענען זיי אויך געוועזען אנגעוויעזען אויף שטיצע פון דיא חובבי-ציון. דיא קאַססע איז אָבער געוועזען כמעט לעדיג. ווענן דער באַראָן ראָטהשילד זאָלל ניט געוועזען נעהמען אַ טהייל קאָלאָניעס אונטער זיינע "פליגעל" ווער ווייסט וואָס עס וואָלט זיך פון זיי גע-וועזען אויסגעלאָזט.

פינסקערן ווערט דערווייל מיאוס דיזע קליינליכע אַרבייט. געלד שיקען דיא חברות כמעט גאר ניט, דערפאַר הערט מען אָבער זייערע קולות. יעדע חברה קומט מיט איהרע פלאַנען, פראיעקטען וויא אַזוי מען זאָלל מציל זיין דאס יודישע פאָלק. . . און פינסקער וואָלט זיך גערן אבגעזאָגט פון זיין פיהרערשאַפט נאר עס געלינגט אַלץ ניט נאך איין אסיפה אין קאַטאָוויץ צו מאַכען.

אין רוססלאַנד איז דערוויל געגצליך שטילל געוואָרען. דיא פאגראמען האָבען שוין לאַנג אויפגעהערט. דער עולם האָט אויפגע-הערט צו ל ו י פ ע ן נאך אַמעריקאַ און אַנדערע לענדער. דיא האָפ-

פֿען-שטעדט האָבען זיך אַ ביסעל ”אבגעריינינגט“, דיא קאָמיטעטען האָבען שוין אויך ניט עקסעסטירט. עס הערט זיך ניט מעהר דאס קרעכצען און קלאגען פֿון דיא לויפֿענדע מאַססען, ”דער מת איז פֿון דיא אויגען“, און דיא דייטשע, ענגלישע א.ז.וו. יודען זענען ניט מחויב מעהר ”רחמנות“ צו האָבען אויף דיא ”רוססישע“ שנאָררער“, וויא זיי האָבען די אויסוואַנדערנדע יודען גערופֿען. עס ווערט שטילל. דיא חבת-ציון בעוועגונג ווערט וואָס אַ מאָל שוואַכער. דאס פֿאָלק האָט שוין גענצליך אויפֿגעהערט צו האָפֿפֿען אַז עס וועט דורך דיא חבת-ציון געהאָלפֿען ווערען. דער קאָלאָניזאַציאנס-ציוניזמוס פֿערוואַנדעלט זיך אין צדקה-ציוניזמוס. דיא פרעססע בעשעפֿטיגט זיך כמעט שוין אויך ניט מעהר מיט דיעזער בעוועגונג. דא האָט שוין ניט געקענט זיין דיא רעדע פֿון געגנערישע צייטונגען—וואָס האָט מען דאָ צו בעקעמפֿפֿען? אַ צדקה-חברה?—פֿון צייט צו צייט הערט מען נאך אפילו וויא ערגעץ האָט זיך אַ נייע חברה מיט נייע תקנות (סטאַטוטען) געגרינדעט, דאַנן ווערט ווייטער טויד-שטילל. דיא מזכרת-משה האַלט אין איין שרייבען בריעף, שיקט וויסאָצקין נאך פּאַלעסטינא און סטאַרעט זיך צו בעקומען דיא ערלויבענים פֿון דער רוססישער רעגיערונג אויף אַ חברה פֿיר ישא“י צו גרינדען. אבשאַפֿען דיא ”גזירות“ פֿון דער טערקישער רעגיערונג איז זיי ניט בבח. אין תרמ“ו איז אין דרוזגעניג אַ קליינע אסיפה געוועזען, וואו עס זענען געוועזען עטליכע ”פֿיהרער“ און פֿיעל פראיעקטען פֿון דיא חברות. ווענן למשל דיא ”בני נחמיה“ שלאגען פֿאר ”מען זאָלל געבען דער בעוועגונג אַ עקאָנאָמישע געשטאַלט ניט אַ פֿילאַנטראָפּישע“ פֿאַרדערען דאַגעגען אַנדערע ”מען זאָלל געבען דער בעוועגונג אַ רעליגיעזע געשטאלט“, ”מען זאָלל שטעללען אן דער שפּיצע דער בעוועגונג רבנים מפורסמים און ניט משכילים“ א.ד.ג. דער רעזולטאַט איז אַז פֿונם ”פרעזידענטען“ פינסקער ווערט אַ ”גבאי ראשון“ און אונטער דיא 6 אַנדערע גבאים זענען 3 רבנים. נאך דעם אַללעמען ווערט ווידער שטילל. ראטהשילד שטיצט זיינע קאָלאָניעס, די חברה—”איהרע“. און דיא קאָלאָניסטען-פּיאָנערען, וועלכע האָבען זיך בעטראכט אַלס באַהן-ברעכער פֿיר דאס איבריגע פֿאלק מוסען עביג שטיצע בעקומען.

אין 1890 געלינגט עס ענדליך צו בעקומען דיא ערלויבנים צו גרינדען אין אדעססא אַ חברה ”צו אונטערשטיצען אַקער-בויער און

בעלי מלאכות אין פּאַלעסטינא און אין סיריען". מיט דער גרינדונג פון דער אדעססאר חברה האָבען זיך אַללע קליינע חברות פון רוס-לאַנד פערוואַנדעלט אין איין "אָפיציעלער צדקה-חברה". דער וואָס גיבט דריי רובּבעל איז ער אַ פשוט'ער מיטגליעד, וויל ער ווערען אַ "נכבד" דאַרף ער בעצאַהלען אַ געוויסע טאַקסע. עס איז דער איי-גענער "שישי" נור דאָ דינגט מען זיך ניט. . . "פעסטע פרייזען"... דיא "חברה" האָט קיין רעכט צו שיקקען נייע קאָלאָניסטען נאָך פּאַלעסטינא, זיא מעג נור קלייבען נדבות און מיטגליעדער-געלד פיר דיא בעשטעהענדע קאָלאָניען. און זיא קלייבט. . . ערב יום כפור שטעללט מען שיסאלעך "למען ישא"י" אנגעשריעבען מיט שיינע בוכשטאבען. אַ יוד געהט דאַווענען מנחה ערב יום כפור ווארפט ער אויך אין דיעזען שיסעלע אַ קאָפּיקע—צוויי און אַ מאָל טאַקי 5! האָט איינער חתונה און זיין פריינד האָט חשק צו זעהען זיין נאָמען גע-דרוקט שיקט ער העריין אין "המליץ" ח"י גראשען. און דאס פאָלק? דאס פאָלק ווייס כמעט ניט פון דער גאַנצער חברה! ביים גרינדען האָבען פיעלע געמיינט אַז "דאָ איז עפּעס" נור דערנאָך האָט מען אויפגעהערט צו מיינען. דיא אדעסאר חברה האָט זיך כלל דיא מיהע ניט געגעבען צו פערשפרייטען דעם געדאַנקען פון חבת-ציון צווי-שען פאָלק, וועד שמיעסט שוין פון פערשפריטען יודישע ליטעראַ-טור, יודישע געשיכטע. דאס וועט גאר קיינעם ניט איינפאַללען צו פאָרדערן פון "דיעזער" חברה.

אין יענער צייט—בעת דער גרינדונג פון דער חברה—גרינדען זיך אויך פריוואַט-חברות פון רייכערע און מיטטלערע בעלי-בתים מיט'ן צוועק אויף אייגענע הוצאות זיך לאַנד אַנשאַפען אין ארץ-ישראל. יעדע חברה שיקט איהרען אַ דעלעגאַט אַהין אויסזוכען ערד. עס הויבט זיך אן דאַמאַלס וויעדער אַ ביסעל רעש'ן. דיא שרייבער האָבען וויעדער זיך גענומען צו זייער "ארבייט": פאַבריצירען מאמרים. זיי זוכען צו דערהיצען דעם עולם און בריינגען ידיעות פון ארץ-ישראל ניט געשטויגען ניט געפלויגען. "דורך זייער גרויסע התלהבות גלויבען זיי (דיא שרייבער) צו נוצען דעם רעיון פון ישא"י דורך אויסגעטראכטע בשורות טובות" (על פרשת דרכים 35). דיא דעלעגאַטען אין ארץ ישראל אַנשטאַט זיך צו פער-איינינגען קאָנקורירען זיי אונטער זיך "ערגער וויא קרעמערליך און

פֿאַקטוירים“ (אחד-העם אין זיין ”אמת“). חברות לאָפּנעז, חברות
גרינדען זיך. אַללע אַרבייטען ווייעדער אָהן אַ שום פּלאַנן, אָהן אַ
סדר. יעדע חברה פֿאַר זיך, און יעדער דעלעגירטער אין ארץ-ישראל
בעטראַכטעט דעם צווייטען אַלס אַ געגנער. נור דאס אַללעס דוי-
ערט ניט פֿיעל. באַלד ווערט ווייעדער גאַנץ שטילל און רוהיג. דיא
אדעסער חברה טוהט זיך איהר׳ס: קלייבט געלד און שיקט נאַך
פּאַלעסטינא. עס האָבען זיך דערוויילע אויך אין אַנדערע ערטער וויא
אין פּאַריז, לאָנדאָן, בערלין א.ז.וו. געגרינדעט חברות פֿיר ישא“י,
נור אַללע זענען צדקה חברות. קיין איינציגע האָט מיט דער גאַנ-
צער יודישער נאַציאָן ניט צו טהון. זיי פֿערפֿאָלגען קיין נאַציאָנאַלען
צוועק. דערפֿאַר איז טאַקי קיין וואונדער וואָס דאס פֿאָלק אינטע-
רעסירט זיך מיט זיי ווייניג, אָדער וויים כלל ניט פֿון זיי, פֿון באַ-
ראָן ראָטהשילד׳ס סיסטעם איז שוין ניטא וואָס צו רעדען. ער האָט
איבריגע מילליאָנען, ווילל ער העלפֿען עטליכע הונדערט פֿאַמי-
ליען.— מאָצקין האָט אויף דעם 2-טען קאָנגרעסס פֿיעל
פֿעהלער אויפֿגעדעקט אין דער ראָטהשילד׳שען אַדמיניסטראַציאָן,
ער האָט אונז געשילדערט דיא טרויעריגע לאַגע פֿון דיא ”אונטער-
טעהניגע“ קאָלאָניסטען וואָס זיי מוסען אויסדולדען פֿון דער אַדמי-
ניסטראַציאָן וועלכע איז פֿיעל ערגער אַלס ”פּאָליציי“ א.ז.וו. ער האָט
בעוויזען וויא אַזוי דאס אונטערשטיצונגס-סיסטעם האָט שלעכט
געווירקט אויף דעם גייסטיגען צושטאַנד פֿון דיא קאָלאָניסטען, וויא
זיי זענען געוואָרען שנאָררער א.ד.ג. נור—ווער האָט דענן געקענט
ערוואַרטען עפּעס בעססערס? און ווענן דיא אַדמיניסטראַציאָן זאָלל
שוין געוועזען זיין פֿיר זיך זעהר גוט אויך דאַנן וואָללט דער צדקה-
ציוניזמוס ניט פֿיעל געקענט טהון. אין דיא לעצטע עטליכע חדשים
האָט ראטהשילד ”זיינע“ קאָלאָניעס איבערגעגעבען דער יק“א (יו-
דישע קאָלאָניזאַציאָנס פֿעראיינינונג) אפשר וועט דארט בעססער גע-
העז. נור יעדענפֿאַלס בלייבט עס צדקה-ציוניזמוס.

און פּלוצלונג ווערען דיא אַלטע חובבי-ציון באַלעבט. מען
רעש׳ט ווייעדער. דיא פּרעססע האָט ווידער אויפֿגעהויבען איהר שטי-
מע. וואָס איז?—אין באַזעל האָט אין 1897 אַ ציוניסטען-קאָנגרעסס
שטאַטגעפֿונדען. נור איידער מיר געהען איבער צו דיא קאנגרעסען
מוסען מיר צוערשט דערמאנען דעם ”יודענשטאַאט“ פֿון הערצל און
בעשפרעכען דיא צייט ווענן דער קאנגרעסס האָט שטאַטגעפֿונדען.

3.

די אלגעמיינע לאגע.

די לאַגע פֿון דיא יודען פֿאר דעם קאָנגרעסס איז אים אַללגעמיינעם געוועזען פֿיעל ערגער אַלס אפילו צו דער צייט פֿון דיא פּאגראמען. (פֿון נאכ'ן קאָנגרעסס ביז אויף היינטיגען טאָג ווערט זיא נאך ערגער און ערגער.) אויף דעם ערשטען בליק קענען מיר מיינען אַז ערגערס וויא דיא פאגראמען: עפֿענטליכעס רויבען יודישעס אייגענטהום און עפֿענטליכע ערמארדונג איז שוין ניטא. נור דאס איז אַ טעות. פֿאר דעם איינצעלנעם יודען וועלכער ווערט געראַבעוועט, געשלאגען א.ז.וו. איז וואהל קיין ערגערעס ניטא אויסער דעם אַז מען ערמארדעט איהם געגצליך. פֿאר דעם *כלל* ישראל אָבער קאנן דיא לאַגע פֿיעל געפֿעהרליכער זיין ווענן אפילו מען ראַבעוועט ניט. דיא עפֿענטליכע רויבערייען קענען יעדענפֿאַלס ניט לאַנג דויערען. דאס זענען נור "בייזע מאָמענטען" אין דער יודישער געשיכטע. אַזעלכע בייזע מאָמענטען שאַדענדיג *איינצעלנע* יודען ברייגגען זיי נוצען דעם *גאַנצען* פֿאָלק. דאס פֿאָלק ערוואַכט דאמאלס, עס הייבט אן צו *דענקען*; דיא *מאַססע דענקט*! נאַטירליך ווינשען מיר ניט אַז אַזעלכע בייזע מאָמענטען זאָללען פֿארקומען אום דעם נוצען פֿון זיי צו ציהען פֿאר'ן כלל. דיעזער נוצען קאָסטעט פֿיעל אפּפֿער, נור דאס איז שוין איינמאל אַזוי: שלאגט מען למשל איין יודען אין ניקאָלייעוו חאפט זיך אויף אַ קיעווער יוד א.ד.ג.—

פֿיעל מעהר האָט געשאַדעט דעם גאַנצען פֿאָלק דיא סיסטעמאַטישע אַרבייט פֿון דיא אַנטיסעמיטען. זיי דערשלאגען ניט נור אונזער קערפּער נור אויך דעם גייסט. דאס האָט געבראכט דערצו אַז פֿאר דעם קאָנגרעס, 16 יאהר נאך דיא פּאגראמען, איז אונז אומעדום ערגער געגאַנגען. אין מזרח-איירא‍פּא איז קודם-כל דיא "זאַכליכע נויטה" (וויא נארדוי בעצייכענט דאס אָרימקייט, דאס מוטשען זיך אַ שטיקעל ברויט צו פֿארדינען) וועלכע פֿארביטערט אונזער לעבען. דיא יודישע בעפֿעלקערונג וועלכע בעשטעהט אויס עטליכע מילליאָן איז אין דער טשערטאַ צונויפֿגעפּאַקט וויא הערינג אין דיא פֿעסליך, אָהן לופֿט, אָהן לעבען. דיא "טשערטאַ" דאס איז

דאַסזעלבע אַמאָליגע גהעטאָ. ווענן גהעטא הייסט דיא יודענגאַס אין אַ שטאדט זאָ איז דיא "טשערטאַ" (דער תחום-המושב) דיא יודענגאַס אין אַ לאַנד. אין דיעזען גרויסען הערינג-פאַס מוסען זיך אַללע ערנעהרען איינער פון אַנדערען. יעדע "יודישע" פרנסה וועלכע קאַנן געבען ברויט צעהן מענשען למשל מוס ווערען אַ ברויט-געבערין פיר טויזענדער. נור וואס דאס ערגסטע איז וואָס אויך דא אין דיעזען הערינג-פאַס הערשט דיא זיטטליכע-נויטה. נארדוי האָט אַ גרויסען טעות מיט זיין איינטיילונג אַז דיא רוססישע יודען ליידען נור מאטעריעל און ניט גייסטליך, זיטטליך. אפשר האָט ער רעכט מיט דיא יודען אוים מאראקא, פערסיען א.ד.ג. און אפשר אויך מיט דיא גאַליציאַנישע יודען.—רוססלאַנד איבערהויפט האָט אין דיא לעצטע צוויי צעהנדליג יאהרען זיך געגעבען אַ רוק פאָרווערטס. אויך דיא "טשערטא" איז ניט אבגעשטאַנען. דורך דיא אייזענבאַהנען וועלכע ענטוויקלען זיך דארט מעהר און מעהר זענען דיא יודען אַלס נעהענטער געקומען מיט דער אויסענוועלט. דיא בעדירפניסע וואַקסען פון טאָג צו טאג. און דאס איז דאך אַ טהאַטזאַכע אַז וואָס מעהר דיא בעדירפניסע פון אַ פאלק, פון אַ קלאַסע מענשען וואַקסען—אַלס העכער, קולטורעלער שטעהט דאס פאָלק, דיא קלאַססע און אומגעקעהרט. נור מיט'ן וואַקסען פון דיא בעדירפניסע זענען נ י ט געוואַקסען דיא מעגליכקייטען דיעזע בעדירפניסע צו בעפריעדיגען. און ניט נור דיא מאטעריעלע-בעדירפניסע זענען געוואַקסען נור אויך דיא גייסטיגע. ווענן אין דיא 80-ער יאהרען האָבען פיעל רוססישע יודען בעטראכטעט אַ קורצען ראָק, קורצע פאות פאר אַ אפקורסות, צו בעזוכען אַ שקאָלאַ—אַלס דאס גרעסטע רעליגיעזע פערברעכען האָבען דיא ז ע ל ב ע יודען אין דיא נייינציגער יאהרען זיך געמוטשעט, געאַרבייט כדי זייערע קינדער זאָלל מען אין דיא גימנאַזיעס, רעאַל-שולען א.ד.ג. צונהעמען. אמת, דאס שמוטציגע חדר הערשט נאך כמעט אומעדום נור כמעט יעדער האָט שוין אַנערקענט דעם שמוץ דארטען, כמעט יעדער וויים שוין דעם פארטהייל פון אַ גוטער, געזונדטער שולע. ווען מען האָט געדארפט אַ מאָל שטירמען מיט מאמרים געגען דיעזע "ערציעהונגס-אַנשטאלטען" איז היינט דאס כלל ניט נעטהיג. עס געניגט נור אנצוווייזען די מעגליכקייט צו גרינדען אַ מוסטער-חדר, אַ שולע א.ד.ג. און דאס פריהערע חדר ווערט אַוועקגעבלאזען. נור דאס איז עבען דיא צרה:

דערקענענדיג, דערוויסענדיג זיך וואָס איז שלעכט האָט דיא מאַססע נאָך ניט ערגריפֿען וויא אַזוי דאס גוטע, דאס בעסערע צו בעשאַ-פֿען. דאס זעהען מיר אין יעדער קהל-אַנגעלעגענהייט. וויא אויף דיא חדרים אַזוי האָט מען אויך אָפֿט אנגעוויעזען אויף דיא פֿערשיעדענע "חברות" וואו עס הערשט קיין ארדנונג, וויא יעדער טוהט דארט וואָס איהם געפֿעלט א.ז.וו. דער עולם פֿערשטעהט שוין דאס, נור ער פֿערשטעהט נאָך ניט ווי א אַזוי בעסערע חברות צו גרינדען א. ז. וו. קורץ: דיא מאַססע אין דער טשערטא האָט זיך פֿיעל געהעבערט. און דערפֿאר פֿיהלט זיך אויך שטארק דיא "זיטטליכע נויטה". דיא פֿריהערע משכילים האָבען זיך כמעט אַללע אין אייראפעאישע "אינ-טעליגענטען" פֿערוואַנדעלט. דאס איז ניט נור אַ אַנדער נאָמען. אַ יודישער משכיל ווייסט נור אַז ער דארף מלחמה פֿיהרען מיט יודישע פֿינסטערע מנהגים, ער קאנן נור דיא יודישע וועלט מיט איהרע חסרונות, ער בעאורטהיילט אַלעס פֿונם יודישען שטאַנד-פונקט. און ווענן ער וויל למשל אנווייזען אויף עפעס אַז עס טויג ניט, אַז עס בריינגט שאַדען דעם פֿאָלק ווייזט ער דאס אן מיט אַ פסוק... מיט דער תורה... אַ יודיש-אייראפעאישער אינטעליגענט אָבער בע-טראַכט דיא יודישע וועלט מיט גאר אַנדערע אויגען. ער איז ניט נור בעקאַנט מיט דעם יודישען לעבען נור קאנן ער אויך, און ווייסט וויא אַזוי אַנדערע פֿעלקער לעבען. זיין קוק איז טיעפֿער, ברייטער.— ניט אַללע "משכילים" האָבען זיך פֿערוואַנדעלט אין "אינטעליגענ-טען". פֿיעלע האָבען דערצו ניט געהאַט דעם נעטהיגען כח, ענער-גיע און זיי זענען שטעהען געבליבען. שטעהען בלייבען הייסט שוין צוריק געהען. אין לעבען טאר מען אויף קיין רגע שטעהען בלייבען. בלייבט מען אָבער שטעהען זאָ געהט דער לעבענס-שטראם פֿאר איהם פֿארביי איהם צוריק שטויסענדיג. אַזוי זענען אַ טהייל משכילים צוריק געבליעבען. זיי האָבען חתונה געהאַט, געוואָרען 'איידימליך', געגעסען קעסט און דאַן געוואָרען פשוטע יודען, פשוט אין אַלע אופנים אָהן שום אידעאַלען, אָהן שטרעבונגען אויסער אפשר נור געלד צו פֿערדיענען וואָס מעהר. דיא משכילים-אינטעלי-גענטען ווידער זענען אַזוי וויט פֿערקראכען אַז זיי זענען גענצליך אב-געריסען געווארן פֿון יודישען פֿאלק. דאס אַרבייטס-פֿעלד איז זיי ענג געוועזען. יונגע כוחות זוכען תמיד אַרבייט, גייסטיגע אַרבייט. דאס יודישע לעבען, דיא יודישע "ווירקליכקייט" האָט ניט געקענט

צו-ציהען צו זיך דיעזע יונגע אַרבייטס-זוכענדע מענשע. אַזוי בלייבט אונזער פֿאלק אָהן אַ אינטעליגענץ. מען מעג זיין דעמאָקראַטיש וויא אַזוי מען וויל מוס מען דאָך מודה זיין אַז דיא אינטעליגענץ פֿון יע-דען פֿאָלק איז תמיד דיא פֿאַקטישע פֿיהרערין פֿונם פֿאלק. דיא מאַס-סע קאנן מען תמיד בויגען אַהין און אַהער.—אָט אַזוי איז דיא יודישע מאַססע געבליעבען אָהן דער וועג-ווייזערין. אין דער מאַססע אַליין, אין אַלע קלאַסען האָבען געשלומערט קרעפֿטע, ווינשע, שטרעבונגען נור האָט דאס אַלעס ניט געקענט געפֿינען דעם וועג. עס זענען אויך געוועזען אַ טהייל אינטעליגענטען, וואָס האָבען זיך ניט גאַנץ ער-ווייטערט פֿונם פֿאלק, עס זענען אויך געוועזען אַ טהייל משכילים וועלכע זענען נאך ניט גאַנץ איינגעשלאָפֿען—זיי האָבען געזוכט עפּעס צו טוהן נור זיי האָבען אַליין ניט געוואוסט צו וואָס צו נעהמען זיך. דיא צאהל פֿון דיא אינטעליגענטען וואָס האָבען זיך געוואָלט אומקעהרען צום יודישען פֿאָלק איז אויך געוואַקסען, דאס איז וויל זיי האָבען זיך ביסליכווייז איבערצייגט אַז דאָרט דארף מען זיי ניט האָבען, אַז דארט וויל מען זיי ניט האָבען—נור האָבען זיי גאַנץ קלאר ניט געוואוסט צו וואָס זיי זאָללען זיך נעהמען. אַזוי איז אין יודיש-רוסישען פֿאָלק געוועזען פֿאָרבערייטעט קרעפֿטען וועל-כע האָבען וויא—געוואַרט אויף אַ שטויס, אויף אַ וועג-ווייזער.

אין גאַליציען, אין רומעניען געהט דיא יודען נאך ערגער מא-טעריעל. גייסטיג שטעהען זיי אויך ניעדעריגער. איבערהויפט איז דער כלל תמיד מקוים געוואָרען ״אם אין קמח אין תורה״, אַז עס איז ניטא ברויט—איז ניטא צום ברויט. . . דאס גייסטיג-מאָראַלישע לעבען הייגנט פֿיעל אב פֿונם מאטעריעלען און אויך—טהיילווייזע—אומגעקעהרט. דאס לעבען פֿון דיא יודען פֿון אַנדערע פֿינסטערע לענדער וויא מאראקא א.ד.ג. אויך אַלזשיר איז נאך געוועזען ביטע-רער. נור מיר ווילען דא ניט אבמאָלען אַ שוואַרצעס בילד פֿון דיע-זען לעבען—דא איז ניט דער אָרט דערפֿון.—ערגער, פֿיעל ערגער אַלס אין די 80ער יאהרען איז אויך די לאַגע פֿון די יודען אין מערב-אייראפּא, פֿון דיא עמאַנציפּירטע יודען. דער אַנטיסעמיטיזמוס איז געוואַקסען אָהן אַ שיעור. ניט נור אין דער צ א ה ל נור אויך אין דער ט י ע ף. דיא ווערטער ״גלייהכייט״, ״דולדונג״ א.ד.ג. הערט מען שוין לאַנג ניט, אויך דער ק ל אַ נ ג פֿון זיי איז שוין פֿערשוואונדען.

צווישען דיא אַנטיסעמיטען און יודען איז אַ מלחמה אויף לעבען און טויד. אַ ״הויכגעבילדעטער״ יוד, אַ דאָקטאָר, אַדוואָקאַט א.ד.ג. דאַרף ניט וואַגען אין אַ געזעלשאַפֿט פֿון ניט-יודען זיך אויסגעבען פֿאַר אַ יודען. אין רעסטאָראַן, אויף דער גאַס, אין דיא שפּאַציערערטער, אין דיא באַהנען—אומעדום ווערט עפֿענטליך געשימפֿט איבער דעם יודישען פֿאָלק. דיא אַללע וויטאַגען, אינערליכע צרות, קריינקונקען וואָס דער אַריער האָט אין זיך אנגעזאַממעלט אין אַ צייט פֿון יאהרען געגען פֿערשיעדענע מענשען לאזט ער אויס צום יודען. דער יוד איז דאס כפרה היהנדעל. ״דער יוד ווירד פֿערבראַנט״. און דער אייראפעאישער יוד פֿיהלט זיך רעכט אונ-בעקוועם. ער וויל זיך נאך פריפֿען איינרעדען אַז דאס אַללעס וועט פֿארביי זיין, נור ער קען זיך ניט דאס לייכט איינרעדען. דער אייראפעאיש-געבילדעטער יוד אין מערב-אייראפא פֿיהלט שוין גאַנץ געשמאַק אַז ״ער איז אומעדום און נירגענדס״, נור ער איז אָבער זיטטליך אַזוי געזונקען אַז ער קאנן ניט דעם ריכטיגען שלוסס ציעהען פֿון דיעזען זאַטץ. אַז עס ערטענט דער רוף ״קויפֿט ניט ביי דען יודען!״ האָט ער—דער יוד—ניט אַזוי פֿיעל קראַפֿט אין זיך דיעזען רוף געגען צוווירקען נור זוכט ער ״זיך ניט ערקענען צו געבען״. הערט ער אין רעסטאָראַן ״פֿערפֿלוכטער יוד״, כאפט ער דעם הוט און אַנטלויפֿט, אָדער ער שמייכעלט נידריג-נאַרריש כדי מען זאָלל מיינען אַז ער איז ניט אַ יוד. ערציילט מען פֿון דעם וויא דיא יודען ״בעראַבעווען״ דאס פֿאָלק חאַפּט ער און גיבט נדבות אויף קירכען א.ד.ג. אָט אַזוי האָט דער אַנטיסעמיטיזמוס שעדליך געווירקט אויף דער נשמה פֿון יענע ״געבילדעטע״ ברידער. נור ער האָט אָבער אויך אין אַ אַנדערער זייט געווירקט. עס זיינען אויך פֿאַראַנען איינצעלנע וועלכע שטעהען זיטטליך-מאָראַליש גענוג הויך וועלכע האָבען זיך ניט ״פֿארשטעלט״, פֿארלייקענט זייער יודענטום. זיי בעגניעגען זיך ניט מיט ליידען, זיטטליך ליידען אַליין נור וויללען זיי, זוכען זיי עפּעס צו טהון פֿאַר דעם גאַנצען פֿאָלק. אמת, ניט פֿיעל זענען פֿאראַנען אַזעלכע עלעמענטע נור זיי זענען דאָך דאָ, מעהר אַלס מיר דענקען. אַ טהייל פֿון דיעזע זענען שפּעטער צוגעטרעטען צום ציוניזמוס אַ טהייל שטעהען נאך פֿון וויטען און זוכען אַרבייט.—

אין אַזאַ צייט האָט הערצעל אנגעשריבען זיין "יודענשטאַאַט". עס איז אַלזאָ קיין וואונדער ניט וואָס דאס ביכעל האָט פֿיעל מעהר אויפֿמערקזאַמקייט ערוועקט אַלס פינסקער'ס "אויטא-עמאַנציפּאַצ-יאָן" צוואַר ביידע ביכלעך האָבען דעםזעלבען אינהאַלט. דיא צייט, דיא אומשטענדע זענען געוועזען מעהר פֿאַרבערייטעט. דאס אַלעס האָט הערצל גענוצט אויסצוניצען. נור דער אונטערשיעד פֿון פינ-סקער'ס פערזאָן ביז הערצעל'ס איז אויך איינע פֿון דיא אורזאַכען וועלכע האָבען געווירקט לטובת הציוניזמוס. נור לאָמיר נעהענטער בעטראכטען דיעזע פערזאָן מיט זיין ווערק.

4.

הערצעל און זיין „יודענשטאאט"

דיא געלעהרטע וועלט דיסקוטירט שוין לאַנג דיא פֿראגע: "איבער דיא וויכטיגקייט פֿון איין פערזאָן אין דער היסטאָריע", איבער דיא "היסטאָרישע פערזענליכקייט". אַ טהייל זאָגען אַז וויא גרויס דיא פערזאָנען זאָלל ניט זיין איז זיא דאָך ניט אומשטאנד "היסטאָריע צו מאַכען". דאס וואָס דיא גרויסע פערזענליכקייט בעשאַפֿט איז אַ פראדוקט, אַ ווירקונג פֿון פֿיעל אורזאַכען. אַללעס געהערט דער צייט אין וועלכער דיעזע פערזאָן לעבט, ניט איהם, וויל ער אַליין איז אַ פראדוקט פֿון זיין צייט. דיא צייט שאַפֿט דורך איהם דאס אַללעס וואָס מען מיינט אַז ער האָט בעשאַפֿען א.ז.וו. אַנדערע דאַגעגען זאָגען אַז דיא היסטאריא ווערט בעשאַפֿען פֿון גרויסע פערזענליכקייטען ניט דיא היסטאריא בעשאַפֿט דיעזע "גרויסע". זיי לייקנען ניט דיא ווירקונגען פֿון פֿיעל אַנדערע אומשטענדע נור—זאָגען זיי—אַז אַ "גרויסער מענש" איז בכח דורך זיין גרויסקייט, דורך זיין זשעניע גרויסעס צו בעשאַפֿפֿען.

מיר ווילען זיך דא כלל ניט הערייננמישען אין דיעזען ענין, שוין דערפֿאר וויל מיר זענען דאָ ניט מאַסגעבענד און מיר בעטראכטען אויך ניט הערצלע'ן פֿאר אַזאַ גרויסען מענשען פֿון וועלכען דיא

טאָריא“ בעשאַפען ניט גרויסע מענשען סיי דיא וואָס בעהויפּטען דאס אומגעקעהרטע—זענען מודה אַז דיא פּערזאָנען דורך וועלבער דיא היסטאריא ווירקט מוס זיין ניט אַ געוועהנליכער מענש. ער מוס העכער שטעהען פון דער מאַסע, ניט נור פון דער פשוט'ער מאַסע (המון) נור העכער פון דיא געוועהנליכע "גרויסע" מענשען. מיר האָבען פריהער געזאָגט אַז מיר האַלטען כלל ניט הערצעל'ן פאר אַ זעהר גרויסע פּערזענליכקייט—דאך מוסען מיר מודה זיין אַז ער האָט עפּעס אין זיך וואָס מאכט איהם גרעסער פון זיינע חברים, פון זיך אַליין. . . אויס דיעזען גרונד וועט אפשר ניט איבריג זיין איבער זיין פּערזאָן עטליכע ווערטער צו זאָגען.

דאס ערשטע מוסען מיר זאָגען אַז דאס איז אַ שרעקליכער דעספּאָט.. מען זאָגט אַז יעדער "פיהרער", יעדער וואָס שטעהט אן דער שפּיצע פון אַ בעוועגונג דאַמיט ער זאָלל קאָנען "פיהרען" מוס האָבען אַ פעסטען חאַראַקטער, אַ "אייזערנעם וויללען", ער מוס זיין אַ דעספּאָט. עס איז פיעל אמת אין דיעזען "זאָגען", נור אַללעס ביז געוויסע גרענצען. הערצעל'ס הערשענדער חאַראַקטער וויים אָבער קיינע גרענצען. דער וואָס איז געוועזען אויף דיא קאנגרעסען און דער וואָס קוקט זיך נאהענט צו "וואָס עס טוהט זיך אין וויען" דער וועט אונז מוסען רעכט געבען. מיר וועללען שפּעטער ביי דער בעשפּרעכונג פון דיא קאנגרעסען מאנכע פאַקטען ברייגען וועלכע וועללען אונזער מיינונג בעשטעטיגען. נור מעהר פון דיא אַללע פאַקטען קעננען אין דעם איבערצייגען דאס זיין נור עטליכע שעה אויפ'ן קאָנגרעס. הערצעל אַכטעט ניט אויף דעם וואָס יענער זאָגט, ווענן דער "יענער" זאָלל אפילו זיין דאס גאַנצע יודישע פּובליקום. ווענן עס שיינט אַז הערצעל האָט זיך נאָך געגעבען זאָ שיינט עס עבען נור! דאַמיט הערצעל זאָלל זיך ווירקליך נאכגעבען איז נעטהיג איהם צו צווינגען, איהם צו ווייזען אַז עס איז אָהן איהם אויך אַ "כח" פאראנען—בעווייזט מען איהם דאס ניט וועט ער אַללעס אונטער זיך אונטערבויגען. אַללע גרויסע וועלט-מענשען האָבען אַזאַ חאַראַקטער געהאַט. און אפשר טאַקי דערפאר זענען זיי געוועזען "גרויס". הערצעל'ס חאַראַקטער, זיין דעספּאָטיזמוס, איז

אַלזאָ אפשר נעטהיג אום אַ בעשאַפֿענע בעוועגונג וויטער צו פֿיה-
רען. מען קענן זיך ניט לייכט פֿארשטעלען דיא שוויריגקייטען פֿון
צו זיין אַ פרעזידענט פֿון אַ "יודישען" קאָנגרעס. מיר אונטערשטריי-
כען דאס וואָרט "יודיש" ווייל אויף דעם יודישען קאָנגרעס קוממען
וויא בעקאַנט ערשטענס מענשען פֿון פֿערשיעדענע לענדער ד. ה.
אַלזאָ שוין אַלליין פֿערשיעדענע חאַראַקטערע, טיפען. דאַנן קוממען
אויך מענשען מיט גענצליך פֿערשיעדענע אַ נ ז י כ ט ע ן, איבערציי-
גונגען, וועלטס-אַנשויאונגען. דיא אַללע פֿערשיעדענהייטען שפיע-
געלן זיך אב אויפֿ'ן קאנגרעס כמעט יעדע סעקונדע. דאס איז אין
פֿאללעם זינען פֿונם ווארט אַ "וועלטס-קאנגרעס". און ווענן מיר
פֿארגעססען ניט דיא ריין ספעציפֿיש-יודישע פֿעהיגקייט "מטהר צו
זיין אַ שרץ מיט ק"ן טעמים" דאמאלס קאנן מען זיך אפשר פֿאר-
שטעללען דיא שוויריגקייטען פֿון צו פֿיהרען אַזאַ קאנגרעס. און
הערצעל'ן איז שוין פֿיער מאל געלונגען צו פֿיהרען פֿון אנהייב ביז'ן
סוף דעם קאָנגרעס. ער גיבט איבער צייטענווייז דיא פֿיהרערשאַפֿט
אַ אַנדערן נור אַזוי וויא ער מערקט אַז דא קאנן עפעס פלאַטצען,
אויסברעכען, ער הערט זיך צו וויא עפעס אַ רעדעלע אין מעכאַניזמוס
געהט ניט, דרעהט זיך ניט וויא אַזוי ע ר האָט געוואָללט—חאַפּט
ער תיקף דיא לייצען אין זיינע הענד און מאַכט וואָס ער וויל. מען
זעהט אַלזאָ אַז אין מאַנכע הינזיכטען אי זער ווירקליך גלייך געוויסע
"וועלטס-מענשען", נור איהם פֿעהלט אָבער עפעס וואָס דערפֿאַר
ווערט ער גאר קליין. ער איז נעהמליך קיין פסיחאָלאָג. הערצעל קאנן
ניט לעזען אין דיא נ ש מ ה פֿון דיא מענשען מיט וועלכע ער האָט
צו טהון. ער איז פֿעהיג נור דאס א ו י ס ע ר ל י כ ע געניי צו בעמער-
קען, זיין אויג לאזט ניט דורך דיא קלענסטע זאַך נור דאס א י נ ע ר-
ל י כ ע פֿערשטעהט ער ניט. און דערפֿאַר "ציעהט ער אָפֿט איבער
דיא סטרונע" און ווער ווייסט צי וועט דיא סטרונע ניט לאָפּנען. . .

אויף דעם דריטטען קאָנגרעס האָבען שוין פֿיעלע נאכגעקלערט, אַ
ביסעל הערויסגעזאָגט אַז עס פֿעהלט אַ אַנדערער "פֿיהרער" און
ד ע ר פֿ אַ ר "איז הערצעל לעת-עתה אונז נעטהיג". הערצעל איז
נאַטירליך דעם ציוניזמוס גענצליך איבערגעבען. זאָלל דאס זיין אויס
כבוד אָדער ניט דאס איז אַללעם איינס. ווענן אַ מענש אַרבייטעט
ערנסט פֿיר זיין פֿאָלק איז ער אויך ווערטה דעם כבוד וואָס מען גיט
איהם נור טאר "ער זיך ניט איבערהעבען" און דאס—וויא עס

שיינט—טוהט הערצעל אָפּט. אין דייטשלאַנד א.ז.וו. האָט מען הער־צעל'ן גאר ניט ליעב. איך רעד שוין ניט פֿון דיא וואָס זענען איהם חושד אין דיא שענדליכסטע זאַכען. דאס איז תמיד דאס לאָז (גורל) פֿון דיא מענגער וועלכע טוהען עפּעס לטובת עמם. נור עס זענען אויך פֿאראנען עהרליכע געגנער וועלכע בעהויפּטען אַז "הער־צעל איז אַ שאַרלאַטאַן" ד. ה. דאס גאַנצע טרייבט ער נור אום זיך אַ פֿערגניגען צו פֿערשאַפֿען. מיר, רוססישע ציוניסטען, אָבער וועגן מיר וויסען און ווייזען אן אויף הערצעל'ס פֿעהלער, און גרויסע פֿעהלער ווייסען דאָך אַז הערצעל איז מיט לייב און זעעלע איבערגעגעבען דער הייליגער זאַך. נור איז 'עס נעטהיג אַז מיר אַללע זאָללען וויסען זיינע פֿעהלער און מיר זאָללען שטאַרק געגוג זיין איהם צו אונז הערונטער צו בויגען ניט מיר צו איהם.

דיעזער הערצעל האָט אין אויבען־בעשריעבענער צייט, אין 1896 פֿערפֿאַסט זיין "יודענשטאַאַט" (פֿערזוך איינער מאָדערנער לעזונג דער יודענפֿראַגע) אין דייטשער שפּראַכע. ער הויבט אויך אן—וויא דר. פינסקער— מיט'ן אַנטיסעמיטיזמוס, דאנן זוכט ער צו בעווייזען אַז דיא אַללע לעזונגען פֿון דער יודענפֿראַגע וועלכע מען האָט אנגעווענדעט האָבען גאר ניט גענוצט וויל זיי האָבען ניט גע־קענט ניצען. און דאַנן צייכענט ער אן אַ אויספֿיהרליכען פּלאַנן וויא אַזוי מען קאַנן, און מען זאָלל גרינדען אַ יודענשטאַאַט. מיר ווילן אונז אויך מיט דיעזען פּלאַנן אויספֿיהרליך ניט בעשעפֿטיגען, און מיר בעטראַכטען פֿאַר אונזינן דאס וואָס איינינגע געגנער פֿונם ציוני־זמוס זוכען פֿעהלער אין הערצעל'ס פּלאַנן. זיי ווילל ען ניט פֿערשטעהען אַז דער פּלאַנן וויא שיין ער זאָל ניט זיין איז גאר ניט ווערטה, לחלוטין גאר ניט! דער עיקר איז דיא אידעע, דער געדאַנ־קען. און מיר וויסען שוין אַז דיא אידעע פֿון צו גרינדען אַ יודענ־שטאַאַט געהערט ניט הערצעל'ן. ניט ער איז דער ערפֿינדער פֿון איהר, וואָס ער זאָגט אַלליין איבריגענס אין זיין פֿאררעדע. קורץ וויל־לען מיר איבערגעבען דעם פּלאַנן: מען זאָלל גרינדען ארטס־גרו־פּען; עס זאָלל זיך גרינדען אַ גרויסער פֿעראיין וועלכער האָט אויס־צופֿיהרען דעם טהעאָרעטישען פּלאַנן ד. א. צו באקוממען דיא "עפֿענטליכע־רעכטע" ד. ה. דיא צושטיממונגען פֿון אַללע רעגיע־רונגען אויף דער גרינדונג פֿונם יודענשטאַאַט. עס דאַרף זיך אויך

גרינדען א מין אקציאן-געזעלשאפט וואס דארף די פראקטישע זייט אויספיהרען: לאנד צו קויפען, אייזענבאהנען, פאבריקען א.ז.וו. צו מאכען. דיא קאלאניזאציאן צו רעגעלן א.ד.ג. א.ד.ג. ער רעדט פון קאנגרעסע א.ז.וו. פון א באנק א.ד.ג. הערצעל האט קורץ אין קיין זאך פערגעסען וויא דיא שפראכען-אנגעלעגענהייט, בעאמטענטום, ארבייטס-צייט, געזעצטס-געבונג א.ז.וו. א.ז.וו. לעזענדיג דיעזען פלאנן קאנן מען מיינען אז פונקט מארגען גרינדעט זיך שוין דער "יודענשטאאט" און הערצעל מאכט פערטיג א "פערפאסונג" (קאנ-סטיטוציאן). דער וויכטיגסטער פונקט: וויא אזוי מען זאל ע ר ר י י כ ע ן דעם יודענשטאאט—איז דארט זעהר שוואך בעארבייטעט. און אז מיר דערמאנען נאך אז אויך פאר הערצעלן—אלס מחבר פונם יודענשטאאט—איז אויך קיין אונטערשיעד צי פאלעסטינא צי ארגענטיניען א.ד.ג. דער "יודענשטאאט" איז ביי איהם דיא לע-זונג פון דער יודענפראגע ניט דער א ר ט וואו דיעזער יודענשטאאט זאלל געגרינדעט ווערען—אז מיר דערמאנען נאך דיעזען פונקט זא האבען מיר שוין גענצליך ערלעדיגט זיין פלאנן.

"דער יודענשטאאט", האטש אייגענטליך, ער איז קיין נייעס געוועזען האט דאך דעם עולם א ביסעל אויפגערעגט. כמעט אללע יודישע צייטונגען האבען געשריעבען איבער איהם. דיא מערב-אייראפעאישע יודען האבען על פי רוב וויעדער געלאכט און חוזק געמאכט וויא אין פינסקערס צייטען. דיא מזרח-אייראפעאישע יודען האבען געווארט. . . דיא פרעססע האט זיך איהר'ס אבגעטוהן און עס האט שוין געהאלטען ביים שטיל בלייבען. און ווענן הערצעל זאלל געוועזען האלטען זיין פערשפרעכען אז ער האלט זיין "אויפגא-בע מיט דער פובליקאציאן (פערעפענטליכונג) דיעזער שריפט (פונם יודענשטאאט) פיר ערלעדיגט" (ז. פאררעדע צום יודענשטאאט), ווענן ער זאלל ווירקליך גאר ניט געוועזען טוהן—וואללט מען זיין נאמען שוין לאנג געוועזען פערגעסען. נור הערצעל איז ניט אזא מענש וואס בעגניעגט זיך מיט אנשרייבען א פלאנן און דאנן דיא הענד לעגען רוהיג אין דיא קעשענעס. הערצעל האט קודם-כל איינ-געזעהען וויא פינסקער אז דיא חובבי-ציון טוהען פארט עפעס, ווענן אויך זייער טוהן געפעלט עם ניט, וועהרענד די אנדערע טוהען גאר ניט. און ער איז געווארען א "ציוניסט" ד. ה. ער האט זיך ענט-

שלאָססען צו אַרבייטען זיין פּלאַנן אויסצופיהרען אין ארץ-ישראל, אין ציון. וואָס קאנן איין מענש אַלליין טוהן? נאַטירליך גאר ניט.. און ער הויבט אן מיט אַללע זיינע כחות צו אַרבייטען דעם ערשטען קאָנגרעס צונויפצורופען. וואָס דער מענש האָט איבערגעאַרבייטעט ביז עס איז איהם דאס געלונגען ווייס אייגענטליך נור ער—נור דאָך מוסען אַללע זיינע געגנער צוגעבען אַז הערצעל האָט דא דיא גרעס-טע ענערגיע הערויסגעוויזען. דיא בעשאַפונג פונס ערשטען קאָנ-גרעס וועט בלייבען פיר עביג הערצעל׳ס גרויסע פערדיענסט. נאכ׳ן ערשטען קאָנגרעס הויבט זיך שוין אן דיא "ציוניסטישע בעוועגונג". מען אַרבייט שוין אָהן איהם, דיא בעוועגונג געהט אַלץ פאָרוועררטס פון אייגענער קראַפט נור שווער איז אָבער געוועזען דיעזע בעוועגונג צו בעשאַפען. דאס הייסט אייגענטליך ניט בעשאַפען ווייל אַ "בעוועגונג" בעשאַפט מען ניט נור זיא צו אָרגאַניזירען. וויא גע-זאָגט, עס איז געווים הערצעל׳ס גרויסע פערדיענסט: דער ערש-טער קאָנגרעס. אַצונד איז שוין צייט מיר זאָללען צו דיא קאנגרע-סען איבערגעהען.

5.

דיא ציוניסטישע קאנגרעסען.

דער ערשטער ציוניסטען-קאָנגרעס—קאנן מען זאָגען—איז גע-וועזען אַ "פריוואַט-אונטערנעהמונג" פון דר. הערצעל. נאכדעם וויא ער האָט געוואונען פיר דעם ציוניזמוס איינצעלנע קרעפטע וויא נארדוי א.ד.ג. נאכדעם וויא ער האָט אַ פאאר פערזאַממלונגען אב-געהאַלטען וואו ער האָט ערקלערט זיין פלאַנן און האָט דורך אַנ-דערע געוואונענע ציוניסטען אין רוססלאַנד פאַרבערייטונגען גע-מאַכט, האָט אַ פאאר אַרטיקעל אין דיא צייטונגען געשריעבען, האָט "דיא וועלט" בעשאַפפען—האָט ער צונויפגערופען דעם קאָנגרעס נאך באַזעל. פריהער איז געוועזען "מינכען" בעשטימט, אַ גרויסע שטאדט אין דייטשלאַנד מיט אַ גרויסער יודישער געמיינ-דע, נור דיעזע יודישע געמיינדע איז געוועזען געגען דעם קאָנ-גרעס, זיא האָט מורא געהאַט אפשר וועט מען זיא חושד זיין אין מאַנגעל אן "דייטשען פאַטריאָטיזמוס" אָדער גאר אַז אַ דייטשע יו-

דישע געמיינדע אינטערעסירט זיך מיט דעם יודישען פאָלק א.ז.וו. צום גליק האָט הערצעל געפונען אַ שטאָדט וואו יודען האָבען זיך געקענט פריי פערזאַמעלן און זוכען מיטטעל צו לעזען דיא יודענפראַגע, דיעזע יודענפראַגע וועלכע האָט אונז בעשאַפפען "דייטש-יודישע-געמיינדען" וויא דיא מינכענער א.ד.ג.

עס איז געוועזען אם 29, 30 און 31 אויגוסט 1897. דאס זע-נען דיא ערשטע דריי טעג פון דער ציוניסטישער אַרבייט. הערצעל האָט אפילו נאך פריהער אנגעהויבען צו אַרבייטען נור פונם ערשטען קאָנגרעס אן געהט הערוים דיא בעוועגונג פון אַ רשות-היחיד אין רשות-הרבים.

ווער איז געקוממען צום ערשטען קאָנגרעס? קודם-כל האָט געקענט קוממען דער וואָס האָט געהאַט אויף הוצאות. ציוניס-טישע פעראיינען זענען כמעט נאך ניט געוועזען וועלכע זאָלען שיקען זייערע פערטרעטער, וועלכע זאָללען אויסקלייבען דעלעגירטע פיר דעם קאָנגרעס. מען האָט איבערהויפט דאמאלס ניט פון קאָנגרעס-דעלעגירטע געשפראָכען נור פון קאָנגרעס-מיטגליעדער. ווערען אַ קאָנגרעס-מיטגליעד האָט געקענט יעדער וואָס האָט ערקלערט אַז ער איז אַ ציוניסט. איך בין דאָ מודה אַז איך בין געוואָרען אַ קאָנגרעס-מיטגליעד ניט זייענדיג אַ ציוניסט. איך האָב געבעטען ביים סעקרעטאר אַ איינטריטס-קאַרטע אַלס גאַסט האָט ער מיר פארגעלייגט אַ קאַרטע אַלס "מיטגליעד" פרעגענדיג דאַבײ צי בין איך אַ ציוניסט? איך אַלס חובב-ציון האָב געדענקט אַז איך קאַנן געוויס ענטפערן "יא" דענן דמאאלס איז נאך קיינעם ניט געוועזען דער אונטערשיעד בעקאַנט פון אַ חובב-ציון ביז אַ ציוניסט. אָט אַזוי בין איך און פיעלע אַנדערע געוואָרען אין איין רגע אַ יודישער "פאַלקס-פערטרעטער", אַ מיטגליעד פון אַ "פאַלקס-פערטרעטונג" וויא מען האָט באַלד אנגערופען דעם קאנגרעס. גע-וועהנליך פערשטעהט מען אונטער אַ "פאַלקס-פערטרעטונג" אַזאַ מין אינסטיטוט וואו-הין דאס פאָלק שיקט זיינע אויסגעקליבענע פערטרעטער. ווען—זאָגט מיר, איך בעט אייך—האָב איך פער-טרעטען? איך האָב זיך ד. ה. מיינע מיינונגען אַלליין פערטרעטען. נור, עס האָט אָבער אַנדערש ניט געקענט זיין. וויא געזאָגט זענען ציוניסטישע פעראיינען נאך ניט געוועזען אָדער גאר ווענינ. צום

ערשטען קאָנגרעס איז אַלזאָ געקומען דער וואָס האָט געוואָלט און געקענט. דער רצון אַלליין איז ווענינ געוועזען, דא איז געוועזען דער עיקר: דיא רייזע שפּייזען (הוצאות הדרך). דערפֿאר טאַקי זענען געקוממען פֿיעל סטודענטען און דאקטוירים פֿון דער סביבה. עס זענען אויך פֿון ווייטען געקומען "מיטגליעדער" וועלכע האָבען זיך געקענט ערלויבען אַ לוסטרייזע פֿיר אַ פּאאר הונדערט רובעל. עס זענען געקומען פֿיעל באַדע-געסט וואָס האָבען זיך אויך דאס פֿערגניגען פֿערשאַפֿט אויסצוהערען אַ פּאאר שיינע רעדעס, און אפשר טאַקי אויך אַ וואָרט הערײנרעדען. זאָלל דיא וועלט וויסען אַז זיי זענען פֿאלקס-פֿערזאָרגער. עס זענען אויך געקומען איבערצייגטע ציוניסטען ד. ה. פֿריהערע חובבי-ציון וועלכע האָבען אויפֿגעלעבט ביים געדאַנקען פֿון בעלעבען צוריק דאס יודישע פֿאלק, פֿון דער גרינדונג פֿון אַ יודענשטאַאט. עס זענען געוועזען איבער 200 מענשען, רעכט פֿערשיעדענע מענשען. פֿערשיעדען אין אַללע הינזיכטען. דא זענען געוועזען אַריסטאָקראַטען, דעמאָקראַטען, ליבעראַלען, פֿריי-דענקער, רעאַקציאָנערע, רבנים, דאָקטוירים, יוריסטען, אַלטע, מיטלערע, יונגע, פּראָפֿעססארען, סטודענטען א.ז.וו. מעננער, פֿרויען, פֿריילין, קאָלאָניזאַציאָנס-ציוניסטען, צדקה-ציוניסטען, פּאָליטישע-ציוניסטען א.ז.וו. א.ז.וו. קורץ, אַ מיש-מאַש פֿון אַלערליי מינים.— — דיעזע אַללע מענשען האָט איין געדאַנקע בעזעעלט: אָט-א-דאָ אין באַזעל קאנן מען זיך איין מאָל פֿאר אַללע מאל אברעדען פֿונם הערצען, דאס אַללעס וואָס האָט זיך אין משך פֿון באַלד 2000 יאהר אנגעזאַממעלט אויף דער נשמה—פֿריי, עפֿענטליך פֿאר דער גאַנצער וועלט הערויסזאָגען. עס האָט זיך יעדען געוואָלט דעם לאַנג-איינגעהאַלטענעם געשריי, דיא בעשולדיגונג וואַרפֿען דער וועלט אין פנים פֿאר איהר שרעקליכע אונגערעכטיגקייט וואָס זיא איז אן אונז בעגאַנגען, און דאַנן פֿריי אויפֿאַטהמען, זיך געמיטליך הינגעבען אַ בעסערער האָפֿענונג, אויף אַ בעסערע און גערעכטערע צוקונפֿט פֿון אונזער פֿאָלק. און דער גאַנצער קאָנגרעס איז טאַקי ניט מעהר געוועזען וויא אַ גוואַלטיגער פראטעסט פֿון אַ לאַנג-אונטערדריקטער נאַציאָן. דער גאַנצער קאָנגרעס איז בעשטאַנען פֿון רעדען און קלאַפּען בראַוואָ, קלאַפּען מיט דיא פֿיס, מיט דיא הענד מיט'ן גאַנצען אָרגאַניזמוס. פֿון פֿריה ביז נאַכט אַ געשריי, אַ געקלאַפּעריי. . . און מערקווירדיג! דיעזע אַללע געמיטליך-פֿרעמ-

דע מענשען, וואָס זעהען זיך דאס ערשטע מאל, וואָס געהערען צו פֿערשיעדע קלאַססען, פֿערשיעדענע וועלטס-אַנשויאונגען, וואָס זע-נען אפשר אין פֿיעל פונקטען דיא ערגסטע געגנער—דיעזע אַללע האָבען זיך ברידערליך גערייכט דיא האַנד, אַללע זיך געפֿיהלט וויא איינס. מען האָט ווירקליך געקאנט זאָגען אַז דאס איז ניט אַ גע-שריי, אַ פראטעסט פֿון 200 מענשען נור פֿון דעם גאַנצען פֿאָלק. נור, ווענן מען בעמאלט דאס, ווענן דיא פֿאַנטאַזיע צושפּיעלט זיך קאנן מען ווירקליך מיינען אַז נור דיא בעסטע איינדריקע האָט מען געקענט אַוועקנעהמען מיט זיך פֿונם קאָנגרעס. אין אמת'ן אָבער איז עס ניט אַזוי. עס איז געוועזען שרעקליך עקעלהאַפֿט צו צוקוקען וויא מ ע נ ש ע ן, ערוואַקסענע מענשען מיט "אוניווערסיטעטס-ביל-דונג", מיט פֿיעל לעבענס-ערפֿאהרונגען האָבען אויסגעזעהען וויא ק ל י י נ י ק ע קינדער וועלכע האלטען אין טאַנצען און הערומ-שפּרינגען ווענן עפּעס אַ פֿאָקוסניק ווייזט זיי קונסט-שטיקע. . . עס איז געוועזען פֿערשטענדליך וואָס ווענן הערצעל האָט זיך אויף דער טריבינע געוויעזען צום ע ר ש ט ע ן מאָל אַז מען האָט איהם מיט אונ-אויפֿהערענדע יובעל-געשריי, מיט פלעסקערייען א.ד.ג. עמפפֿאַנגען. דער עולם האָט אין יענעם מאָמענט אין דיעזען מענשען דעם "ציוניזמוס" אַלליין געזעהען, דעם ציוניזמוס פֿערקערפּערט, אויסגעפֿיהרט. נור איז אָבער געוועזען עקעלהאַפֿט צו צוזעהען וויא יעדעס מאָל ווענן הערצעל, נארדוי אָדער אַנדערע האָבען נור דאס מויל אויפֿגעעפֿענט עפּעס צו זאָגען, ווער וויים צי אַ נאַרישקייט צי אַ חכמה—תיכף איז געוואָרען אַ בראַוואָ-פּאַטשעריי, אַ געשריי, אַ גערודעריי וויא ווירקליך ווילדע מענשען. . . עס האָט פּאַססירט אַז מען האָט פֿערשיעדענע רעדנער שטאַרק אַפּלאָדירט ווענן איינער האָט געזאָגט דאס פֿערקעהרטע פֿונם אַנדערן. עס האָט פּאַסירט ווענן מען האָט אויפֿגעהויבען דיא האַנד ביי אַ אבשטימונג ניט וויס-סענדיג וועגען וואָס דא האַנדעלט זיך. דענן מען האָט זיך ניט צו-געהערט צו דעם ו ו אָ ס מען זאָגט נור איז געוועזען דער עיקר ו ו ע ר עס זאָגט. וועניגע, זעהר וועניגע "מיטגליעדער" זענען געזעסען רו-היג און האָבען זיך צו אַללעמען צוגעהערט. דאס גרויסע רוב איז אַוועקגעפֿאהרען פֿון באַזעל ניט וויסענדיג וואָס—ווער—ווענן. ניין! עפּעס האָבען זיי יא געוואוסט. זיי האָבען געוואוסט אַז הערצעל איז שעהן, שלאַנק, און נארדוי איז אַ שעהנער רעדנער, אַז זיי האָבען

געקלאַפּט און געשריען בראַוואָ וויעפּיעל דיא כוחות האָבען ער-
לויבט און אויך איבער דיא כוחות. דאס יודישע פאָלק קאנן אַלזאָ
צו זיי קיינע טענות האָבען... זיי האָבען זייער פּפליכט עהרליך
ערפיללט...

איבער וואָס-זשע האָט מען גערעדט? דאס רוב רעדנערס
האָבען בעשפּראָכען דיא יודישע לאַגע פון אַללע לענדער נאכהער
אַז נארדוי האָט גערעדט איבער "דיא אַללגעמיינע לאַגע דער יודען".
בירנבוים און פאַרבשטיין האָבען געפּרופט געבען דיא טהעאָרעטישע
בעגרינדונג פונם ציוניזמוס אַלס אַ נאַציאָנאַלע און ווירטהשאַפטלי-
כע נאטהווענדיגע בעוועגונג. מען רעדט אויך פיעל איבער יודישע
קולטור, איבער העברעאיש, איבער פּאַלעסטינא א.ז.וו. און דער
עיקר: מען שטעלט אויף "דאס באַזעלער פּראגראַם" פון וועלכען
מיר וועללען שפּעטער נאך רעדען. "דאס באַזעלער פּראָגראַם" דאס
איז דיא איינציגע אַרבייט, לייסטונג פונם ערשטען ציוניסטען-
קאָנגרעס. יעדע קלענערע אָדער גרעסערע בעוועגונג מוס האָבען
איהר פּראָגראַם אויף וועלכען זיא שטיצט זיך; דאס פּראָגראַם איז
זעהר וויכטיג פאַר יעדער פּאַרטהיי. אמת טאַק דאס פּראָגראַם איז
ניט מעהר וויא אַ שטיק בעשריעבענעס פּאַפּיער, דאס איינגענט-
ליכע פּראָגראַם איז דאס לעבען, דיא ווירקליכקייט נור דאך
קאנן מען זיך אָהן דיזען בעשריעבענעם פּאַפּיער ניט בעגעהען.
דער ערשטער קאָנגרעס אַלזאָ האָט אונז געגעבען שעהנע רעדען און
אויך פּיעל פוסטע רעדערייען, דער ערשטער קאָנגרעס האָט אויך
געדיענט אַלס אַ פּראטעסט ווענן ניט פונם גאַנצען פאָלק זאָ דאָך
וועניגסטענס פון אַ זעהר גרויסען טהייל פונם פאָלק, אַ פּראטעסט
געגען דער אונטערדריקונג, אונגערעכטיגקייט וואָס מען בעגעהט
אן אונז און האָט בעשאַפען דאס "פּראגראַם" פון דער ציוניסטישער
אָרגאַניזאַציאָן, טאַקי דיא אָרגאַניזאַציאָן אַלליין. דענן פונם ערשטען
קאנגרעס קאנן מען שוין רעדען פון אַ "ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן"
ווענן מיר זענען אויך מיט דער אָרגאַניזאַציאָן ניט גאַנץ צופרידען.
נור אַ גוטע אָרגאַניזאַציאָן צו שאַפען, צו אָרגאַניזירען אַללע
ציוניסטען אַזוי אַז אַללע זאָללען אַרבייטען נאך אַ געוויסען פּלאַנן
א.ז.וו. איז גאר ניט אַזאַ לייכטע זאַך. אַ גוטע אָרגאַניזאַציאָן ווערט
געשאַפען אין משך פון פיעל יאהרען. נור וועגען דער "אָרגאַניזאַצ-
יאָן" וועללען מיר נאך שפּעטער רעדען.—

מיר האָבען פריהער געזאָגט אַז דער פּראָטעסט-געשריי פונם קאָנגרעס קאָנן מען וויניגסטענס בעטראַכטען אַלס אַ פּראָטעסט פון אַ ״גרויסען טהייל פונם פאָלק״. געוויס! ווענן אויך דיא ״מיטגליע-דער״ פונם ערשטען קאָנגרעס האָבען זיך אַ ל ל י י ן געשיקט, אַל-ליין זיך אויסגעקליבען—האָבען זיי דאָך אונ-דירעקט פערטרעטען זעהר פיעלע. ווער וויים ניט וואָס פיר אַ רעש דער ערשטער קאָנג-רעס האָט אנגעמאַכט אין יודישען פאָלק? וואו מען איז געגאַנגען אָדער געשטאַנען, אויף דער גאַס, אין שטוב, אין דיא אייזענבאַהנען א.ז.וו. האָט מען נור געהערט רעדען פונם קאָנגרעס, פון הערצעל׳ן און נארדוי׳ן און אויך פון דיא ״גרויסע״ מענער וואָס האָבען זיך פערזאַממעלט ״אבצוקויפען פאַלעסטינא״. דער פּראָסטער עולם האָט כמעט ערוואַרטעט אַ דעפּעשע אַז פאַלעסטינא געהערט שוין אונז, אַז באַלד וועט זיך אנהויבען דיא ״גרויס-קאָלאָניזאַציאָן״. פיעלע, זעהר פיעלע האָבען זיך שוין געזעהען אין ארץ-ישראל, אין אייגענע הייזער אַרומגערינגעלט מיט דיא שעהנסטע שמעקענדע גערטנער. . . מען האָט זיך שוין בעטראַכטעט אַלס ארץ-ישראל-בירגער אָדער נאָך אפשר אַלס ״עלטעסטע״. . . מען האָט גע-חלומ׳ט. . . דאָ פאַנטאַזיע האָט זיך שוין רעכט צושפּיעלט. און וואָס האָבען געטהון דיעזע וואָס האָבען יא געוואוסט וואָס עס האָט זיך אבגעטוהן אין באַזעל, צו וואָס מען איז אַהין געפאַהרען? זיי האָבען ניט נור ניט אויפגעוועקט דעם עולם פונם חלום נור אויך נאָך מעהר איינגעשלעפערט. מען האָט זיך כלל ניט געסטאַרעט (דאס רוב) א ו י פ צ ו ק ל ע ר ע ן אַז אַ ״פאָלק קאָנן זיך טאַקי אַלליין העלפען״ נור דערצו איז נעטהיג דער אַ ק ט י װ ע ר רצון פונם ג אַ נ צ ע ן פאָלק, דערצו איז נעטהיג ענערגיע און פיעל יאהרען אַרבייט און שווערע אַרבייט ניט גלאַטט אַזוי פאַר אַ שקל צו פאַר אַ אַקציע פיהרט מען איבער אַ גאַנץ פאָלק פון איין לאַנד אין אַ אַנ-דערן. און נאָך היינט—נאָכ׳ן דריטען קאָנגרעס—דרוקט אב דאס וויענער אַקציאָנס-קאָמיטעט אַ אויפרוף אין דיא אָפיציעלע ״מיט-טהיילונגען״ (דיא וועלט נומ. 12): ״ יודען! מיט אַ שקל אַ יאהר—זאָרגט איהר פיר אייך און פיר אייערע קינדער! ״ נאָך מיט גרויסע בוכשטאַבען דערצו. . . איהר פערשטעהט? מען דאַרף געלד פיר דיא פערשיעדענע אויסגאַבען—דערצו האָט מען בעשטימט אַ שקל אַ יאהר (40 קאָפּ.) פון יעדען ציוניסט. דיעזער שקל גיבט דאס רעכט

צו וועהלען אַ דעלעגאַט פֿיר דעם קאָנגרעס און אַלליין געוועהלט צו ווערען. דאַכט זיך דיא זאַך איז גאַנץ איינפֿאַך. נור ניין! דאס אַקציאנס-קאָמיטעט מוס אייך צוזאָגען אַז "פֿאר אַ שקל אַ יאהר" וועט איהר אויך מיט אייערע קינדער פֿערזאָרגען! בילליג, ניט אמת? יא, צו בילליג. . . נור מיר האלטען נאך ביים ערשטען קאָנגרעס. דער ערשטער קאָנגרעס האָט אויך דעם "שקל" בעשאַפֿען צו דעם צוועק וואָס מיר האָבען שוין געזאָגט. מיט'ן שקל האָט דיא גאַנצע בעוועגונג אַ נייעם חאַראַקטער בעקומען. יעדער האָט שוין ניט געקענט ווערען אַ "מיטגליעד" פֿונם קאָנגרעס נור האָבען איהם געמוסט וועהלען 100 שקל-צאהלער. דיא וויטערדיגע קאָנגרעסען האָבען שוין בעדאַרפֿט זיך צונויפֿשטעלען אויס "דעלעגירטע". עס איז בעשטימט געוואָרען דאמאלס יעדעס יאהר אַ קאנגרעס צו פֿער-אַנשטאַלטען. פֿיר דיא רעגוליערונג פֿון דיא אַרבייטען פֿון איין קאָנגרעס ביז צום אַנדערן איז אויסגעוועהלט געוואָרען אַ "אַקציאנס-קאָמיטעט" נאַטירליך מיט הערצעלן אַלס פרעזידענט. אין וויען, דארט וואו הערצעל וואָהנט—איז דער שטענדיגער זיטץ פֿונם "ענגערן" אַקציאָנס-קאָמיטעט אָדער "וויענער קאָמיטעט" וועלכעס בעשטעהט אויס 5 מיטגליעדער. דאַנן זעננען אויך פֿאַראַנען פֿיר יעדעס לאַנד "אַקציאָנס-מיטגליעדער" און זיי צוזאַמען מיט'ן "וויענער קאָמיטעט" בילדען דאס "גרויסע אַקציאנס-קאָמיטעט" וועלכען דער קאָנגרעס פֿערטרויעט אַן דיא אַרבייט אויף אַ גאַנץ יאהר. ביי יעדען קאָנגרעס קעננען דיזעלבע ווידער געוועהלט ווערען אָדער מען קען אַנדערע וועהלען. דאס הייננט אב פֿונם וויללען פֿון דעם קאָנגרעס. דער קאָנגרעס האָט זיך ווידער צו ריכטען נאך דער טהעטיגקייט פֿון דיא אויסגעקליבענע.

אַצונד קעננען מיר איבערגעהען צום צווייטען קאָנגרעס, נור פֿריהער נאך עטליכע ווערטער איבער דעם וואָס האָט זיך אבגעטוהן אין משך פֿון דעם ערשטען ביז צום צווייטען קאָנגרעס.—

וואָס מען האָט געטוהן? מיר מוסען שוין דא אונטערשטרייכען אַז מיר טארען ניט ערוואַרטען "גאָט ווייסט וואָס". וואָס מעהר מיר וועללען ערוואַרטען אַלס מעהר וועללען מיר זיין ענטטוישט. מיר מעגען גלויבען, מיר מעגען זיין איבערצייגט אַז דיא גרינדונג פֿונם

„יודענשטאַאַט" (יודישע מדינה) איז ניט נור מ ע ג ל י ך נור אויך באַטהוועגדיג. דאס וואָס אַ זאַך איז נאַטהוועגדיג, דאס בעווייזט שוין פיעל אויף איהר מעגליכקייט. אונטער דעם וואָרט „נאַטה-וועגדיג" פערשטעהען מיר ווענן עפעס אַ זאַך איז אַ נאַטהוועגדיגע פאָלגע, ווירקונג פון געוויסע אורזאַכען. אַלזאָ ווענן מיר זעגען אי-בערצייגט אַז אונזער פאָלק וועט דאָך נאָך האָבען אַ בעססערע, שעהנערע צוקונפט מוסען מיר אויף קיין מינוט פערגעסען אַז מיר האָבען אַ רעכט-שווערע אַרבייט פאַר זיך, אַ אַרבייט וועלכע פאַר-דערט אונבעדינגט אַז מיר אַללע זאָללען מיטווירקען, מיטהעלפען מיט וואָס מעגליך. עס איז אַ אונגליק ווען יעדער איינצעלנער רעדט זיך איין „וואָס בין איך דען? וואָס קאַנן א י י ן מענש טוהן? א.ד.ג. און געשטיצט אויף דעם אַז ער קאַנן ג ר ו י ס ע ס ניט לייסטען, טוהט ער גאר ניט. אמת, איין מענש וויא גרויס און רייך ער זאָלל ניט זיין וועט ניעמאַלס קעננען העלפען אַ גאַנץ פאָלק. נור מיר טארען אָבער ניט פערגעסען דיא פשוט'ע זאַך אַז דאס גרעסטע פאלק בעשטעהט פון א י נ צ ע ל נ ע מענשען. ווענן איין איינציגער זאָגט זיך אב פון דער אַרבייט, זאָ וועט ער דאָך—אוים דעם זעלבען גרונד—אויך דעם צווייטען א י נ צ ע ל נ ע ן ערלויבען זיך אבזאָגען פון דער אַרבייט א.ז.וו. און דאס רעזולטאַט וועט זיין „נול". הער-צעל שרייבענדיג זיין „יודענשטאַאַט" האָט אפילו ניט געחלומ'ט אַז ער וועט נאך זעהען אַזאַ גרויסע בעוועגונג. און דאָך האָט ער זיין יודענשטאאט געשריעבען. ער האָט געוואָללט „ז י י ן אויפגאַבע ערפיללען", נור דאַנן אַז ער האָט שוין עפעס אנגעהויבען צו טוהן האָט איהם דיעזעס „עפעס" מיט גוואַלט ווייטער געריסען. יעדער איינער אָהן אַ שום אויסנאַהמע, מעג ער אַ פראָפעססאר אָדער אַ שוסטער זיין, ער מעג אַ דאָקטאָר אָדער בעקקער—אַ אַדוואָקאַט אָדער אַ פאַבריק-אַרבייטער זיין א.ז.וו. י ע ד ע ר האָט זיך ז י י ן א ו י פ ג אַ ב ע וועלכע ער האָט צו ערפיללען גאר ניט דענקענדיג דאַביי צי איז ער „גרויס" צי „קליין", צי קאַנן ער פיעלעס לייסטען צי ווינציג. דאס וואָס איך זאָג דא איז דאָך—דאַכט זיך—אַזוי קלאָר, אַזוי פערשטענדליך אַז פיעלע קעננען ברוגז ווערען וואָס איך דער-צייל זיי אַזעלכע „יעדען בעקאַנטע זאַכען", וואָס איך הויב אן פונם אלף-בית. נור, דאס איז דאך טאַקי תמיד דיא גרויסע מכה וואָס דאס פערשטענדליכסטע, דאס וואָס יעדען איז אַזוי קלאָר וויא 2 מאָל 2

גלייכט 4—גראַדע דאס פֿערגעססען מיר. ווענן ניט, וויא איז דאס מעגליך וואָס פֿיעלע פֿון אונז האָבען געחלומ'ט, פֿאַנטאַזירט—גאר ניט טוהענדיג—פֿאַנטאַזירט אַז "דארט אין וויען" טוהט זיך שוין פֿון זיך זעלבסט. . . דארטען זיצען דיא "גרויסע" מענשען און פֿאַבריצירען גרויסע נייעסען! נור מוס דענן דער גרעסטער ראָד ניט שטילל שטעהען ווענן דיא קלענערע שטעהען שטילל? און נאך עפּעס: ווער קאָנן אונז זאָגען וועלכעס ראד צי דאס גרעסערע צי דאס קלענערע איז וויכטיגער? זיי זענען אַלע גלייך וויכטיג און איינס הייננגט אב פֿון אַנדערן. ווענן מיר זאָללען דיעזען איינפֿאַכען אמת געוועזען פֿערשטעהען וואָללטען מיר דאַנן ניט געוועזען ערוואַרטעט וואונדערליכע און איבערנאַטירליכע זאַכען פֿון "וויען". ווענן מיר פֿרעגען אַלזאָ "וואָס האָט זיך אבגעטוהן?" מיינען מיר ניט צי האָט מען אבגעקויפֿט פּאַלעסטינא און נאך אַזעלכע עהנליכע פֿראַגען.

יא, פֿון ערשטען קאָנגרעס ביז צום צווייטען האָט מען פֿיעל געטוהן. און מען וואָללט נאך געוועזען מעהר געטוהן, ווענן דיא ציוניסטען, דיא חובבי-ציון זאָללען ניט געוועזען זייערע כוחות צוברעקלען. דיא חובבי-ציון האָבען נאכ'ן קאָנגרעס גענצליך אויפֿגעלעבט. מיר האָבען שוין געזאָגט אַז ניט אַללע חובי-ציון זענען צוגעטרעטען צום פּאָליטישען ציוניזמוס. דאס איז אויף דעם ערשטען בליק וואונדערבאַר. עס קומט נאך מעהר וואונדערבאַר פֿאַר ווענן מיר וויסען אַז דיא חובבי-ציון זענען נאכ'ן ערשטען קאָנגרעס איינגענטליך געוואָרען אמת'ע חובבי-ציון, ד. ה. זיי האָבען איינגעזעהען אַז פֿון דעם צדקה-ציוניזמוס וועט זיך גאר ניט אויסלאָזען, אַז מען קאָנן יעדענפֿאַלס ניט ערוואַרטען דיא הילף פֿאַר'ן גאַנצען פֿאָלק פֿון גרינדען אַ פּאאר קאָלאָניעס וואָס זענען אנגעוויעזען אויף עביגער שטיצע. זיי האָבען זיך צוריק אומגעקעהרט צום פֿריהערען פּאָליטישען געדאַנקען נור ניט צו פּאָליטישע ט ה אַ ט ע ן. אין אונזער קאַפּיטעל "דיא שטרעמונגען אין ציוניזמוס" וועללען מיר נאך פֿון דיעזען פּונקט רעדען.

דיא ציוניסטען האָבען אנגעהויבען צו פֿערשפּרייטען דעם ציוניסטישען געדאַנקען צווישען פֿ אָ ל ק. מען האָט הונדערטער רעדעס געהאַלטען, מ'האָט בראשירען געדרוקט. אין פֿיל שטעדט

האָבען זיך פֿיעלע פֿעראיינען געגרינדעט. יודען, פשוט'ע יודען, האָ-
בען זיך אין פֿעראיינען אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט. דאס פֿעראיינס-לעבען,
דאס איז אַ וויכטיגע שולע פֿאר ערוואַקסענע. מען ווערט דארט סאָ-
ציאַל ערצויגען. מען הויבט אן אבצוגעבען כבוד י ע נ ע מ ס מיי-
נונג און מען פֿערלאַנגט דאס זעלבע פֿון יענעם. מען בעקומט דארט
דאס מענשליכע בעוואוסט-זיין. דיא מינדערהייט לערנט זיך אונ-
טערגעבען דער מעהרהייט. דיא וויכטיגקייט פֿון אַ פֿעראיין איז
אונגעמיין גרויס, מעהר אַלס מען שטעלט זיך פֿאר. דאס איז—וויא
געזאָגט—אַ שולע פֿיר ערוואַקסענע, אַ שולע פֿיר דאס לעבען און
בעשאַפֿען פֿונם לעבען. אַזעלכע פֿעראיינען האָבען פֿאר דעם ערש-
טען קאָנגרעס אין רוססלאַנד עקסעסטירט 23—פֿאר דעם צווייטען
קאָנגרעס 373. אין עסטרייך פֿריהער 42 דערנאך 128. אונגאַרען—
32 (אַלע נייע); רומעניען—127 (100 נייע); ענגלאַנד—26 (12
נייע); דייטשלאַנד—25 (אַלע נייע); איטאַליען—12 (אַלע נייע);
בולגאַריען—16 (15 נייע); שווייץ—6 (נייע); פֿראנקרייך—3
(נייע); בעלגיען—2 (נייע); טירקיי—2 (נייע); דענעמארק, סערביען
און גריכענלאַנד צו 1; עגיפּטען—2 (נייע); טראנסוואאל—6
(נייע); אַמעריקאַ—84; צוזאַמען אַלזאָ—913 פֿעראיינען (סטענג-
פראט. פֿון 2-טען קאָנגרעס, זייטע 47). אַ טהייל פֿון דיעזע פֿער-
איינען האָבען קליינע ביבליאָטהעקען און לעזע-האללען געגרינדעט.
אין מאַנכע שטעדט האָבען אויך דיא ציוניסטען שולען און "מוסטער
חדרים" אָדער ת"ת געגרינדעט. דאס פֿאָלק האָט וויא אויפֿגעלעבט.
אין יעדען ווינקעלע כמעט האָט דער ציוניזמוס זיך הינאיינגעדרענגט
און ווענן עס זענען דאָך וועניג שקלים געזאַמעלט געוואָרען איז דאס
ניט דערפֿאר ווייל דאס פֿאָלק האָט ניט געוואָלט געבען נור דער-
פֿאר ווייל עס איז ניט געוועזען ו ו ע מ ע ן צו געבען. דאס איז אַ
פֿאַקט. עס זענען זעהר וועניג דא אַזעלכע ציוניסטען וועלכע זאָללען
זיך אבגעבען מיט שקלים זאַממעלן אָדער אַקציעס פֿערקויפֿען.
פֿרעגט אַ יודען פֿאר וואָס ער האָט קיין שקל ניט געגעבען וועט
איהר אָפֿט דיא תשובה בעקוממען אַז מען האָט איהם ניט געמאהנט.
מיר זעהען אַז אין דיא שטעדטליך וואו עס זענען נור איינער אָדער
אַ פּאאר טהעטיגע ציוניסטען קלייבען זיי פֿיעל מעהר שקלים אַלס

אין אנדערע גרעסערע און רייכערע שטעדט וואו עס פעהלען
אקטיווע ציוניסטען.— א פאאר חדשים פאר'ן צווייטען קאנגרעס
האט מען געמאכט א פראבע-פערקויף אויף אקציעס פון דער "יודי-
שען באנק" וועלכע דער צווייטער קאנגרעס האט ערשט געדאראפט
גרינדען. דאס האט ווידער בענעטהיגט ארבייט. דערצו נאך הא-
בען א טהייל "געגנער" געשטערט. דיעזע אנטי-ציוניסטען וועלכע
רופען זיך "פאלקס-פערזארגער" האבען זיך ערלויבט דיא שענד-
ליכסטע,'שמוטציגסטע מיטטעל אום צו צו-ווארפען דאס הויז וועל-
כעס דיא ציוניסטען האבען אנגעהויבען בויען.—אט אזוי זעהען מיר
וויא אין משך פונם ערשטען קאנגרעס-יאהר האבען דיא ציוניסטען
זיך בעשעפטיגט מיט "ארגאניזירען" זיך, מיט שקלים זאממעלן,
דאנן אקציעס 'פערקויפען און אויך ביבליאטהעקען, שולען א.ז.וו.
גרינדען. דער צווייטער קאנגרעס האט געהאט צו מאכען א סך-הכל
פון דיעזער ארבייט און אנווייזען וואס מען האט ווייטער צו טוהן.
צו דיעזען צווייטען קאנגרעסס ווילען מיר זיך אצונד ווענדען.

וואס פאר א מינים דעלעגאטען זענען געוועזען אויף דעם צוויי-
טען קאנגרעס?

אויף דעם ערשטען בליק קאנן מען מיינען אז צום צווייטען קאנ-
גרעס זענען ווירקליך געקומען דיא "אויסערוועהלטע" פון אללע
שקל-צאהלערס דענן אום צו ווערען א "מיטגליעד" פונם קאנגרעס
האט מען דאך געמוסט צוערשט ווערען א "דעלעגאט" ד. ה. מען
האט געמוסט בעקומען א מאנדאט (א פאללמאכט, כח-הרשאה)
פון 100 שקל-צאהלערס און מען קאנן מיינען אז דיעזע 100 וועל-
לען געוויס אויסקלייבען פון זיך דעם בעסטען, דעם פערשטענדיגס-
טען, אזעלכען וועלכער איז נאהענט בעקאנט מיט דער בעוועגונג,
וועלכער איז דעם ציוניזמוס איבערגעגעבען מיט לייב און זעעלע, אזעל-
כער וועלכער איז פעהיג זיין אייגענעם רצון, אויב עס איז נעטהיג
לטובת הענין, צו בייגען, זיך אונטערגעבען דער מעהרהייט און ער
זאלל איבערהויפט ניט ז י י נ ע פערזענליכע מיינונגען פערטרעטען
נור דיא מיינונגען פון דיא, וועלכע האבען איהם געשיקט, וועלכע
ער פ ע ר ט ר ע ט. דער לעצטער פונקט איז גאר ניט אזוי לייכט
אויסצופיהרען. עס איז אויך ניט גוט ווענן דער "פערטרעטער" מוס

שפּיעלען דיא ראָלע פֿון אַ ״משולח״ ד. ה. ער זאָלל וויא אַ אויטאָ-
מאַט איבערגעבען דאָס וואָס מען שיקט מיט איהם. צו אַזאַ שליחות
זענען ניט מ ע נ ש ע ן נעטהיג. דאס קאַנן מען דורך דער פּאָסט
אויספֿיהרען. עס איז אַלזאָ נעטהיג אויסצוקלייבען אַזאַ מענשען וועל-
כער גלייכט זיך מעגליכסט אויס מיט זיינע אויסקלייבער; זיינע
געזינונגען, מיינונגען איבער געוויסע פֿראגען זאָללען ניט וויט זיין
פֿון דיא געזיננונגען, מיינונגען פֿון דיעיעניגע וועלכע ער וויל פֿער-
טרעטען. דאַן איז נעטהיג אַז ער זאָל האָבען אַ פֿעסטען חאַראַקטער
וועלכער זאָלל איהם פֿעהיג מאַכען אַלעס דורכפֿיהרען וואס ער האָט
גענומען אויף זיך, אַלעס פֿערטהיידיגען נור ער זאָלל אָבער אויך
פֿערשטעהען וועגן מען מוס זיך אונטערגעבען. און עס איז ניט נעט-
היג אַז דער דעלעגירטער זאָלל זיין ד ו ק א אַ דאָקטאָר, אַ פּראָפֿעס-
סאר אָדער גאר אַ גביר. דיעזע אַללע ״מעלות״ האָבען מיט דיעזען
ענין כלל קיין שייכות. דער עיקר איז: ער מוז פֿערשטעהען, קעננען
און ליעבען דאס פֿאָלק וועלכעס שיקט איהם נאך באַזעל. דאָס איז
אָבער נור מעגליך ווענן ער איז אַ פֿאלקס-מענש ד. ה. אַז ער לעבט
אָדער האָט געלעבט צווישען פֿאלק, מיט׳ן פֿאָלק. דיא צרות און
פֿרייד פֿונם פֿאָלק זענען זיינע צרות, זיינע פֿרייד.

נאַטירליך, האָט מען ניט געקעננט ערוואַרטען אַז דיא אַללע
מעלות האָבען זיך פֿעראייניגט אין אונזערע דעלעגאַטען נור מען
האָט געקענט מיינען אַז מען׳האָט וועניגסטענס ג ע ק ל י ב ע ן, ג ע-
ז ו כ ט אַזעלכע. נור זענען אין אמת׳ן געוועזען אַזעלכע, אָדער נור
עהנליכע דעלעגאַטען? וועניג, זעהר וועניג. . . עס האָט איבער-
הויפּט דיא מ ע ג ל י כ ק י י ט געפֿעהלט עס זאָללען קעננען זיין
אַזעלכע דעלעגאַטען. אַ רייזע נאך באַזעל קאָסטעט וועניגסטענס
150 רובעל אויסער דעם וואָס זיא נעהמט אַוועק צייט וועלכע איז
אויך געלד איבערהויפּט ביי אַזעלכע, וועגן זיי אַרבייטען
ניט, האָבען זיי ניט פֿון וואָס צו לעבען. וואו נעהמט מען אַזוי פֿיעל
געלד? דער ערשטער קאָנגרעס האָט אפילו בעשאַפֿען אַ דעמאָ-
קראַטישעס פּרינציפּ דערמיט וואָס צו דיא איבריגע קאָנגרעסען זאָל-
לען ניט קענען קומען ווער עס וויל נור יעדע 100 שקל-צאהלערס
זאָללען זייער פֿ ע ר ט ר ע ט ע ר שיקען. נור דיעזעס דעמאָקראַטי-
שעס פּרינציפּ האָט וועניג-וואָס געקענט העלפֿען. וואָס האָבען

מיר דערפֿון אַז מיר מעגען זיך שעהן קליידען ווענן אונז פֿעהלט דיא מעגליכקייט דערצו? דער קאָנגרעס האָט זיך ניט געזאָרגט מיטטעל צו פֿינדען וועלכע זאָללען אונז דיעזע מעגליכקייט בעשאַפֿען. וואָס-זשע האָבען מיר געטוהן? מיר האָבען אונזערע מאַנדאַטען געגעבען דעם וועמ ס'האָט נור זיי פֿערלאַנגט. דא האָט זיך דערבאַרעמט אַ קראַנקער "נדיב" וועלכער האָט פֿאהרענדיג אין דיא בעדער צוגעזאָגט "בדרך הליכה" אויך אַ קוק טוהן וואָס אין באַזעל טוהט זיך, דא האָט אַ "דאָקטאָר", אַ "יוריסט" א.ד.ג. ערקלערט אַז ער איז בערייט צו ברייגגען "אפפער" און צו פֿאהרען נאך באַזעל—מיר זענען דערמיט גליקליך געוועזען און האָבען איהם עטליכע מאַנדאַטען געגעבען, דאָ האָבען מיר איבערגעגעבען דיא מאַנדאַטען גלאַט-אַזוי-בעקאַנטע וואָס האָבען שוין צו פֿערזאָרגען וועמען איבערצוגעבען זיי א.ד.ג. א.ד.ג. איי וואָס צי איז גאר דיעזער נדיב וואָס פֿאהרט אין דיא בעדער אָדער פֿאר וועלכען דיא גאַנצע זאַך איז ניט מעהר וויא אַ לוסט-רייזע—צי איז ער איבערהויפט בעקאַנט מיט דער ציוניסטישער בעוועגונג, צי ווייס ער, צי פֿערשטעהט ער דעם ציוניזמוס—דאס איז אונז כלל ניט אנגעגאַנגען וויא עס האָט אונז כלל ניט אינטערעסירט צו האָבען יענע "דיפּלאָמירטע" מעהר אַ שייכות צום יודענטום וויא דיא העהנער צום בני-אדם. ביי אונז איז שוין אַ ח ז ק ה אַז אַ גביר פֿערשטעהט אַללעס בעססער און אַז אַ "הויכגעבילדעטער" איז דער לייטישסטער און פֿערשטענדיגסטער מענש... און ווענן נאך דיעזע מענשען פֿאָרדערען פֿון אונז קיין רייזע-שפּייזען, נוא, ווער קען שוין דא עפּעס אַ וואָרט הערייגריידען?—דאס רעזולטאַט איז געוועזען אַז דאס ר ו ב פֿונם קאָנגרעס איז בעשטאַנען פֿון אַזעלכע דעלעגאַטען וועלכע האָבען ניט אנגעהויבען צו פֿערשטעהען נאך וואָס זיי זענען דארט אין באַזעל, וואָס ערוואַרטעט פֿון זיי דאס פֿאָלק—און אָט פֿון דיעזע "גרעסטע, בעסטע" יודישע מעננער האָט מען ערוואַרטעט גרויסע זאַכען...

מיר האָבען פֿריהער געזאָגט אַז דער קאָנגרעס האָט אונז ניט פֿערזאָרגט מיט מיטטעל דורך וועלכע עס'זאָלל דיא מעגליכקייט בעשאַפֿען ווערען מיר זאָללען קענען שיקען דעם וואָס אונז געפֿעלט. מיר האָבען זיך אָבער געקענט אַליין פֿערזאָרגען. מיר האָ-

בען למשל געקענט איינפֿיהרען אַז יעדעס מיטגליעד פֿון יעדען
ציוניסטישען פֿעראיין, אָדער איבערהויפּט יעדער שקל-צאהלער זאָל
אַ קליינע סוממע געבען יעהרליך ספּעציעל פֿיר דיא רייזע-שפּייזען
פֿון דיא דעלעגירטע, אָדער האָט מען געקענט איינפֿיהרען אַ אַנ-
דערן קלענערן שקל צו דיעזען צוועק א.ד.ג וואָללטען מיר ניט גע-
האַט אַזוי פֿיעל געלד צו שיקען פֿערטרעטער פֿון יעדע 100 ציוניס-
טען וואָללטען מיר געשיקט פֿון יעדע 200 אָדער 300. פֿיעל בעססער
און ניצליכער אין אַלע אופנים איז איין פֿערשטענדיגער, ערנסט-
איבערגעבענער דעלעגאַט אַלס אַנדערע 10 וואָס האָבען קיין אַהנונג
פֿון גאַנצען ענין. נור דאס אַללעס איז רעכט ווענן מיר אַלליין זאָלען
פֿערשטעהען אַז מיר דאַרפֿען איבערהויפּט קלייבען אונזערע
פֿערטרעטער, ווענן מיר אַללע זאָללען איבערהויפּט זיין פֿעראינ-
טערעסירט אין דעם. נור דיא גרויסע מאַססע שקל-צאהלער איז פֿאַר
דעם צווייטען קאָנגרעס געוועזען אַזוי גלייכגילטיג צו דיא וואַהלען
וואָס ווענן מיר זאָללען געוועזען האָבען גענוג געלד פֿיר רייזע
שפּעזען וואָללטען מיר אויך ניט געוועזען געשיקט אונזערעווירק-
ליכע פֿערטרעטער. מיר אַלליין ווייסען ניט וואָס עס פֿעהלט אונז
און ווער קאַנן אונזערע אינטערעסען פֿערטרעטען, מיר קעננען
איבערהויפּט ניט אונזערע אייגענע אינטערעסען. מיר ווייסען נור
צו וואַרטען אויף ישועות ונחמות, צו ערוואַרטען געבראָטענע
טויבען פֿון באַזעל. מיר לעזען אין דיא צייטונגען אַז דארט אין באַזעל
"זענען געוועזען דיא אויסערוועהלטע פֿונם אויסערוועהלטען פֿאָלק...
פּראָפֿעססארען, דאקטוירים, סטודענטען, גרויסע גבירים, גרויסע
קעפּ א.ד.ג." איי וואָס האָט פֿאַר שייכות למשל דיא נאַטור-וויססענ-
שאַפֿט פֿונם פּראָפֿעססאר צום קאָנגרעס? אָדער וויא אַזוי פּלוצלונג
איז געוואָרען פֿישקע דער גראָבער דער שטאדט-חזיר צו איינעם
"פֿון דיא בעסטע און גרעסטע"? דאס געהט אונז ניט אן. דיא ציי-
טונגען שרייבען מן-הסתם ווייסען זיי. דאס מין "אויסקלייבען" זעהט
איבערהויפּט ביי אונז אויס וויא נאַרישקייטען, קליינינקייטען און
מיר פֿערלאָזען זיך רוהיג אויפֿ'ן קאָמיטעט אָדער אַזוי אויף איין
מענשען וועלכער וויל זיך אבגעבען מיט דעם "עסק". איז דענן אַ
וואונדער וואָס מיר זעהען אויף דעם צווייטען קאָנגרעס כמעט דיא
זעלבע מינים "פֿערטרעטער" וויא אויף דעם ערשטען? פֿערקעהרט:
מיר וואונדערען זיך וואָס עס האָבען זיך דארט דאָך געפֿונען אַ

קליינע צאהל מענשען מיט פערשטאנד און געפיהל—וועגן אויך זעהר וועניג. דאס גרויסע רוב איז געוועזען קליינקע נשמות, מיט גרויסע צילינדערס מיט פעטינקע בייכליך. דיעזע אללע האבען גע-שוויצט, געארבייט לטובת הכלל, געבראכט 'קרבנות דער פאלקס-זאך וויא שפעטער עססען דעם מיטטאג א.ד.ג.

אויסער דעם וואס פיעלע 'דעלעגאטען זענען איבערהויפט ניט פעהיג געוועזען פאלקס-פערטרעטער צו זיין, צו בעגרייפען דיא הויכע מיססיאן פון א קאנגרעס-דעלעגירטען האבען פיעלע פשוט דייטש ניט פערשטאנען און דייטש איז דאך געוועזען דיא הויפט-שפראכע פון קאנגרעס. עס איז אפט פארגעקומען וואס פיעל האבען גלאט ניט פערשטאנען וועגען וואס מען רעדט און ביים אויפהעבען דיא האנד צו "שטיממען" האבען זיי געווארט אויף דיא שכנים אפשר וועללען זיי מעהר פערשטעהען צי דארף מען יא דיא האנד אויפהעבען צי ניין?. . . עס איז אפט פארגעקוממען וואס דיעזעל-בע האבען אי "פיר" אי "געגען" געשטימט!

איינס האבען אללע פערשטאנען: קלאפען און שרייען בראוואָ! דעם 'אמת זאגענדיג הערט מען אויף דעם צווייטען קאנ-גרעס שוין עפעס וועניגער קלאטשען, שפרינגען, שרייען, שוין ניט מעהר דער ערשטער ברענן, ניט מעהר דיא היטץ נור אויף דעם מענשען וועלכער איז אויף דעם ערשטען קאנגרעס ניט געוועזען— האט אויך דער בראוואָ-און-האך-ציוניזמוס געמאכט דעם שלעכטעם טען איינדרוק. מיט דיעזען "בראוואָ-און האך-ציוניזמוס" בעגעגנען מיר זיך אויך אין א היבשער מאס אויף דעם דריטטען קאנגרעס. עס ווייזט אויס אלס קעננען מיר זיך ניט געווניג אנשרייען, אנקלאפען אין דיא הענד! דארף נור איינער פון דיא "גרויסע" דאס מויל עפענען אדער דארף נור א מאדאם אדער א פריילין וואס-עס-איז פאר א נארישקייט זאגען—אה, אה! מיר קעננען שוין ניט איינזיטצען אויף דיא בייבקליך, עס הויבט אונז אין דער לופטען, דיא הענד בעוועגען זיך און מיר פיהלען זיך וויא גליקליך אז מיר קעננען שוין קלאטשען פונקט וויא דיא קינדער אום פורים פיהלען זיך גליקליך אז זיי דער-הערען שוין "המן" זיי זאללען קעננען גראגערן. דער אונטערשיעד איז נור וואס דארטען זענען עס פיצליך קינדער און דא זענען "דיא

גרעסטע און בעסטע" פון פאלק ישראל! עס זעהט אויס וויא מיר וויללען מיט'ן שרייען אונזער קליינקייט פערדעקען. . . און מיר שרייען און מיר גראַגערערן. . . אַזוי אויף דעם ערשטען, אַזוי אויף דעם צווייטען, אַזוי אויף דעם דריטטען קאָנגרעס. אויף דעם דריטטען האָבען מיר איבערהויפט געהאַט דיא "דאַמען" אבצוגעבען כבוד. דערצו זענען מיר דאָך איירא פּ עער! איי וואָס איבער-ראַשט אונז אַזוי דיא מאַדאַם פראַפּ. גאַטטהייל מיט דיא בריל-ליאַנטען—וויים איך ניט. האָבען מיר דענן וועניג ברילליאַנטען גע-זעהען אין דיא מאַגאַזינען?. . . אָדער וואָס פאר אַ חכמות האָט אונז פּרל. וואָלפּע ערצעהלט? פון וואָס זענען מיר אַזוי צוהיצט געוואָרען ביי איהר נאַררישער רעדע? אַזוי וויא מיר ווייסען ניט דאָס אַזוי ווייסען מיר ניט וואָס מיר זענען אין אַ קעלבערישען עקסטאַז הערײן דערזעהענדיג דעם "סיר" מאנטעפּירע. נור— —מיר האלטען דאָך נאָך ביים צווייטען קאָנגרעס.

אויף דעם צווייטען קאָנגרעס האט שוין ניט געהעררשט דער אחדות פונם ערשטען קאָנגרעס. עס האָבען זיך פערשיעדענע גרו-פּען געבילדעט. עס זענען געוועזען עטליבע "לינקע", דאָס זענען דיא סאָציאַליסטען-ציוניסטען וועלכע דענקען אַז דער צוקינפטיגער יודענשטאַאַט וועט זיין סאָציאַליסטיש. דאַנן זענען געוועזען "רעכ-טע" וועלכע האָבען געזאָגט און געוואָלט פונקט דאָס פערקעהרטע פון דיא "לינקע". דאָס גרויסע רוב האָט געבילדעט דאָס "צענט-רום", דאָס זענען על פי רוב אַזעלכע וועלכע וויללען און זאָגען דאָס וואָס הערצעל וויל און זאָגט, וואָס האָבען נאַכצוזאָגען אמן נאָך יעדעס וואָרט הערצעל'ס ניט נאכדענקענדיג פריהער. אַזוי אָדער עהנליך האָבען אויסגעזעהען דיא פּאַרטהייען. מיר מוסען נאָך דיא "שטרעמונגען" בעטראַבטען. עס זענען געוועזען פיעל "פּאָליטישע" ציוניסטען אָדער "הערצעליסטען" אונבעדינגטע געגנער פון דער קליין-קאָלאָניזאַציאָן. דאַנן זענען אויך געוועזען ניט וועניג חובבי-ציון אָדער "קאָלאָניזאַציאָנס"-ציוניסטען. עס זענען אויך געוועזען "קולטור"-ציוניסטען וועלכע ווייסען על פי רוב אַלליין ניט וואָס זיי וויללען און עס האָבען אויך ניט געפעהלט עטליכע "רוחניות"-ציוניסטען (אחד-העם'יסטען) דאָס זענען אַזעלכע פאר וועלכע דאָס "רוחניות" איז דער גאַנצער עיקר ד. ה. אַז מיר לעבען נור צוליעב

אונזער "רוחניות" ניט פֿערקעהרט: אַז דאס רוחניות איז פֿון אונזער וועגען אָדער גאר אַ שטיק פֿון אונז. און נאכדעם אַלס מען האָט זיך פֿיעל מאָל פֿערזאַמעלט, אַז אויף דיא "פֿארקאָנפֿערענצען" האָבען זיך דיעזע פֿערשיעדענע שטרעמונגען הערויסגעוויעזען, מען האָט זיך אַ ביסעל אבגערעדט פֿון הארץ און מען האָט זיך אנגעהויבען אַ ביסעל צו פֿערשטעהען—האָט זיך אם 28טען אויגוסט 1898 דער צווייטער קאָנגרעס געעפֿענט וועלכער האָט ביז צום 31טען אויגוסט געדויערט.

וואָס האָט אונז דער צווייטער קאָנגרעס געגעבען?

לאַנגע און שעהנע רעדען האָבען נאַטירליך ניט געפֿעהלט נור נאך דעם אַללעמען האָט אונז דער צווייטער קאָנגרעס פֿיעל מעהר געגעבען אַלס דער ערשטער. און דאס איז פשוט דערפֿאר וויל ער איז געוועזען דער צווייטער. דער ערשטער קאָנגרעס האָט אונז בעדאַרפֿט פֿון אנהויב-אָן ערקלערען דעם פּאָליטישען ציוניזמוס, אַ פראגראַם אויפֿשטעלען נאך וועלכען מיר זאָללען אַרבייטען און דער צווייטער קאָנגרעס האָט שוין בעדאַרפֿט טאַקי עפּעס לייסטען. עס איז אויך געוועזען נאך פֿיעלעס צו ערקלערען, ניט אַללע פונקטען פֿון פראגראַם זענען געוועזען גענוג קלאר א.ד.ג. איבערהויפט האָט מען געזוכט קלאר צו זיין וועגען דיא פֿערהעלטניסע פֿון דיא חובבי-ציון צו דיא ציוניסטען. וועגען דיעזען ענין האָט מאַנדעלשטאַם אַ דאָקלאַד געלעזען. אין זיי דאָקלאַד האָט ער געזוכט צו דערווייזען אַז דיא חובבי-ציון קעננען צוזאַמען אַרבייטען מיט דיא ציוניסטען. נור דיא לאַנגע רעדע זיינע האָט אונז גאר ניט גענוצט. ער האָט קיין יסוד אנגעוויעזען אויף וועלכען געשטיצט דיא חובבי-ציון זאָללען זיך קעננען מיט דיא ציוניסטען פֿעראייניגען. ער האָט נור געזוכט איינצוררעדען אַז דא איז קיין פרינציפּיעלער אונטערשיעד פֿארהאַנדען. בעת דעם קאָנגרעס זענען פֿיעלע שטאַרק צופֿרידען געוועזען מיט דיעזער רעדע נור באַלד נאכ'ן קאָנגרעס האָט זיך הערויסגעשטעלט אַז דערווייל האָבען זיך דיעזע צוויי שטרעמונגען ניט נור ניט פֿעראייניגט נור נאך דערווייטערט.

מען האָט אויך פֿיעל גערעדט איבער דיא ''קולטור-פֿראגע'', איבער ''אָרגאַניזאַציאָן'' און איבער ''קאָלאָניזאַציאָן''. נור איבערגעבען אַלעס וואָס מען האָט דארט ג ע ר ע ד ט—איז דא ניט אונזער אויפֿגאַבע. מיר מאַכען דא אויפֿמערקזאַם אַז ווער עס איז אומשטאַנד צו לעזען דיא דייטשע פּראָטאָקאָלען פֿון דיא קאָנגרעסען—זאָלל דאס אונבעדינגט טוהן. ער ווירד זעהר פֿיעלעס אינטערעסאַנטעס געפֿינען. *)

אויסער דיא רעדען האָט אויך דער 2-טער קאָנגרעסס געלייסטעט און זעהר אַ וויכטיגע לייסטונג: דאס איז דיא בעשאַפֿונג פֿון דער ''יודישען קאָלאָניאַל באַנק''. אויך איבער דיעזען ענין האָט מען פֿיעל, זעהר פֿיעל גערעדט. אַ טהייל האָבען אויך פֿערלאַנגט מען זאָלל נאך וואַרטען אַ יאהר מיט דער גרינדונג נור דאס רעזולטאַט איז געווען אַז מען האָט זיא בעשטעטיגט. דיא פֿאָרם פֿון דער באַנק איז שוין היינט יעדען בעקאַנט. ''דיא באַנק''—דאס איז דער ערשטער און וויכטיגסטער שריט אין ציוניזמוס. דיא באַנק האָט צוגעצויגען צום ציוניזמוס פֿיעל מעהר חובבי-ציון אַלס פֿיעלע רעדעס און בראשירען. דיעזע ''טהאַט'' פֿונם ציוניזמוס האָט גגעבען אַרבייט דיא-יעניגע חובבי-ציון וועלכע גלויבען ניט אין הערצעל'ס פּאָליטיק. נור ווען דיא באַנק האָט אויך געוואונען נייע אַנהענגער—זענען אויך אַ דאַנק איהר אַ טייל א ב ג ע ט ר ע ט ע ן פֿונם ציוניזמוס. דאס איז דערפֿאר וויל נאך זייער מיינונג איז דיא באַנק וועניג דעמאָקראַטיש, זיא איז קיין ''פֿאָלקס-באַנק''. דא איז ניט דער אָרט צו בעשפרעכען צי זיי האָבען רעכט. אויך קאַנן מען דא ניט בעשפרעכען דיעזע פֿאָרם וועלכע זייא האָבען געוואָללט געבען דער

---

*) פֿונם 2-טען קאָנגרעס איז אויך פֿאַראַנען אין העברעאישען אַ סטענאָגראַפֿישען פּראָטאָקאָל, ד. ה. דער ש ע ר (טיטעל-בלאַטט) זאָגט צו אַז עס איז אַ ווערטליכע איבערזעטצונג פֿונם אָריגינאַל. מיר האָבען איהם ניט געזעהען. נור דאס קעננען מיר זאָגען אַז דאס ביכעלע אין זשארגאן וואָס רופֿט זיך אויך ''סטענאָג. פּראָטאָקאָל'' פֿון 2-טען קאָנגרעס ענטהאלט קיין דריטעל פֿונם ווירקליכען פּראָטאָקאָל און עס איז אַ שווינדעל דיעזעס ביכעלע אנצוגעבען אַלס אַ ''סטענאָגראַפֿ. פּראָטאָקאָל''.
י. וו.

באַנק. אונז אינטערעסירט דא דאס וואָס מיר האָבען, ניט דאס וואָס מיר ווילל ען האָבען, ווענן— — — —

פונם צווייטען ביז צום דריטטען קאָנגרעס האָט זיך ווידער אנגעהייבען דיזעלבע אַרבייט וויא אין ערשטען קאָנגרעס-יאהר: שקלים זאַממעלן, אַקציעס פערקויפען, רעדעס האלטען, און אַ טהייל שטאדט-ביבליאָטהעקען גרינדען א.ד.ג. דיא גרעסטע מיהע האָט צו-גענומען דאס פערקויפען אַקציעס וויל מען האָט געמוסט ביז צו אַ געוויסער צייט פערקויפען $\frac{1}{8}$ פון אַללע אַקציעס (אין גאַנצען זע-נען דאָ 2 מיללי‌אָן אַקציעס) כדי דיא באַנק זאָלל פון דער ענגלישער רעגירונג בעשטעטיגט ווערען. דיזע אַרבייט האָט געפאָדערט זעהר פיעל ענערגיע—און דיא ענערגיע איז אומזיסט ניט פערפאַ-לען. אויף דער גאַנצער וועלט האָט מען אייפריג געאַרבייט. ביז צום דריטטען קאָנגרעס זענען געוועזען פערקויפט אַ ערך פון 300 טוי-זענד אַקציעס, געקויפט פון אַ ערך פון 100 טויזענד מענשען. קיין ענגלישע באַנק האָט אַזאַ גרויסע צאהל "אַקציאָנערען". דאס גרויסע רוב (איבער 90 פראצענט) האָט געקויפט צו איינציגע אָדער צו צוויי אַקציעס. דאס בעווייזט אַז דיא מאַסע האָט זיך בעטייליגט און אונ-זערע קהל'ים לייט, אונזערע אויביגע "פאלקס-פערזאָרגער" כביכול זענען פון דער וויטען געשטאַנען.

ביז מען וועט אַללע 2 מיללי‌אָן אַקציעס פערקויפען וועט נאַ-טירליך נאָך פיעל צייט דויערען און פיעל ענערגיע פאָדערען—נור דיא באַנק איז געזיכערט. ניט קוקענדיג דערויף וואָס פיעל "יודענ-פריינד" האָבען דיא שמוטציגסטע מיטטעל אנגעווענדעט דעם יונ-גען בנין צו צערשטערען. מען האָט זיך ניט געשעמט אויסצוטראכ-טען אַז הערצעל און אַנדערע ווילל ען א ב ר אַ ב ע ו ו ע ן דאס פאָלק! אין צווייטען קאָנגרעס-יאהר האָבען זיך איבערהויפט דיא געגנער-פונם ציוניזמוס אַ ר י ה ר געטוהן. זייא האָבען בעמערקט אַז דיא ציוניסטישע-בעוועגונג וואַקסט פון טאָג צו טאָג. דאס האָט זיי : מ געלאָזט רוהען. דיא באַנק איז זיי ניט געלונגען צו צערשטערען האָ-בען זיך געפונען אַנדערע געגנער "אין נאָמען פון דער רעליגיאָן", דאס זענען אונזערע "פראָטעסטאַנטען", דיא דייטשע ראַבינער. מענשען וועלכע האָבען שוין לאַנג אבגעשלאָסען זייער רעכענונג מיט דער "אמונה" ווערען פלוצלונג רעליגיעז און מיט

זייערע גרויסע קענטניסע געפינען זיי אַז דיא יודישע רעליגיאָן איז גענען ציוניזמוס! נארדוי און אַנדערע האָבען פיעל געשימפּפט איבער דיעזע נפשות, איבער דיעזע "מסחר"-רבנים—מיר וויללען דא איין גוטע זאַך ביי זייא אנוויזען: דאס איז זייער עפענטליכעם הערויסטרעטען געגען ציוניזמוס. דיעזע עפענטליכקייט האָט אונז געגעבען דיא מעגליכקייט דער יודישען וועלט צו ווייזען וואס פאַר אַ מינים ראַבינער דיא דייטשע געמיינדען האָבען. אונזערע (רוסישע) רבנים-געגנער זענען זיך אַנדערש נוהג: זייא שרייבען אין דער פינסטער פּאַסקווילען אויפ'ן ציוניזמוס.

נור דאס אַללעס, וועגן עס האָט אויך דיא ציוניסטען אַ ביסעל געשטערט אין זייער אַרבייט—האָט דאָך ניט געקענט אבהאלטען די שטארקע ציוניסטישע בעוועגונג. דיא צאהל פון דיא פעראיינען איז אויך אין צווייטען קאָנגרעס-יהאר געוואַקסען אויף 25 פראצענט און מעהר, דיא באַנק איז דאָך געגרינדעט געוואָרען און אַם 15, 16, 17 און 18-טען אויגוסט 1899 איז געוועזען אין באַזעל דער דריטטער קאָנגרעס.

דיא מיטגליעדער פונם דריטטען קאָנגרעס האָבען שוין מעהר רעכט געהאַט זיך אנרופען "פערטרעטער" אַלס דיא מיטגליעדער פונם 2-טען קאָנגרעס. אייגענטליך זענען אויך דיא וואַהלען צום 3-טען קאָנגרעס נאך ניט צוגעגאַנגען וויא עס בעדארף צו זיין. אויך אַצונד האָבען זיך אפילו דיא העלפט שקל-צאהלער זיך ניט בעטייליגט אין דיא וואַהלען (וויבאָרעס), אויך אַצונד האָט מען מייסטענס געמוסט שיקען גבירים נור דערפאַר ווייל זיי פאַהרען אויף אייגענע הוצאות—נור דאך בעמערקט מען אַ בעסערונג. פיעלע ציוניסטען אין אַ טהייל שטעדט האָבען שוין פערשטאַנען אַז מען טאר ניט שיקען נאך באַזעל "אַבי וועמען" און אין מאַנכע גרויסע שטעדט האָט אויך דיא קאַססע ערלויבט צו שיקקען וועמען מען וויל ל. אויסערדעם האָבען כמעט אַללע פעראיינען בעשפראכען פאַר דעם קאָנגרעס דיא אַללע "פראַגען" וואָס מען האָט בעדארפט בעשפרעכען אויף דעם קאָנגרעס. דאַן זענען אויך געוועזען ראַיאָן-פערזאַמלונגען, "קליינע קאָנגרעסען" וועלכע האָבען זעהר פיעלעס אויפגעקלערט, וואו מען האָט אַללעס אויספיהרליך בעשפראכען, קלאר געמאכט דאס פערהעלטנים פון דיא רוססישע דעלעגאַטען צו

אַללע "פֿראַגען"—דאס אַללעס האָט מעגליך געמאכט אַז דער רוס-סישער דעלעגאַט זאָלל וויססען ו ו ע מ ע ן און ו ו אָ ס ער פֿערטרעט. פֿאר דעם 2-טען קאָנגרעס איז אפילו אויך געוועזען אין ווארשא אַ מין "קאָנגרעס", נור דיא ראַיאָן-קאָנגרעסען האָבען פֿיעל מעהר נוּ-צען געבראכט. דאַנן האָט אויך דיא פּרעססע פֿיעל מיטגעווירקט מיט דעם וואָס זיא האָט אנגעוויעזען אויף דיא פֿריהערע פֿעהלער און—דאַרף מען ניט פֿערגעסען—זענען דאָך דיא ציוניסטען דערווייל ע ל ט ע ר געוואָרען מיט אַ יאהר, מיט אַ יאהר פֿון בעוועגונג, פֿון לעבען. אין אַזאַ מין יאהר ל ע ר נ ט דיא בעוועגונג אַלליין, ווייזט אָן אויף פֿיעלע פֿעהלער און קלערט פֿיעלעס אויף.

דעם 3-טען קאָנגרעס קאַנן מען אין צוויי "פּאַרטהייען" צוּ-טיילען. דיא סאָציאַליסטישע-ציוניסטען פֿונם 2-טען קאָנגרעס האָ-בען כמעט אין גאַנצען געפֿעהלט. נור א י י נ צ ע ל נ ע האָט מען גע-קאנט געפֿינען אָבער פֿון אַ "גרופּע" איז מעהר ניט דיא רעדע. דעם איבריגען עולם קאַנן מען טיילען אין אַריסטאקראַטישע און אין דע-מאָקראַטישע ציוניסטען. דיא אַריסטאָקראַטישע—דאס זענען כמעט אַללע מערב-אייראפּעאישע דעלעגאַטען מיט הערצעל'ן אין דעם שפּיצע און אַ קליינער טהייל רוסישע דעלעגאַטען; דיא דעמאָקראַ-טישע—דאס זענען כמעט אַללע רוססישע און אַ קליינער טהייל מערב-אייראפּעאישע דעלעגאַטען.

דער אונטערשיעד צווישען זיי? דיא אַריסטאָקראַטישע ציוניס-טען בעטראכטען דאס גאַנצע פֿאָלק אַלס אַ "קינד" וועלכעס מען דאַרף אייביג פֿ י ה ר ע ן, וויא באַלד ניט וועט עס חלילה אומפֿאַל-לען, דערפֿאַר מוסען זיין פֿון דיא "העכערע" קלאַססען "פֿיהרער" וועלכע זאָללען דאס ק י נ ד האַלטען אויף דיא פֿיס. . . דיא דעמאָ-קראַטישע ציוניסטען זאָגען אַז דאס פֿאָלק איז ניט אַ ק י נ ד, אַז עס האָט אַ געזונדטען פֿערשטאַנד און איז פֿעהיג זיך אַ ל ל י י ן צוּ פֿיהרען נור מוסס מען איהם אנווייזען דעם וועג. און אויך דיא וועג-ווייזער ד א ר פֿ ע ן זיין דערויס פֿונם פֿאָלק אַלליין. בייא דיא אַריסטאָ-קראַטען הייסט עס: "פֿיר דאס פֿאָלק", בייא דיא דעמאָקראַטען: "פֿ י ר דאס פֿאָלק ד ו ר ך דאס פֿאָלק".

וויא אינטערעסאַנט דיעזע צווייא אַנשויאונגען זאָללען ניט זיין—איז אָבער דא ניט דער אָרט זיי צוּ בעשפּרעכען. מיר האָבען

נור געוואָלט אנווייזען בכלל אַז דיזע צוויא אַנשויאונגען זענען גע-ווזען פערטרעטען אויף דעם 3-טען קאָנגרעס ווענן עס איז אויך שווער צו מאַכען דעם אונטערשיעד אויף דיא ציוניסטישע-קאָנגרע-סען. דארט איז נאך ניט אַללעס קלאר, דייטליך נור "אין דער לופט" שוועבען דארט און מישען זיך אויס דיא פערשיעדענע מיינונגען און פון צייט צו צייט קומט פאר אַ "צוזאַממען-שטויס" פון צוויי ענט-געגענגעזעטצטע אַנשויאונגען—דאַמאַלס קראַכט עס!

מיר דארפען נאך דיא "שטרעמונגען" פונם 3-טען קאָנגרעס בעצייכענען, דיא שטרעמונגען אונאַבהענגיג פון דיא פ אַ ר ט ה י י-ע ן. קודם-כל האָט זיך געוואָרפען אין דיא אויגען דאס וואָס איז נ י ט געוועזען. עס האָבען געפעהלט דיא ח ו ב ב י-צ י ו ן. מיר קע-נען ניט זאָגען אַז עס זענען כלל ניט געוועזען דארט חובבי-ציון. ניין! און דוקא ניט ווענינג נור האָבען זיי פיגורירט אַלס פ אָ ל י ט י-ש ע ציוניסטען וועהרענד אויף דעם פריהערען קאָנגרעס האָבען זיי נור אַלס ק אָ ל אָ נ י ז אַ צ י אָ נ ס-ציוניסטען פיגורירט. דיא חבת-ציונישע-שטרעמונג איז אַלזאָ ניט געוועזען כמעט פערטרעטען. אויך האָבען געפעהלט דיא אחד-העמ׳יסטען, נור עס זענען געוועזען ניט-ווענינג קולטור-ציוניסטען.

אין וואָס האָט אונז דער ד ר י ט ט ע ר קאָנגרעס געגעבען?

אייגענטליך גאר ניט און דאָך עפעס און אפשר טאַקי פיעל. אנהייבען דארף מען דאָ פונם "טשאַרטער". דאס איז אַ נייא וואָרט אין דער ציוניסטישער בעוועגונג. דיזעס וואָרט ד. ה. דער אינהאַלט פון דיזען וואָרט וועט געווים דיענען אַלס אַ בריק וועלכע וועט פעראייניגען דיא חובבי-ציון מיט דיא ציוניסטען. דיזעס איינצעלנע וואָרט איז פיעל מעהר וויכטיג פון מאַנדעלשטאַמ׳ס רעדע. אין אונ-זער קאַפיטעל "דיא שטרעמונגען אין ציוניזמוס" וועללען מיר נאך רעדען פון דער גרויסער בעדייטונג פון דיזען וואָרט.

נאך הערצעל׳ס רעדע האָט נארדוי און אַנדערע גערעדט. הער-צעל האָט זעהר ריכטיג בעמערקט אַז "רעדען הייסט אויך טוהן". געווים! מען האָט נאך זעהר פיעל צו רעדען ביז אַללעס וועט קלאר און דייטליך זיין. מען האָט פיעל גערעדט איבער דער "אונגליק-

ליבער“ קולטור, איבער אָרגאַניזאַציאָן און קאָלאָניזאַציאָן. איבער
אָרגאַניזאַציאָן האָט מען ניט נור גערעדט נור מען האָט אויך אַ
נייעם אָרגאַניזאַציאָנס-פּלאַן אנגענומען וועלכער וועט נאָך וואַהר-
שיינליך ניט איין מאָל איבערגעאַנדערשט ווערען. דער וויכטיגס-
טער פּונקט איז געוועזען ״דיא באַנק“ ד. ה. דיא באַנק סטאַטוטען
וועלכע דער 3-טער קאָנגרעס האָט געדאַרפט בעשטעטיגען.

נאָך אויף דעם 1-טען און נאָך מעהר אויף דעם 2-טען קאָנ-
גרעס האָט מען דייטליך געזעהען וויא הערצעל בייגט דעם קאָנ-
גרעס וואוהין ער וויל. האָט שוין דער עולם גענוג זיך אנגערעדט,
איז מען געוועזען שוין רעכט קלאָר וועגען געוויסע ענינים—נור וויא
באַלד עס איז הערצעל'ן ניט געפעללען זאָ געניגט נור פון איהם איין
וואָרט און יעדער זאָגט נאָך באָם! אויף דעם 1-טען קאָנגרעס האָט
יעדעם מיטגליעד זיך געסטאַרעט מיט אַללע כחות עס זאָלל נור
הערשען שלום און אחדות. דאמאלס איז הערצעל'ן גאר גרינג אנ-
געקומען צו בייגען דעם גאַנצען עולם אויף זיין זייט. אַ ביסעל שווע-
רער איז איהם שוין אנגעקומען אויף דעם 2-טען קאָנגרעס. דא האָ-
בען זיך שוין אפּט דיא פערשיעדענע שטרעמונגען און ריכטונגען
געקרייצט, דא איז שוין אַללעס נ י ט גלאַט אבגעלאָפען. נור אויך
דאַמאַלס איז אפּט גענוג געוועזען הערצעל זאָלל ערשיינען אויף
דער טריבינע, זאָלל וואָס עס איז זאָגען. נור, האָט אָבער שוין דאס
בלויזע רעדען ניט געהאָלפען האָט ער זיך בענוצט מיט זיין דיפּ-
לאָמאַטיע. ער האָט למשל תמיד אַ ז ו י אבגעשטימט אַז עס זאָלל
הערויסקומען אויף זיינעס. דא האָט ער גענצליך אבגעשניטען אין
מ י ט ט ע ן דאס רעדען דורך אַ אבשטימונג ״אָהנע אנהערונג“ פון
וויטערע רעדנער, מיט אַ אבשטימונג אננעהמען אַ געוויסען ענין
״ען-בלאָק“ אָדער גענצליך אבלעהנען א.ד.ג. קורץ, ער האָט אַזוי
געדרעהט אַז עס זאָלל אויסקומען אויף זיינעס. און צו דרעהען איז
איהם גרינג געוועזען. דיא מערב-אייראָפּעאישע דעלעגאַטען האָבען
איבערהויפּט וועניג ״מלחמות“ מיט איהם געפיהרט. און דיא רוס-
סישע דעלעגאַטען זענען על פי רוב נ י ט פּאָליטיש ערצויגען אַזוי
אַז עס איז דעם פּאָליטיקער הערצעל לייכט געוועזען מיט זייא
צו מאַכען וואָס עס האָט זיך איהם געגליסט. נאַטירליך אַללעס איז
געווען ל ט ו ב ת הענין, נור אַזוי וויא ה ע ר צ ע ל פ ע ר ש ט ע ה ט.
איי וואָס, אפשר פערשטעהען אַנדערע אַנדערש און אפשר ריכטי-

גער פֿון איהם? דאס געהט איהם ניט אן. זיין דעספּאָטישער כאַראַקטער קאנן ניט דערלאזען אַז אימעצער זאָלל איהם אנווייזען וואס און וויא אַזוי צו טוהן. און אפשר דורך זיין דעספּאָטיזמוס איז איהם געלונגען צו געווינען חסידים, בוכשטעבליך ח ס י ד י ם, הייסע חסידים וועלכע ג ל ו י ב ע ן באמונה שלמה אין אַללעס וואָס ער זאָלל ניט טוהן און זאָגען, פֿיעל מעהר אַלס דיא טשארטקאווער חסידים למשל אין "אַלטען". און דיעזע "סוויטע" זיינע העלפֿט איהם שוין הערוים תמיד. . . נור אויף דעם 3-טען קאָנגרעס האָט שוין הערצעל מיט רעדען און מיט דיפּלאָמאַטיע ניט געקענט תמיד אויספֿיהרען, דא האָט ער שוין געמוסט צ ו ו י נ ג ע ן. נור דיעזעס "צווינגען" איז איהם ניט גלאַט אבגעגאַנגען. אויף דעם פֿיערטען און איבריגע קאָנגרעסען וועט שוין הערצעל געווים איינזעהען אַז ער איז נור א י י נ ע ר און אַלס א י י נ ע ר דארף ער זיך אונטערגעבען דער מעהרהייט, ניט דיא מעהרהייט—איהם. דאס האָט ער שוין אייגענטליך איינגעזעהען אויך אויף דעם 3-טען קאָנגרעס און דערפֿאר האָבען מיר געזאָגט אַז ווענן דער דריטטער קאָנגרעס האָט אונז אייגענטליך קיינע טהאַטען געגעבען—האָט ער אונז דאָך פֿיעלעס געגעבען: דאס נייע וואָרט "טשאַרטער" און דאָס וואָס דר. הערצעל האָט דייטליך איינגעזעהען אַז דיא דעמאָקראַטישע דעלעגאַטען ד. ה. אייגענטליך דיא רוססישע זענען אַ ק ר אַ פֿ ט מיט וועלכער מען מוסס זיך רעכענען. ער האָט איינגעזעהען אַז עס איז געפֿעהרליך דיא סטרונע צו שטארק צו ציהען. . . און פֿון דער אַנדער זייט וויעדער האָבען דיא רוססישע דעלעגאַטען (איך רעד דא פֿון רוב) איינגעזעהען אַז וואָס מעהר זיי פֿערשטעהען איינס דאס אַנדערע—קעננען זיי מעהר נוצען בריינגען דער פֿאלקס-זאַך וועלכער זיי דיענען. דאס אַללעס האָט געוויעזען דיא געוויסע סצענע וועלכע איז ענטשטאַנדען וועגען דיא "לעבענסלענגליכע אַקציען".

נאך אויף דיא ראַיאָן-פֿערזאַמלונגען אין רוססלאַנד האָט מען ביי בעשפּרעכונג פֿון דיא באַנק סטאַטוטען פֿעסט בעשלאָססען מאנכע פּאַראַגראַפֿען פֿון דיא סטאַטוטען אַרויסוואַרפֿען און איבעראַנדערשען. דיא וויכטיגסטע פּונקטען זענען געוועזען: 1) אַז דיא באַנק איז נ ו ר בעשטימט פֿיר פּאַלעסטינאַ און סוריען און ניט "פֿיר דיא גאַנצע וועלט", 2) מען זאָלל ניט שיינקען אויף ע ב י ג (ד.ה. ביז אין טויט) דיא 20 גרינדער-אַקציעס. (פֿון דיא 2 מילליאָן אַק-

ציעס האָבען 100 אַקציעס פֿון זיי, די "גרינדער-אַקציעס" אַזוי פֿיעל ש ט י מ מ ע ן וויא אַללע איבעריגע אינאיינעם. פֿון דיעזע 100 גרינדער-אַקציעס האָט מען געקעננט נאכ'ן פראספעקט פֿון דער באַנק 20 שטיק אויף עביג אַוועקשיינקען אַזעלכע ציוניסטען וועלכע האָבען זיך "בעריהמט" געמאכט דורך זייער טהעטיגקייט, וועלכע "האָבען זיך פֿערדיענט".) פֿארוואָס מען איז געוועזען געגען דיעזען לעטצטען פונקט איז ניט נעטהיג דאָ צו בעשרייבען. דער עיקר איז אַז דאס גרויסע רוב פֿונם קאָנגרעס איז געוועזען ג ע ג ע ן און יעדער איז געוועזען איבערצייגט אַז מען וועט גאר איבער דיעזען פונקט ניט פֿיעל ריידען. נור— — —נור הערצעל האָט אָבער אַנדערש געוואָללט! פֿארוואָס? עס איז מעגליך אַז זיין אַריסטאָקראַטישע נשמה האָט איבערהויפט פֿערלאַנגט בעשאַפֿען פ ר י ו ו י ל ע ג י ע ס נור דא איז געוועזען דער עיקר: ער האָט שוין פֿאר דעם דריטטען קאָנגרעס צוגעזאָגט דיא 7 דירעקטארען פֿון דער באַנק צו שיינקען יעדען אַ לעבענסלענגליכע אַקציע! הערצעל האָט געוויס דאס רעכט ניט געהאט צו שיינקען וויא דיא 7 דירעקטארען האָבען ניט דאס רעכט געהאַט צו נ ע ה מ ע ן, זאָגאַר נור צו פֿ ע ר ל אַ נ ג ע ן. נור עס איז געוועזען אַ פֿאַקט אַז הערצעל האָט זיין וואָרט געגעבען און דאס וואָרט האָט ער געוואָללט ערפֿיללען. וויא געזאָגט דער עולם איז געוועזען ג ע ג ע ן דעם פונקט. דא האָט הערצעלס רעדען און דיפלאָמאַטיע נ י ט געהאָלפֿען. דער עולם איז געוועזען פֿעסט ענטשלאָססען זיך נ י ט אונטערצוגעבען און זיי האָבען זיך ניט געטאָרט אונטערגעבען ווייל עס איז זיי קלאר געוועזען דאס פֿערהעלטנים פֿון כמעט אַללע ציוניסטען צו דיעזען פונקט. וואָסזשע טוהט הערצעל? ער איז מודיע דעם עולם וויא באַלד עס וועט איהם אויסקוממען זיין וואָרט ניט צו ערפֿיללען זאָגט ער זיך א ב פֿ ו נ ם צ י ו נ י ז מ ו ס ד. ה. פֿון צו זיין אַ פֿ י ה ר ע ר נור דאס איז דאָך דאסזעלבע (ביי הערצעל'ן) וויא פֿונם ציוניזמוס. וואָס עס איז ענטשטאַנדען נאך דיעזע ערקלערונג איז אונמעגליך איבערצוגעבען. אין יעדענס ברוסט האָט עס געקאָכט. דאס בלוט איז אין פנים געשטירצט. יענעם מאָמענט וועט קיין דעלעגאַט פֿערגעסען. מען איז געוועזען אין אַ רעכט קריטישער לאַגע: לאָזען שטעהען דיעזען פאַראַגראַף, זיך אונטערגעבען הערצעל'ן הייסט ערשטענס האַנדעלן ג ע ג ע ן וויללען פֿונם פֿאָלק, געגען זיין געוויססען און דאַנן, צווייטענס, הייסט דאס וויזען הערצעל'ן אַז ער מעג תמיד

טוהן וואָס ער ווילל קיינעם ניט פּרעגענדיג ווייל דער עולם מוסס זיך דאָך אונטערגעבען. ווידער זיך ניט אונטערגעבען זאָ וועט זיך דאָך הערצעל אבזאָגען—ווער וועט איהם פּערטרעטען? איז עס דענן אין אינטערעססע פֿונם פֿאָלק לאָזען הערצעל'ן זיך אבזאָגען??? טויזענדער פֿראגען האָבען יעדע רגע דורכגעקרייצט דעם קאָפּף. אַזעלכע עטליכע מאָמענטען איבערלעבען איז קיין מענש אומשטאַנד. איינס איז יעדען קלאר געווען: אַז אַצונד איז קיין אַנדערער פֿאַראַנען וועלכער זאָלל פֿעהיג זיין הערצעל'ן צו פֿערבייטען. הערצעל איז אַ בן-יחיד ביי אונז! "און ווהע איז דער מאַמע'ן וואָס זיא האָט אַ בן-יחיד" האָט מיט רעכט בעמערקט ש. ראָזענפֿעלד בעשרייבענדיג דיעזען פונקט אין "המליץ". יאַ, אַ בן-יחיד! פֿיעלע האָבען אין דיא געדאַנקען, אַ טהייל האָבען אַרויסגעזאָגט אַז זיי זוכען אַ אַנדער הערצעל נור—מען האָט דערווייל ניט געפֿונען און מען האָט זיך געמוסט אונטערגעבען. הערצעל האָט אויסגעפֿיהרט נור עס האָט איהם געקאָסט פֿיעל כחות און מען האָט אַרויסגעזעהען וויא עס טוהט איהם שטארק באַנג וואָס ער האָט פֿערשפּראָכען דיא לעבענסלעגגליכע אַקציעס. נור דאס רעזולטאַט איז דאָך געווען אַז אויף דעם 3-טען קאָנגרעס האָט זיך דער פֿאָלקס-רצון געמוזט אונטערגעבען דעם רצון פֿון איין מענשען. דאס רעזולטאַט איז טרויעריג (ווענן אויך דיא דירעקטאָרען האָבען זיך דאַנן אבגעזאָגט פֿון דיא אַקציעס) נור עס וועט טראגען זיססע פֿריכטע. מען קאנן פֿיר זיכער זאָגען אַז הערצעל וועט זיך מעהר אַזעלכעס ניט ערלויבען; ער האָט גענוג דייטליך אייגגעזעהען אַז ניט תמיד לאָזען זיך דיא דעלעגאַטען שפּיעלען מיט זיך וויא מיט קינדערלעך. און דיא דעלעגאַטען וואָס האָבען זיך אונטערגעגעבען האָבען דאס געטוהן בריינגענדיג אַ קרבן, אַ קרבן וועלכער בעשטייט אויס בלוט און מארך. דאס האָבען זיי געוואוסט און דיעזעס בעוואוסט-זיין האָט זיי העכער געשטעלט. אַזעלכע קרבנות זענען פֿיעל שווערער צו בריינגען אַלס קערפּערליכע, וויא למשל דיא ברוסט אונטערשטעלען אונטער דער קוגעל.

דער ערשטער פונקט איז לייכט ערלעדיגט געווארען. דיא איבעריגע פונקטען זענען איבערגעגעבען געוואָרען אַ קאָמיססיאָן וועלכע מען האָט אויסגעקליבען צו דיעזען צוועק. וויא מיר לעזען

אַצונד אין "דיא וועלט" האָט דיא באַנק קאָמיססיאָן אבגעשאַפֿען דאס פרינציפ פֿון לעבענסלענגליכע אַקציעס און אויך כמעט אַללע איבעריגע פונקטען אַזוי גערעגעלט וויא דער קאָנגרעס האָט פֿער-לאַנגט. מיר זאָגען "כמעט" דען איין פונקט איז איבריג געבליעבען וועלכער וועט נאך פֿיעל אַרבייט פֿערשאַפֿען דיא דעמאָקראַטישע ציוניסטען איהם אבצושאַפֿען. דאס איז דער פונקט: אַז צו ווערען אַ באַנק-דירעקטאר מוסס מען האָבען אייגענע 500 באַנק-אַקציעס ד. ה. מען מוסס זיין אַ גביר. עס איז אַלזאָ אויפֿגעשטעלט אַ פרינציפ אַז דער וואָס האָט געלד אַ סך איז שוין במילא אַ חכם אויך! מען וועט אַלזאָ ניט קעננען אויסקלייבען אַ דירעקטאר וועל-כער איז גראדע פֿעהיג דערצו נור מיר וועללען מוססען קודם-כל וויססען צי איז דאס ניט אַ אָרימער אדון. . .

דיעזעס אַריסטאָקראַטישע פרינציפ איז נאך מעהר אַלס העס-ליך און זאָלל עס בלייבען וועט געווים אַ שאַנדע זיין פֿאר דער פֿאלקס-בעוועגונג.

דא איז אפשר דער אָרט אנצווייזען נאך אויף אַ אַריסטאָקראַ-טישען מנהג". דאס איז אפילו אַ "קליינינגקייט" אָדער "נאַריש-קייט" און טאַקי דערפֿאר, ווייזט אויס, האָט דיא יודישע פרעססע ניט געפֿונען פֿאר נעטהיג דערפֿון צו רעדען כדי מען זאָלל אפשר ניט זאָגען אַז זיא זוכט חסרונות. איך מיין דא דיא פֿאָרדע-רונג פֿון דיא דעלעגירטע זיי זאָללען האָבען אַ "שוואַרצען ראָק און אַ ווייסע קראַוואַטע". איך מוסס אויך מודה זיין אַז אויף דעם 1-טען קאָנגרעס איבערלעזענדיג אויף דער איינטריטס-קאַרטע דיע-זע לעפישע פֿאָרדערונג האָב איך געהאַט יסורים. . . מילא אַ ווייסע קראַוואַטע קאנן מען פֿאר 20 קאָפּ. בעקוממען, זיא מוסס דאָך ניט אויס זיידע זיין. . . אַבי ווייס—אַ שוואַרצען ראָק אָבער וואו נעהמט מען?. . . און מיט הארץ-ציטערניש בין איך אין אַ ניט-שוואַרצען ראָק אַריינגעגאַנגען אין קאָנגרעס-זאַאַל און געמיינט אָט אָט. . . וועט מען מיך בעטען הערויסגעהען. . . אַ קליינינגקייט אָהן אַ שוואַרצען ראָק! וואָס וועט דיא וועלט זאָגען?! נור מען האָט מיך ניט געטשעפעט. דיעזע "נאַררישקייט" פֿונם שוואַרצען ראָק האָט פֿיעלען געעקעלט אויף אַללע קאָנגרעסען, דען דיעזער מנהג איז געוואָרען אַ דין—נור עס האָט זיך קיינעם ניט געגלוסט איבער דיעזער "קליינינגקייט" צו רעדען און עס איז עד היום פֿערבליבען אַז אַ דעלעגאַט צו זיין איז ניט גענוג וואָס ער איז געוועהלט פֿון אַ

געוויסע צאהל ציוניסטען נור מוסם ער האָבען דערצו אַ ווייסע קראַ-
וואַטע און—דאס איז דער עיקר—אַ שוואַרצען ראָק! (יודישע פאַב-
ריקאַנטען וואָס אַרבייטען אוים שוואַרצעס טוך מעגען זיך פריי ען.)
נור מען קאנן ניט זאָגען אַז דער קאָנגרעס איז אין יעדען ענין
אַריסטאָקראַטיש. . . אָט למשל וואָס אַנבעלאַנגט דיא "פרויען-
פראגע" האָט דער קאָנגרעס ד. ה. הערצעל זיך הערויסגעוויעזען אין
אַ אַנדער אופן. אויף דעם ערשטען קאָנגרעס אויף אַ פראגע פון אַ
דעלעגירטען צי האָבען דיא פרויען שטיממרעכט ערקלערט הער-
צעל, קיינעם ניט פרעגענדיג, אַז "דיא דאַמען זינד זעלבסטפער-
שטענדליך ז ע ה ר פ ע ר ע ה ר ט ע געסטע, נעהמען אָבער אַן דער
אַבשטימונג ניכט טהייל" (סטענאָג. פראטאקאל פון 1-טען קאָנ-
גרעס זייטע 115). דיעזע תשובה איז פיעלען כלל וכלל ניט גע-
פעללען נור מען האָט זיא רוהיג אַראבגעשלונגען, עס האָט זיך ניט
געוואָללט שטערען דעם איינדרוק פון אחדות וועלכער האָט ב ע-
ד א ר פ ט הערשען. (פרל. ריינעס האָט עפעס אפילו יא געענט-
פערט נור "דאס קאָנגרעס ביורא" האָט געפונען פאר נעטהיג דיעזע
תשובה אין ס ט ע נ אָ ג ר אַ פ י ש ע ן פראָטאָקאָל ניט אבצודרוקען.
דא איז אפשר דער אָרט צו בעמערקען אַז אַללע אונזערע סטענאָ-
גראַפישע פראטאקאָלען זענען אַ ביסעל פערפוצט. . . עפעס קליי-
ניגקייטען, אַרויסגעווארפען, עפעס הערייגגעשטעלט. . . אָט למשל
אַלס מאַרמאָרעק אוים וויען האָט זיך געפרופט אבזאָגען פון זיין
אַ מ ט אַלס אַקציאָנס-קאָמיטעט'ס מיטגליעד איז דאס דעם עולם
שטארק געפעלען. . . און מען האָט אַפלאָדירט. אין 3-טען פרא-
טאָקאָל אָבער איז אנגעגעבען פונקט פערקעהרט! נור דאס איז
אַללעס "קלייניגקייטען", "נאַרישקייטען" פון וועלכע עס איז ניט
ווערטה צו רעדען—און מיר ר ע ד ע ן ניט. . .). אויף דעם 2-טען
און 3-טען קאָנגרעס האָבען שוין דיא פרויען געהאַט דיא אייגענע
"רעכטע" וויא דיא הערען. "הפה שאיסר הוא הפה שהתיר". . .
מיר מיינען אַז מיר קעננען דא ענדיגען דאס קאַפיטעל איבער
"דיא קאָנגרעסען". נאך דיא אַללע חסרונות דארף ביי אונז דער
קאָנגרעס הייליג זיין. דיא אַללע חסרונות זענען נור פאראיבערגע-
הענד, זיי הענגען אב פון אונזער פערשטעהען דעם ציוניזמום. דיא
ציוניסטען וועללען אבלעבען, אַנדערע וועללען קוממען—דער
צ י ו נ י ז מ ו ס וועט בלייבען ביז צו זיין פערווירקליכונג.

6.

דיא שטרעמונגען אין ציוניזמוס.

מיר האָבען שוין פֿיעל מאָל געזאָגט אַז דיא חובבי-ציון בכלל זענען נ י ט פּ אָ ל י ט י ש ע ציוניסטען, אַז עס איז אוננוטץ דיעזען אונטערשיעד צו פֿערלייקענען איינרעדענדיג זיך און יענעם אַז מיר זענען שטאַרק ווייל מיר אַרבייטען אַ ל ל ע צוזאַממען. דיא פּאָליטישע ציוניסטען האָבען ווירקליך פֿערדיענט דעם פֿארוואורף אַז זיי זוכען אַלעס צו פֿערגרעסערען און פֿערשענערען. פֿון אנהייב אן ענטוויקלונג פֿונם פּאָליטישען ציוניזמוס זעהען מיר וויא פֿיעלע זוכען מיט אַ כ י ו ן אַללעס אַזוי גלענצענד צו בעמאַלען וויא נור מעגליך. און אַז דיא פֿאַנטאַזיע פֿונם רעדנער למשל צושפּיעלט זיך הייבט ער שוין טאַקי אן צו זעהען יציאת מצרים. . . ער זעהט שוין דיא יודען אין ארץ-ישראל יעדען אונטער זיין "פֿייגענבוים און וויינשטאָק" א.ז.וו. דיעזע אַללע פֿאלשע בעפּוטצונגען און ניט-אמת'ע פֿארשטעלונגען זענען דערפֿאַר כדי צו ה י פּ נ אָ ט י ז י ר ע ן דאס פּובליקום עס זאָלל וואָס גיכער צוטרעטען צום ציוניזמוס. און וואס האָט מען דערמיט גע'פּועל'ט? דער עולם האָט אנגעהייבען זיך פֿארצושטעללען או נ מ ע ג ל י כ ע זאַכען, דיא פֿאַנטאַזיע פֿונם פֿאָלק האָט זיך אַזוי צושפּיעלט אַז עס האָט גע'חלומ'ט וואַכענדיג, עס האָט טאַקי באַלד ערוואַרטעט "דיא יודישע מדינה". נאַטירליך אַז אַזאַ מין צושטאַנד קאנן לאַנג ניט דויערען. אין אויפֿגערעגטען צושטאַנד קויפֿט מען אַמאָל אַ אַקציע, מען גיבט אַ שקל—צוויי נור באַלד ווערט דער עולם אַ ז ו י אבגעקיהלט, פֿיעל קעלטער אַלס פֿריהער. . . דער פּולס האָט צו גיך זיך בעוועגט, דיא בלוטען—צו פֿיעל ערהיצט און טאַקי באַלד ווערט אַללעס ערמידעט, שוואַך, במעט וויא טויד. דיא פֿריהערע גלייכגילטיגקייט—דער ערגסטער ציוניסטישער געגנער—קעהרט זיך ווידער אום אַזוי אַז עס ווערט נאָך שווערער דיעזע גלייכגילטיגקייט צו בעקעמפֿען. אָט אַזוי זעהען מיר וויא דיא "הייסע" ציוניסטען בריינגען מעהר שאדען אַלס נוצען. ניט אומזסט זאָגט מען אַז "וואָס צו איז איבריג". און דיעזע טאַקטיק אַללעס גרעסער צו מאכען אַלס עס איז אין אמת'ן, מורא האָבענדיג פֿאר'ן פּשוט'ן אמת, האָבען זיך דיא ציוניסטען אבגעלערנט טאַקי פֿון הערצעל'ן אַלליין. ביי איהם הייסט דאס 'דיפּלאָ-

מאַטיע“ אָדער ”פּאָליטיק טרייבען“. דיעזע הויכע פּאָליטיק איז געוועזען דיא אורזאַכע וואָס ער האָט ניט געוואָלט אויף דעם צווייטען קאָנגרעסס אויסזאָגען וויא פּיעל שקל-צאהלער עס זענען געוועזען—חאטש פּיעל דעלעגאַטען האָבען דאס געוואָללט וויססען און האָבען זאָגאַר שטרענג געפּאָרדערט מען זאָלל זיי אַ אויספּיהרליכען חשבון פּאָרלעגען. עס האָט גאָר ניט געהאָלפען. הערצעל האָט זיך איינגערעדט אַז דיא ווירקליכקייט ד. ה. דער נאַקעטער אמת קאָנן שאדען דער זאַך. נאַטירליך האָט זיך פּונקט דאס פּערקעהרטע הערויסגעוויעזען. דאס פּערלייקענען פּונם אמת האָט זיך נוקם געוועזען: אַ טהייל האָבען גענצליך אויפגעהערט צו גלויבען אין הערצעל׳ן מיט זיין פּאָליטיק און זענען אבגעטרעטען פּונם ציוניזמוס. אַנדערע זענען ניט אבגעטרעטען זענען זיי אַזוי אבגעקיהלט געוואָרען, פּערלאָרען אַ שטיק אמונה. אויף דעם דריטטען קאָנגרעס האָט מאָצקין טאַקי אויסגעשטראָפט הערצעל׳ן פּאָר דיעזער טאַקטיק און כמעט דער גאַנצער עולם איז געוועזען מיט מאָצקינען איינפּערשטאנדען. הערצעל האָט זיך געמוזט פּערענטפּערען וויא אַ קליין קינד וועלכעס בעגעהט אַ גרויס נאַרישקייט. . . עס איז געוועזען דערפּאַר וואָס הערצעל האָט אין לאָנדאָן פּאַר אַ פּובליקום פּון עטליכע טויזענד מענשען געהאַלטען אַ רעדע אין וועלכע ער האָט ממש ”גילדענע בערג“ פּערשפּראָכען. יעדער, נאַטירליך, דענקט אַז דאס וואָס הערצעל זאָגט, דער ערשטער פּיהרער, דער אויפּטוהער פּונם גאַנצען פּלאַן, דער פּרעזידענט פּון דיא קאָנגרעססען און אַקציאָנס-קאָמיטעט—דאס וואָס דיעזער מענש זאָגט איז געוויס הייליג. און ער קומט און דערצעהלט אין לאָנדאָן ”אַז אין אַ קורצער צייט“ וועט געשעהען ”גאָטט וויים וואָס“! אָט באַלד. . . אָט באַלד. . . און וואָס מיינט איהר איז געשעהען? דער דייטשער קייזער האָט אַ יודישער דעפּוטאַציאָן מיט הערצעל׳ן אַן דער שפּיטצע אַ אוידיענץ געגעבען! דיא הערצעליסטען גלויבען, אָדער ווילּלען גלויבען, אַז דאס איז אַ גרויסער סימן אַז דער דייטשער קייזער איז אַ ”ציוניסט“ און אַז ער וועט אונז געוויס מיטהעלפען עררייכען פּאַלעסטינאַ. דיא חובבי-ציון אָבער זאָגען (און האָבען גענוג גרונד דערצו) אַז דער דייטשער קייזער איז גאָר אַ ”חובב-ציון“. . . דאס הייסט: ער סטאַרעט זיך מיט אַללע כחות וואָס גיכער און וואָס מעהר לאַנד אין פּאַלעסטינאַ צו בעקוממען, אייזענבאַהנען דאָרט צו מאַכען, דיא פּאַרטען אַוועקנעה-

מען—נור דאס אַללעס פֿיר זיך, פֿיר דאס ד י י ט ש ע פֿאלק. עס קומט אַלזאָ אויס אַז דער דייטשער קייזער איז אונזער קאָנקוררענט, און אַ שטארקער קאָנקוררענט! *) אַנדערע זאָגען גאר אַז דיא גאַנצע אוידיענץ איז גאר נישט ווערטה. דער דייטשער קייזער גיבט אין משך פֿון יאהר פֿיעל אוידענצען אָהן אַ שום פ אָ ל י ט י ש ע ן ווערטה. מיר וויללען דא ניט בעטראַכטען דיא פֿראגע ווער עס האָט דא רעכט—נור דאס זעהט מען דייטליך אַז עס איז געוועזען זעהר ניט טאַקטיש זיך צו ב ע ר י ה מ ע ן אין לאָנדאָן אַז באַלד וועט גרויסעס געשעהען. אמת, אום צו אַגיטירען, עפּעס אַ געדאַנק צו פֿערשפּרייטען צווישען דער מאַססע מוסס מען א ו י ך אויף דאס געפֿיהל ווירקען און ניט נ ו ר אויף דעם שכל. נור געהען אַ ק ע ג ע ן שכל—דאס טויג שוין נישט. . . דאס שאדעט שוין מעהר אַלס עס ניצט. עס ניצט איבערהויפּט ניט. דיא חובבי-ציון וואָס זענען געוועהנט תמיד אין דער שטילל (צו שטילל) צו אַרבייטען האָבען ניט געקט מיט אַזאַ מין פּאָליטיק-טרייבעריי איינפֿערשטאַנדען זיין. דאס איז א י י נ ע פֿון דיא אורזאַכען וועלכע ד ע ר ו ו י ט ע ר ע ן דיא חובבי-ציון פֿון דיא ציוניסטען. דאס איז אָבער ניט דיא הויפּט-אורזאַכע. מיר מוססען דא בעמערקען אַז מיר רעדען דא ניט פֿון דיא חובבי-ציון פֿ א ר דעם 1-טען קאָנגרעס. דאמאלס, וויא מיר האָבען פֿריהער געזעהען, איז דער חבת-ציון איבערהויפּט געוועזען איינגעשלאָפֿען. דיא דאמאלסדיגע חובבי-ציון האָבען געשפּיעלט די ראללע פֿון צ ד ק ה-ציוניסטען. מיט'ן ענטוויקלען זיך פֿונם פּאָ-ל י ט י ש ע ן ציוניזמוס זייט הערצעל—האָבען זיך דיא חובב-ציון וויא פֿון שלאָף ערוואַכט. דער פּאָליטישער געדאַנקע וועלכער איז געלעגען טיעף אין דער ברוסט פֿערשטעקט האָט זיך הערויסגעריסען. דער פּאָליטישער געדאַנקע האָט ערוואַכט. דיא חובבי-ציון האָבען אנגעהייבען אַנצוערקענען אַז מיר מוססען אונבעדינגט האָבען

*) מיינער אַ פֿריינד הערר ה. ה—ן אַ יודיש-רוססישער שריפֿטשטעללער, אַ מיטגליעד פֿון דער חברה ביל"ו, וועלכער האָט אייניגע יאהר אין פּאַלעסטינאַ געלעבט אַלס אַ קאָלאָניסט, וועלכער איז אַלזאָ נאָהענט בעקאַנט מיט דיא דארטיגע פֿערהעלטניססע האָט מיר געזאָגט אַז ער בעטראַכט עס פֿאר אַ א ו נ ג ל י ק וואָס דיא ציוניסטען פֿערלאזען זיך אויף דעם דייטשען קייזער. אַ סימן דער פּאָרט צעסאַריאַ.
י. וו.

תמיד פֿאַר אונזערע אויגען אַ העכערעס ענד-ציעל אַלס וויא צו
בויען איינע—צוויי קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינא. קורץ: דאס ענד-
ציעל פֿון דיא פּאָליטישע ציוניסטען צו גרינדען אין ארץ-ישראל
אַ "יודענשטאַאַט" איז אויך געוועזען און איז זייער ענד-ציעל. עס
פֿרעגט זיך אַלזאָ: פֿאַרוואָס זענען ניט אַללע חובבי-ציון צוגעטרע-
טען צום ציוניזמוס? עס איז דאָך קלאר אַז מענשען וועלכע שטרע-
בען נאך א י י ן ענד-ציעל דאַרפֿען זיך לטובת הענין פֿעראייניגען!
נור, מען דאַרף אָבער ניט פֿערגעססען אַז "אַללע וועגען פֿיהרען
נאך ראָם" (רומא). דיא פֿראגע איז: וועלכער וועג איז דער קיר-
צעסטער? וועלכער דער זיכערסטער? דער געוויססער? דיא פּאָ-
ליטישע ציוניסטען פֿלעגען תמיד זאָגען אַז דער זיכערסטער און
קירצעסטער וועג איז: מען זאָל פּאַלעסטינא אַזוי לאַנג ניט קאָלאָ-
ניזירען ביז מיר וועללען ניט האָבען עררייכט דיא "עפֿענטליכע
רעכטליכע גאַראַנטיען" ד. ה. ביז דיא טירקיי וועט אונז ניט אב-
טרעטען ג ע נ צ ל י ך פּאַלעסטינא און ביז דאס לאַנד וועט אונז ניט
זיין ג ע ז י כ ע ר ט דורך דעם וואָס דיא אייראפּעאישע גרויס-מעכטע
וועללען זיך איינשטיממיג ערקלערען אַז מיר יודען זאָללען זיך
דארט אַ "יודענשטאאט" גרינדען. וויאפֿיעל דארף דויערען ביז מיר
זאָללען האָבען דאס אַללעס עררייכט? דאס קאנן נאַטירליך קיין
מענש וויססען. דאס איז דאָך אַ פּ אָ ל י ט י ש ע פֿראגע. און הער-
צעל רעדט תמיד פֿערשטעלט וועגען דעם ענין. ער מאכט אנדיי-
טונגען אַז דער אָדער יענער "גרויסער" האָט שוין פֿערשפּראכען...
אַז דארט האָט ער אַ גינסטיג שמייכעל בעמערקט פֿון אַ גרויסען
דיפּלאָמאַט, דארט אַ קאָפּף-ניקען פֿון אַ געוויסען שטאאטס-מאַנן
א.ד.ג. דאַנן זוכט ער א ו נ ז איינרעדען אַז פֿאַר דער טירקיי איז עס
אַ גליק ממש אונז אבטרעטען פּאַלעסטינאַ. דא איז נאַטירליך ווידער
דיפּלאָמאַטיע. . . איינרעדענדיג אונז אַז מיר זענען קרוב צום ציעל,
אַז דיא טירקיי וועט פֿון אונז גליקליך ווערען. . . הערען דאָך דאס
פֿיעל זשורנאַליסטען וואָס געפֿינען זיך אויף דיא קאָנגרעסען. זיי
וועללען דאס שוין זייערע ציימונגען איבערגעבען און אַזוי קאנן דאס
אפשר אויך אנקומען צו דיא טירקישע דיפּלאָמאַטען א.ד.ג. דיא
גאַנצע אַטמאָספֿהערע פֿונם קאָנגרעס-זאַל מיט דיא קארידארען איז
איבערפֿיללט מיט סודות, מיט סודי-סודות. יעדער וויים עפּעס, וואס
דער צווייטער דארף ניט וויססען. יעדער פֿיהלט זיך נאָהענט צו
דיא גרויסע. . . הערצעל וועלכער האָט אַזוי אָפֿט בעטאָנט אַז אַל-

לעם מוסס ע פ ע נ ט ל י ך צוגעהען ״פאר דא אויגען פון דער גאַנ-
צען וועלט״ האָט איינגעפיהרט אַ מין סודות-סיסטעם וואָס שמעקט
מיט קבלה. . .

דיא חובבי-ציון זענען ניט פערגלויבט אין דיעזער פאָליטיק.
זיי זאָגען אַז דאס ״רעכט״ אויף פאַלעסטינא וועלען מיר ערשט דא-
מאלס קעננען ״בעטען״ אָדער גאר פאָרדערען ווענן מיר וועללען
דארט האָבען אַ גרויסע צאהל יודישע איינוואהנער. זיי זענען מודה
אַז אַזאַ מין קאָלאָניזאַציאנס-סיסטעם וויא ביז איצט וועט צום צוועק
ניט פיהרען. איבריגענס א י נ צ ע ל נ ע שטימען ג ע ג ע ן דיעזען
קאָלאָניזאַציאנס-סיסטעם האָט מען נאך פריהער, פאר דעם 1-טען
קאָנגרעס געהערט. (על פרשת דרכים.) אַצונד זענען כמעט אַללע
מודה אַז קאָלאָניזירען אָהן אַ סדר, אָהן דעם סולטאַנס בעוויללינונג
וועט ניט פיעל נוטצען. נור—זאָגען זיי—וועט אַ עפענטליכע קאָ-
לאָניזאַציאן אויך אין קליינעם מאַסשטאב פיהרען צום ציעל נור
יעדענפאלס דארף מען ניט ווארטען, און דערווייל ג א ר נ י ט
ט ו ה ן, ביז מיר וועללען דיא ״גאַראַנטיען״ פון דיא גרויס-מעכטע
בעקוממען. מיר זעהען אַלזאָ דא אַ גרונד-אונטערשיעד ביים אויס-
קלייבען דיא מ י ט ט ע ל, דעם ו ו ע ג וועלכער זאָל פיהרען נאך
צ י ו ן. אין אַ טהייל זאַכען האָבען דיא חובבי-ציון מיט דיא ציונים-
טען געקענט אַרבייטען אינאיינעם און האָבען אויך אינאיינעם גע-
אַרבייט וויא צ״ב ביי דער גרינדונג פון דער באַנק, גרינדען שול-
לען, ביבליאָטהעקען א.ז.וו. נור די געווינשטע פ ע ר ש מ ע ל צ ו נ ג
פון דיעזע צוויי ערליי ציוניסטען וועלכע איז שטארק נעטהיג, דיא
פעראייניגונג פון דיעזע צוויי שטרעמונגען אין א י י ן שטראם—
האָט ניט געקענט שטאטפינדען. מיר האָבען אַזוי וועניג כחות
וועלכע זענען בערייט צו אַרבייטען לטובת העם אַז עס איז ווירק-
ליך אַ פערברעכען פון דיא וועלכע סטארען זיך דיעזע ווינציגע כחות
פאנאנדער צו ווארפען. *)

---

*) אַזוי זעהען מיר למשל פאר דעם דריטען קאָנגרעס האָט
דער ״המגיד״ אָדער ״השבוע״ (אַ צייטשריפט וועלכע מ י י נ ט
אַז זיא דיענט דעם פאָלק) זיך וויא אַ נ ד ר געטוהן דיא ציוניסטען
צו ב ע ש י מ פ פ ע ן. קריטיקירען מעג און ד א ר ף יעדער, דאס
שימפפען מעגען מיר דיא אַנטיסעמיטען איבערלאזען. מיר דארפען

ביז צום 3-טען קאָנגרעסס האָט מען פֿיעל גערעדט וועגען דעם וויא אַזוי דיא פֿערשיעדענע ציוניסטען, דיא ״פּאָליטישע״ און דיא ״פּראַקטישע״ זאָללען זיך געגצליך פֿעראייניגען. מיר האָבען שוין געזאָגט אַז מאַנדעלשטאַם האָט צוליעב דיעזען צוועק אַ דאָקלאַד געלעזען אויף דעם 2-טען קאָנגרעס. נור דאס פֿיעלרעדען אַליין האָט ניט בעשאַפֿפֿען דעם י ס ו ד צו דיעזער פֿעראייניגונג. דיא שטרעמונגען האָבען זיך נאך ד ע ר ו ו י ט ע ר ט. עס זענען בעקאַנט דיא פֿערהעלטניסע פֿון דער גאַליציאַנער חברה פֿיר ישא״י ״אהבת ציון״ אין טאַרנאוו. אויף דיא ערשטע צוויי קאָנגרעסען איז דער פּרעזידענט פֿון יענער חברה דר. זאַלץ און אַנדערע געוועזען—דאַנן האָט זיך דיעזע חברה אַזוי דערווייטערט פֿונם פּאָליטישען ציוניזמוס אַז עס האָט אויסגעזעהען וויא דא שטעהען זיך ג ע ג נ ע ר איינס פֿון אַנדערען. מיר בעשולדיגען דא ניט אין גאַנצען דיא חברה ״אהבת-ציון״; ״וויען״ איז אויך פֿיעל שולדיג. נור דאס אַללעס און עהנליכעס האָט געקענט דערפֿאר פֿארקוממען וויל—וויא געזאָגט—דער י ס ו ד האָט געפֿעהלט אויף וועלכען געשטיצט דיא פֿעראייניגונג זאָלל צושטאַנד קוממען.

הערצעל האָט אין אַ לאָנדאָנער רעדע (אם 26-טען יוני 1899, געבראכט אין ״דיא וועלט״ נוממער 26, 1899) גערעדט וועגען דיעזע צוויי שטרעמונגען. ער פֿערגלייכט דיא אַרבייט פֿון דיא חובבי-ציון צו אַרבייט פֿון מענשען וואָס וויללען אויפֿבויען אַ הויז; צו דיעזען צוועק שטרענגען זיי זיך שטארק אַן און ברייגגען יעדעס מאָל א י י ן שטיין פֿיר דאס הויז מיינענדיג אַז אַזוי וועט זיי געלינגען דאס הויז אויפֿצובויען. און הערצעל שרייעט דארט אוים: ״ניע! אַזוי ווירד דאס הויז ניע (קיינמאל) ענטשטעהען; דאס הויז ווירד אָבער ענטשטעהען ווענן דער בוי-פּלאַנן ווירד פֿערטיג זיין, ד אַ נ ן איז יעדער שטיין ניצליך, פֿריהער ניט״. דיא חובבי-ציון וויללען אַלזאָ צוערשט מאַטעריאַל האָבען אויף דעם בוי-פּלאַטץ און דיא ציונים-

---

מיט זיי ניט קאָנקורירען. . . נור נאכ׳ן 3-טען קאָנגרעס האָט דער המגיד געענדערט זיין טאַקטיק לטובה וויא אויך דער ״וואָסכאָד״ האָט אונטער דער נ י י ע ר רעדאַקציאָן אַ אַנדער מין אויסזעהען בעקוממען. פֿריהער האָט ער זיך אויך נור צום ציעל געשטעלט חסרונות צו ז ו כ ע ן אויך דארט וואו זיי זענען ניט געוועזען.

י. וו.

טען וויללען צוערשט דעם בוי-פלאַנן האָבען. נור דאס האָט הער-צעל געזאָגט פאר דעם 3-טען קאָנגרעס. אַצונד הערען מיר אַנ-דערע ווערטער.

מיר דענקען אַז מיר האָבען גענוג קלאר, דייטליך ערקלערט דעם אונטערשיעד פון דיא חובבי-ציון און דיא ציוניסטען. עס איז קלאר אַז דיא פערשמעלצונג האָט ניט געקענט שטאטפינדען. נור צום גליק פאר דער זאַך ענדערט זיך אַצונד דיזער צושטאַנד. דער יסוד ווירד בעשאפפען. דאס איז דער "טשאַרטער". הערצעל האָט אין זיין ערעפענונגס-רעדע פונם 3-טען קאָנגרעס ערקלערט אַז דער ערשטער שריטט פון דיא ציוניסטען דארף אַצונד זיין צו בעקוממען פון דער טירקישער רעגיערונג אַ טשאַרטער (אַ פּאָל-מאַכט) ד. ה. דיא מעגליכקייט עפענטליך קאָלאָניזירען פּאַלעס-טינאַ. און בעקומענדיג דיזען טשאַרטער וועללען מיר שוין אנהייבען קאָלאָניזירען. דאס הייסט שוין ניט אַז מיר דארפען גאר ניט טוהן ביז מיר וועללען האָבען געמאכט אַללע גרויס-מעכטע פאר ציוניסטען. . . נאַטירליך, דאס ענד-ציעל בלייבט און וועט בלייבען דאסזעלבע נור דער וועג צו דיזען ענד-ציעל איז אַ אַנדערער. יא, עס איז דער וועג פון דיא היינטיגע חובבי-ציון. און בעקוממען מיר נור דעם טשאַרטער זאָ וועט פיעל ניט דויערען אַז דיא חובבי-ציון מיט דיא ציוניסטען ווערען איינס. דורך דעם טשאַרטער וועלען זיך דיזע צוויי שטרעמונגען ניט נור קעננען פעראייניגען נור זיי וועל-לען זיך מוססען פעראייניגען. דער אונטערשיעד וועט פער-שווינדען און עס וועט אַ אונזינן זיין געקינסטעלטע אונטערשיעדע צו מאַכען. עס איז יעדען בעקאַנט אַז צוויי מענשען אַרבייטענדיג צו-זאַממען לייסטען פיעל מעהר אַלס דיא סוממע פון דיא אַרבייטען פוןביידע בעזונדער. דאס איז אַ נאַטור-געזעטץ. עס מוסס נור דיא מעגליכקייט זיין דיזע צוויי מענשען זאָללען קעננען אַרבייטען צוזאַממען. און מיר זעהען דיא צייט קוממען ווען אַללע אונזערע איינצעלנע כחות וועללען זיך פעראייניגען צו איין גרויסער, געוואַל-טיגער קראַפט. דערפאר טאַקי רעכענען מיר דאס וואָרט טשאַרטער אַלס דאס וויכטיגסטע ערייגניס פונם 3-טען קאָנגרעס. און מיר האָפפען אַז דאס וועט ניט בלייבען אַ לעערעס וואָרט, אַז הערצעל וועט דיא גאַנצע ענערגיע זיינע פערווענדען דיזען טשאַרטער צו בעקוממען. דער טשאַרטער—דאס איז דאס וויכטיגסטע מאָמענט

אצונד אין ציוניזמוס וועלכעס פערדיענט דיא גרעסטע אויפמערקזאמקייט. נאטירליך היינגט דיא גאנצע זאך ניט אב פון הערצעל'ן אלליין, דא מוסס יעדער אונטערשטיצען מיט וואס ער קאנן ג.ר.

חבת-ציון און ציוניזמוס, אדער "פראקטישער" און "פאליטישער" ציוניזמוס דאס זענען דיא צוויי הויפט-שטרעמונגען אין ציוניזמוס. דיא שטרעמונגען פון וועלכע מיר וויללען באלד רעדען זענען ניט שטרעמונגען "פאר זיך". דער קולטור-ציוניסט למשל קאנן זיין א חובב-ציון אדער א ציוניסט א.ד.ג.

אללע שאטירונגען בעשרייבען איז אונמעגליך. טויזענד בויגען וואללטען אויך ניט גענייגען. מען קאנן זאגען: יעדער ציוניסט כמעט האט זיך זיין ציוניזמוס. יעדער זוכט און געפינט אין ציוניזמוס דאס וואס ער וויל געפינען. בעשרייבען אלזא דיא אללע "ציוניזמוס'ן" הייסט אייגענטליך בעשרייבען אללע ציוניסטען. דאס איז אונמעגליך. אויך מיססען מיר ניט פערגעססען אז מען קאנן ניט אזוי פינקטליך אבגרענעצען און זאגען דער איז גענצליך א "הערצעליאנער" א.ד.ג. איינער איז $\frac{1}{2}$ חובב-ציון, $\frac{1}{2}$ ציוניסט, איינער איז $\frac{3}{4}$ "קולטוריסט", 1 פערטיל אחד-העם'יסט א. ז. וו. א. ז. וו.

מיר וויללען נאך רעדען איבער דיא קולטור-ציוניסטען און רוחניות-ציוניסטען (אחד-העמ'יסטען.) אדער וויא דיא עחד-העמ'יסטען רופען זיך נאך "גייסטיגע" ציוניסטען.

וואס פערשפרעכט אייגענטליך דער פאליטישער ציוניזמוס דעם יודישען פאלק? לאמיר בעטראכטען נעהענטער דאס "באזלער פראגראם". עס הייסט דארט: "דער ציוניזמוס ערשטרעבט פיר דאס יודישע פאלק דיא שאפפונג איינער עפענטליך-רעכטליך געזיכערטען היימשטעטע אין פאלעסטינא". דאס ערשטרעבט דער ציוניזמוס ד. ה. דאס איז דאס ענד-ציעל. דיעזעס ענד-ציעל דארפען מיר זיך סטארען צו עררייכען. דורך וועלכע מיטטעל? מיר לעזען וויטער: "צור עררייכונג דיעזעס ציעלעס נעהמט דער קאנגרעס פאלגענדע מיטטעל אין אויסזיכט: 1) בעזידלען פאלעסטינא און סוריען מיט קאלאניסטען, בעלי-מלאכות, ארבייטער, פאברי-

קאַנטען, סוחרים א.ד.ג. 2) אָרגאַניזירען אַללע יודען פֿון דער גאַנצער וועלט. 3) דיא שטערקונג פֿון יודישען געפֿיהל און פֿאלקס-בעוואוסטזיין און 4) דאס נעטהיגע טוהן כדי צו בעקומען דיא רעגיערונגס-צושטימונגען וועלכע זענען נעטהיג דאס ענד-ציעל פֿונם ציוניזמוס צו עררייכען. דאס איז דאס פּראָגראַם פֿונם 1-טען קאָנגרעס. פֿון דיא פונקטען 1, 2 און 4 האָבען מיר שוין אין אַללגעמיין געשפּראכען. מיר וויללען דא בעזאָנדערס אויפֿמערקזאַם מאכען אויף פונקט 3.— דאס "באַזלער פּראגראַם" וויא יעדעס פּראגראַם פֿון אירגענד וועלכער פּאַרטהיי קאנן נור דאס אַלגעמיינע ענטהאלטען. קיין פּראגראַם קען אנווייזען אַזוי און אַזוי צו טוהן. דאס טוהן אַלליין הענגט אב פֿון געוויסע אומשטענדען, פֿון דער צייט א. ז. וו. דאס "לעבען" אַלליין ווייזט שוין וואָס און וויא אַזוי מען האָט צו אַרבייטען. דאס פּראָגראַם דארף נור אונז אנווייזען וואס מיר זאָללען טוהן, וואָס מיר דארפֿען טוהן. און ווענן מיר בעטראכטען נאהענט פונקט 3 פֿון אונזער פּראָגראַם זעהען מיר דייטליך אַז עס האָט דיא קולטור-אַרבייט ניט נור ניט אויסגעשלאססען נור פֿערקעהרט זיא געשטעלט פֿאר אַ בעדינגונג, אַלס אַ מיטטעל צור עררייכונג פֿונם ענד-ציעל. דער פונקט 3 הייסט, וויא געזאָגט: "דיא שטערקונג פֿון יודישען געפֿיהל און פֿאלקס-בעוואוסטזיין". דיעזעס מיטטעל איז ווידער "אַן און פֿיר זיך" אַ צוועק, אַ ציעל, צו וועלכען מען מוסס אַנדערע מיטטעל אנווענדען, און ווענן מיר בעטראכטען דיעזע מיטטעל זאָ זעהען מיר אַז עס זענען אַללע קולטור-מיטטעל. דענן וואָס הייסט שטארקען דאס יודישע געפֿיהל? וויא אַזוי קאנן מען שטארקען דאס פֿאלקס בעוואוסט-זיין? איז דענן דאס מעגליך אָהן אַ גרויסער קולטור-אַרבייט? עס איז לייכט פֿערשטענדליך אַז כדי צו שטארקען דאס פֿאלקס-בעוואוסטזיין איז כלל ניט גענוג צו האלטען רעדעס, און נור דערציילען דעם פֿאָלק אַז עס איז געזונקען—נור איז נעטהיג אַז אונזער פֿאָלק זאָלל פֿיהלען אַז עס איז געזונקען און זאָלל פֿיהלען אַ בעדירפֿניס זיך צוריק אויפֿצוהעבען, אַז עס זאָלל אנהייבען פֿיהלען און דענקען מענשליך. און דאס צו בעווירקען איז אונמעגליך דורך בלויזע רעדעס, דערצו איז אונבעדינגט נעטהיג אַ געזונדע און גוטע ערציעהונג. און ערציעהען קאנן מען נור אַ פֿאָלק ווענן מען גרינדעט מעגליך פֿיעל אַללערליי שולען, ביבליאָטהעקען, לעזע-האללען א.ז.וו. ווענן מען בעשאַפֿט אַ פֿאלקס-

ליטעראַטור א.ז.וו. א.ז.וו. איבערהויפּט אַללעס דאס וואָס מען בע-
צייכענט מיט'ן אַללגעמיינעם נאָמען "קולטור-אַרבייט". און עס איז
זעהר לייכט צו בעמערקען אַז פֿונם ערשטען קאָנגרעס האָט זיך
דיעזע קולטור-אַרבייט אנגעהייבען און זיא שרייטעט יעדעס מאָל
פֿארווערטס. מיר האָבען נאך אין דיעזער הינזיכט ניט גאָט-ווייס-
וואָס געטוהן נור דאס איז איינע פֿון דיא שווערסטע אַרבייטען. דיא
ערציעהונגס-פֿראגע למשל איז נאך ביי קיין פֿאָלק געלעזט (ענט-
שיעדען) ווער שמיעסט שוין ביי אונז יודען וואָס ווענן מיר גרינדען
שוין יא אפשר שולען פֿ ע ה ל ע ן אונז גוטע לעהרער א.ד.ג. מיר
ווייסען דאס אַללעס גאַנץ גוט נור דאס האַלט אונז כלל ניט אויף פֿון
אונזער אַרבייט. וואָס-זשע וויללען דיא "קולטורניקעס"? זיי רופֿען
זיך "קולטור"-ציוניסטען אַלס וואָללטען מיר געוועזען ג ע ג ע ן דער
קולטור! יא, מיר זענען ג ע ג ע ן נור ניט געגען דער קולטור אים
אַללגעמיין נור געגען דער "קאָנגרעס-קולטור". דיא זאָ-גענאַנטע
קולטורניקעס פֿערלאַנגען אַז דער קאָנגרעס זאָלל זיך אויספֿיהרליך
בעשעפֿטיגען מיט דער "קולטור-פֿראגע", ער זאָלל אַ פֿאָנד שאַפֿ-
פֿען פֿיר דיא קולטור-אַרבייט א.ד.ג. נור, איז דענן מעגליך אַז דער
קאָנגרעס זאָלל אונז אנווייזען וואָס מיר האָבען צו טוהן? קאנן דענן
דער קאָנגרעס וואָס דויערט עטליכע טעג זיך בעשעפֿטיגען מיט
אַללע פֿראגען? נור ווענן עס זאָלל יא מעגליך זיין זאָ איז עס, נאך
אונזער מיינונג, כלל נ י ט ו ו י נ ש ע נ ס ו ו ע ר ט ה! אַ שעהן מין
קולטור וואָללטען מיר געהאַט! שטעלט אייך פֿאר אַ קאָנגרעס פֿון
2—3 הונדערט מענשען. וועלכער יעדער כמעט איז אַנדערש ערצוי-
גען, אין אַנדערע געגענדען, לענדער, אונטער פֿערשיעדענע פֿער-
העלטניססע, יעדער פֿערשטעהט זיך דיא קולטור וויא ע ר פֿער-
שטעהט און מיינט אַז דער אַנדערער פֿערשטעהט כלל ניט—דיעזער
מיש-מאַש פֿון פֿערשיעדענע ק ו ל ט ו ר ע ן זאָלל אויסאַרבייטען אַ
פּראָגראַם פֿיר דיא יודישע קולטור! עס איז ווירקליך טראַגי-קאָמיש
ווענן מען מוסס מודה זיין אַז דיא אַללע קולטורניקעס ווייסען עד
היום ניט וואָס זיי שטעללען זיך פֿאר אונטער אַ "יודישע קולטור"!
ביי דעם איז דאס אבדרוקען פֿון אַ העברעאישען ווערטערבוך דאס
העכסטע אידעאַל, ביי אַנדערען—דיא שטיצע פֿון דער חברה "פֿיר
העברעאיש א.ז.וו." א.ז.וו. א.ז.וו. גאַסטער דער רב און דאָקטאָר
אַלזאָ אַ "יודישער קולטור-מענש" האָט געזאָגט שפּאַסהאַפֿט: "קול-
טור הייסט ניט טשעפּען איינער דעם אַנדערען". אין דיעזע ווער-

טער ליעגט אַ טיעפֿער ערנסט. וואָללטען מיר ווירקליך געוועזען
קולטור-מענשען וואָללטען מיר ניט געזוכט מיט גוואַלד יענעם אויפֿ-
דרענגען אונזערע מיינונגען, "מיר וואָללטען ניט געטשעפּעט איי-
נער דעם אַנדערן". זאָלל זיך יעדער אין ז י י ן אָרט, וואו ער איז
נאָהענט בעקאַנט מיט דיא פֿערהעלטניסע, זאָלל ער זיך אַ ש ו ל ע,
אַ מוסטער-חדר גרינדען א.ד.ג. זאָלל דער אַנדערער פֿיר ערוואַק-
סענע אַ שבת-שולע עפֿענען א.ד.ג. און ד י א ק ו ל ט ו ר ו ו ע ט
ש ו י ן ב מ י ל א ק ו מ מ ע ן! ווידער דיאזעלבע פֿראַגע: וואָס האָט
דער ק אָ נ ג ר ע ס דא צו טוהן? קאנן מען דען איבער אַזאַ פֿראַגע
"אבשטימען"? ביי אַזעלכע פֿראַגען איז ניט פֿאַראַנען "מעהרהייט"
און "מינדערהייט". אונזערע "קולטורניקעס" זענען ווירקליך קליי-
נינקע נפשות. . . דאס אידעאַל זייערס איז: מען זאָלל דיא קולטור-
פֿראַגע ניט ח"ו "איגנאָרירען" אויף דיא קאָנגרעסען ד. ה. מען זאָל
איהר דוקא פֿ י ע ל צייט אבטהיילען. וואָס-זשע וועט זיין? עס וועל-
לען עטליכע סאָקאָלאָוו'ס, עטליכע גאַסטער'ס און רייניס'עס האָבען
געלעגענהייט זיך "אברעדען פֿונם הארצען" און טאַקי שוין! דער
עולם וועט פלעסקין בראווא, וועט שפּרינגען אין דער לופֿטען אַז
דער רב-דאָקטאָר גאַסטער וועט בעמאַלען וויא דיא ש י ף שטעהט
אין מיטטען י ם, עס בלאָזען ווינטען, עס קראַכט, עס דוננערט און
דער קאַפּיטאַן פֿון שיף וויים ניט וואו דער ברעג איז און דער קאָמ-
פּאַס. . . און דיא חוואַלים. . . און דיא מאַטראָסען. . . א.ז.וו. א.
ז. וו. ס'איז אַ שרעק, אַ מורא! דער עולם איז מלא גדולה: "אַך האָט
ער שעהן גערעדט! דאסאיז אַ אָראַטאָר! איינער אין דער וועלט"
א.ד.ג. און דאס יודישע א ת ה-ב ח ר ת נ ו-ג ע פֿ י ה ל ו ו ע ט ז י ך
ה ע ב ע ן. . . (?) וואָס-זשע וועט זיין מיט דער קולטור? דיא קול-
טורניקעס וועללען זיין צופֿרידען וואָס מען האָט "אויפֿמערקזאַמ-
קייט" געשיינקט דער יודישען קולטור פונקט וויא דיא רבנים זע-
נען צופֿריעדען וואָס מען שטעלט זיי אַרוים פֿאַר אַ ציערונג אונטער
דעם פּרעזידיום. . . יא, דיא רבנים! דיא קולטורניקעס שרייען
גוואַלד אַז דיא אַנטי-קולטורניקעס וויללען זיך ניט אבגעבען מיט
יודישער קולטור צ ו ל י ע ב דיא ר ב נ י ם. מיט דיעזער טענה האָ-
בען זיי פֿאָללקאָממען רעכט. מען קאנן זיין און מען דארף זיין גע-
גען דער "קאָנגרעס-קולטור" ד. ה. געגען דעם אַז דער קאָנגרעס
וועלכער האָט ריין געשעפֿטליכע-זאַכען צו פֿערזאָרגען זאָלל אַוועק-
געבען דיא צייט אויף פוסטע רעדעס וועגען דער קולטור. נור צו

זיין ג ע ג ע ן דער ק ו ל ט ו ר ב כ ל ל—מוסס מען איבערהויפט אונקולטורעל ד. ה. ו ו י ל ד זיין. און צום בעדויערען אָבער זענען פּאראנען ניט-וועניג ציוניסטען און דוקא ״הויכ-געבילדעטע״ וועלכע מיינען אַז מיר ציוניסטען דארפֿען זיך איבערהויפט ניט בעשעפֿטיגען מיט קולטור-זאַכען כדי דיא רבנים, וואָס האָבען מורא פֿאר דער קולטור, זאָללען צו אונז צוטרעטען און דורך זיי אויך דיא איבריגע אָרטהאָדאָקסען, פֿרומע יודען. דא ווידערהאלט זיך דאס אַלטע ליעדעל. ביים אנהייב פֿון דער חבת-ציון בעוועגונג האָבען זיך אויך געפֿונען אַ מחנה חובביציון וועלכע זענען בערייט געוועזען זייער ב ש מ ה, ז י י ע ר גייסט צו אפּפֿערען אַבי דיא ״גוטע-יודען״ מיט דיא גוטע-יודליך זאָללען צוטרעטען צו דער בעוועגונג. וויא דאַמאַלס אַזוי אויך אַצונד וויללען אַ טהייל היינטיגע ציוניסטען ניט פֿערשטעהען אַז ניט מיר דארפֿען פֿ י נ ס ט ע ר ווערען אָדער ז י ך מאַכען כדי דיא פֿינסטערע נפשות זאָללען צו אונז צוטרעטען און דורך זיי אויך דאס פֿאָלק. ניין! טויזענד מאל ניין! מיר דארפֿען ל י כ ט י ג מאַכען אין אַללע ווינקעלעך ישראל׳ס דאמאלס וועט שוין ב מ י ל א דאס פֿאָלק צו אונז קוממען און אַלס אַ ל י כ ט י ג פֿאָלק! עס איז דאס גרעסטע פֿערברעכען געגען דער אַללגעמיינער וויא געגען דער יודישער קולטור ווען מיר זענען בערייט צוליעב אַ שקל אָדער אַ אַקציע אונזער ״איך״ צו פֿערלייקנען! עס איז ניט מעהר וויא אַ שווינדעל, אַ שווינדלערישער שווינדעל ווענן אַ טהייל פֿון אונז וועלכע זענען כלל ניט פֿרום מ א כ ע ן ז י ך פֿרום! אַללעס צוליעב! ווענן מיר וויללען אפּפֿערען אונזער ״מענש״ אין אונז פֿאר דיא יודישקייט וועללען מיר זיין ניט אַ מענש און ניט אַ יוד! זאָלל זיך דער יוד כשר למשל עססען ווער עס גלויבט אַז ער דארף עססען כשר—ווענן אָבער איינער פֿון אונז וואָס גלויבט ניט אין דיא זאַכען און עסט כשר נור וויל י ע נ ע ר גלויבט—הייסט דאס געלעסטערט יענעמ׳ס גאָטט! דאס הייסט ניעדריג זיין! נור דיא ״קולטורניקעס״ פֿערגעססען אַז אַזעלכע ״ליגנערס לשמה״ זענען אייגענטליך וועניג, דאס רוב פֿון זיי זענען טאַקי פשוט׳ע שווינדלער. זיי ו ו י י ז ע ן זיך וויא פֿרום ו ו י י ל זיי וויללען ראַבינערס ווערען! א.ד.ג. נור וויא אַזוי דיא זאַך איז דערוויל שאדען אונז דיעזע ניעדריגע נפשות אין צוויי-ען: זיי פֿערדרעהען דעם פֿאָלק דעם קאָפּף מיט זייער ליגנערישען פֿרומקייט און זיי שטויסען אב דיא בעסערע עלעמענטען וועלכע זואָלטען אונז געבראכט פֿיעל נוצען, נור וועלכע קעננען ניט מיט

אזעלכע נפשות צוזאמען ארבייטען. נור וואס קאנן דא דער קאנגרעס טוהן? דריי מאל גאר ניט! עס איז שוין צייט דיא קולטורניקעס זאל-לען דיעזען פשוט'ען אמת פערשטעהען און זאללען זיך בעססער נעהמען אין דער היים, יעדער ביי זיך, קולטור טראגען אין פאלק ניט ווארטענדיג אויף א ערלויבניס פונם קאנגרעס "נאך דער מעהרהייט" אבגעשטימט. און מיר זעהען טאקי אז דיא אמת'ע קולטור-ציוניסטען ארבייטען זיך שטילערהייט אהן געפילדער, אהן רע און עס איז שוין אויך צו דערקעננען דיא פרוכטען פון זייער אר-בייט.

נעבען דיעזער קולטור-שטרעמונג אויף דיא קאנגרעסען און איבערהויפט אומעדום איז צו בעמערקען נאך א ע ה נ ל י כ ע אבער דאך ניט דיאזעלבע שטרעמונג: דאס איז דער רוחניות-ציוניזמוס אדער אחד-העמ'יזמוס.

וואס איז דאס פאר א מין? אחד-העם (אשר גינצבורג) איז דער פאטער פון דיעזער שטרעמונג און נאך איהם רופט מען עס אחד-העמ'יזמוס. דאס איז אייגענטליך א גאנצע שיטה און צו בעשפרע-כען אויספיהרליך דיעזע שיטה קאנן דא דיא רעדע ניט זיין. מיר ווילען דא נור קורץ בעמערקען אז ביי אחד-העם איז דאס י ו ד י ש-ק י י ט דער עיקר און ניט דיא י ו ד ע ן, דערפאר האבען מיר זיין ציוניזמוס אנגערופען רוחניות-ציוניזמוס. ער חלומט עפעס פון א מין "מרכז היהדות" ד. ה. פון א צענטרום ניט פיר דיא יודען נור פיר דאס יודישקייט, פיר א צענטרום וועלכעס זאל זיך אין ציון געפינען און פון דארט אויס זאל עס משפיע זיין אויף דיא יודען אין גלות וויא דער פסוק זאגט "מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים". קורץ, אחד-העם זעהט אין חבת-ציון א "תשובה שלמה ונצחת לשאלת היהדות" דאס קאנן מען אזוי איבערזעטצען: דיא שכינה איז אין גלות, נוא דארפען מיר זעהען אללעס איינצווועגדען זיא אויסצולייזען פון גלות. נאך אחד-העם קומט אויס אז דיא י ו ד ע ן עקסעסטירען נור כדי דאס יודישקייט צו דערהאלטען און נ י ט פערקעהרט אז דאס יודישקייט איז נור פיר דיא יודען אדער איי-גענטליך דיא יודען אלליין דאס איז דאס יודישקייט. און ווייל ער דענקט אזוי דערפאר איז פאר איהם קודם-כל דער עיקר א "פער-זיכערט ארט ניט פיר דיא יודען נור פיר דאס יודישקייט, פיר דעם

נאַציאָנאַלגייסט" (על פרשת דרכים זייטע 95.) און ער חלומט—
וויא געזאָגט—פֿון אַ "רוחניות-צענטרום" אין ארץ-ישראל וואָס וועט
"מיט דער צייט" צוציהען צו זיך אויך דיא יודען. און "מיט דער
צייט" הייסט ביי אחד-העם אַ אונבעגרענעצטע לאַנגע צייט. וויא
געזאָגט קעננען מיר זיך דא ניט בעשעפֿטיגען מיט דיזען ענין, מיר
וויללען נור נאך איבערגעבען עטליכע ווערטער וואָס ח. ד. הורוויץ
האָט געזאָגט רעדענדיג וועגען דיזער שיטה (אין הצפירה נומ. 20.
1900, "הציונות על פי השיטה הכלכלית בתולדות העמים.") "אייב
מיר וויללען בעטראכטען דיא קולטור אַלס אַ מין הייליגטהום וועל-
כע פֿאָרדערט פֿ י ר ז י ך אַלליין אַ גאולה, אויב מיר וויללען אויף
דעם ר ו ח נ י ו ת-מ ז ב ח ברייגגען אַ קרבן דעם י ו ד ע ן—דאמאלס
מאַכען מיר אויס דיזער קולטור אַ מין נייעם דת (אמונה) און דיע-
זע רעליגיעזע קולטור אונטערשיידעט זיך פֿון דער רעליגיאָן נור
מיט'ן נאָמען און דערמיט שוין פֿערליערט במילא דיזע "קול-
טור" איהר בערעכטיגונג אויף עקסיסטענץ אַלס ק ו ל ט ו ר".

אין ציוניזמוס זענען ניט נור פֿערשיעדענע שטרעמונגען פֿאר-
האַנדען נור אויך פֿערשיעדענע ר י כ ט ו נ ג ע ן אָדער וויא מיר בע-
צייכנען זיי: "פּאַרטייען" וועלכע זענען כלל ניט אבהענגיג פֿון די
שטרעמונגען. צו דיזע פּאַרטייען וויללען מיר זיך אַצונד ווענדען.

7.

דיא פארטהייען אין ציוניזמוס.

אַללע ציוניסטען צוזאַמען בעצייכנעט מען אָפֿט מיט'ן נאָמען
"ציוניסטישע פּאַרטהיי". ווענן מיר וויללען מיט דיזער בעצייכ-
נונג אנווייזען אַז אויסער דיא ציוניסטען זענען פֿאַראַנען ניט-ציוניס-
טען אָדער אַנטי-ציוניסטען דאַנן קאַנן דיזע בעצייכנונג ריכטיג
זיין. ווענן מיר וויללען אָבער רעדען פֿון דיא ציוניסטען אונאַבהענ-
גיג פֿון דיא אַנדערע יודען זאָ קעננען מיר בשום אופן ניט רעדען
פֿון א "ציוניסטישער פּאַרטהיי". דיא ציוניסטען זענען קיין "פּאַר-
טהיי" וויא מען פֿערשטעהט געוועהנליך דיזעס וואָרט. אונטער
דעם וואָרט "פּאַרטהיי" פֿערשטעהט מען געוועהנליך אַ פֿעראייני-

גונג פֿון אַ געוויסער גרופּפּע מענשען וועלכע געהערען איין
שטאַנד, אָדער איין קלאַס מענשען, וועלכע האָבען דיאזועלבע אַנזיכ-
טען, מיינונגען איבער געוויסע זאַכען. מען רעדט פֿון אַ סאָציאַל-
דעמאָקראַטישער פּאַרטהיי, פֿון אַ פֿרייזינניגער פּאַרטהיי, פֿון אַ
קלעריקאַלער פּאַרטהיי א.ד.ג. א.ד.ג. ביי אונז אָבער זענען אַללע
עלעמענטע פֿון דיא פֿערשיעדענסטע פּאַרטהייען אויסגעמישט. אונ-
טער דער ציוניסטישער פֿאהנע קעננען און זאָללען אַללע פּאַרטהייען
זיין פֿערטרעטען. מיר האָבען שוין געזאָגט אַז אויף דעם 3-טען קאָנ-
גרעס זענען געוועזען צוויי הויפּט-פּאַרטהייען: אַריסטאָקראַטען און
דעמאָקראַטען אויסער איינצעלנע אַנדערע. דער 3-טער קאָנגרעס
האָט אַלזאָ פֿערטרעטען זעהר אַ גרויסען טהייל פֿון אונזער פֿאלק.
און וועללען זיך אויף דיא קאָנגרעסען דאַנן מיט דער צייט אַללע אַנ-
געהעריגע פֿון יעדע פּאַרטהיי זיך גרופּירען און יעדע גרופּפּע וועט
זיך און יענעם קלאָר מאכען וואָס זיא איז, וואָס זיא וויל א.ז.וו. דא-
מאלס וועט מען קעננען דעםקאָנגרעס מיט פֿאללעם רעכט אנרופֿען
״פֿאלקס-פֿערטרעטונג״ ווענן אויך דירעקט וועט דאס גאַנצע פֿאָלק
ניע זיין פֿערטרעטען אין דיא קאָנגרעסען. דיא 8—10 מילליאנען
יודען וועללען אַללע ניט געבען שקלים. נור ניט-דירעקט וועט דאס
גאַנצע פֿאלק זיין פֿערטרעטען, ווייל דער קאָנגרעס—שוין אַצונד—
פֿארטרעט נ י ט דיא אינטערעססען פֿון א י י ן קלאַסס פֿון אונזער
פֿאָלק. דאס ענד-ציעל פֿונם ציוניזמוס.איז אַ ״היימשטעטע״ פֿיר
דאס ג אַ נ צ ע פֿאָלק, ניט פֿיר אַ געוויסען טהייל. נור אָבער ביז צו
דיעזען ענד-ציעל איז דא פֿיעל אַרבייט דא אין גלות און אָט ביי דיע-
זער אַרבייט דארף מען זעהען אַז אַללע אינטערעסען פֿונם פֿאָלק
זאָללען זיין אין ציוניזמוס פֿערטרעטען. עס איז בעקאַנט אַז דיא אינ-
טערעסען פֿון איין קלאַס זענען כלל ניט דיא אינטערעסען פֿונם אַנ-
דערען קלאַס. און צו פֿערטהיידיגען דיא אינטערעסען מוסס אַלזאָ
יעדער קלאַס יודען שיקקען זיינע פֿערטרעטער אין ״יודישען פּאַר-
לאַמענט״ וויא מען רופֿט דעם קאָנגרעס. עס איז פּוסטע זאַכען, און
ניט מעהר וויא אַ שווינדעל ווענן אַ טהייל ציוניסטען ווילל‌ען איינ-
רעדען אַז דאס גאַנצע יודישע פֿאָלק איז א י י נ ס, אַז מיר דארפֿען
זעהען עס זאָלל תמיד הערשען אחדות א.ד.ג. יעדעס פֿאָלק, אָהן אַ
שום אויסנאַהמע, צערפֿאַלט אין פּאַרטהייען אָדער סעקטען. נור ביי
אַ נאָרמאַל-זיך-ענטוויקלענדעס פֿאָלק זענען דיעזע פֿערשיעדענע
ריכטונגען קלאָר פֿאָרמולירט, יעדער ווייסט וועס ער וויל. ביי

אונז יודען אָבער, לעבענדיג אין גלות, האָבען מיר דעם זינן פֿערלאָרען פֿיר אַזעלכע זאַכען. ביי אונז איז אַ מיש-מאַש, איינער פֿערשטעהט ניט דעם אַנדערן, דער אַנדערער דעם דריטטען א.ז.וו. און דאס רעזולטאַט איז, אַז דער איינער ציעהט אַרויף, דער אַנדערער שלעפּט אַראב א.ז.וו. אַללעס אָהן אַ שום סדר. מיר ווייסען אפילו יא אַז דער איז אַ חסיד, דער אַ מתנגד א.ד.ג. נור ווענן מיר וויללען זיך נעהמען צו דער פֿאלקס-אַרבייט זאָ זעהט מען ערשט אַרוים דעם ווירוואַר. ביז וויא וויט קאנן דער חסיד מיט דעם אינטעלליגענט געהען צוזאַמען? וואָס קעננען דיא פֿערשיעדענע יודען צוזאַממען טוהן? וואו איז דער פונקט וואו דיא וועגען מוסען זיך פֿונאַנדער געהען? א.ד.ג. אויף דיעזע און עהנליכע פֿראַגען זענען מיר נאך ניט בכוח צו געבען קלאָרע תשובות. איינער שרייעט אַז דיעזע פֿערשיעדענע עלעמענטע קעננען קיין רגע אַרבייטען אין איינעם, דער אַנדערער דאַגעגען האלט אין איין פרעדיגען אַ מין א ח ד ו ת, אַז אַללע יודען זאָללען זיך צונויפֿנעהמען אין איין רעדעל און לעבען בששון ובשמחה. איין גאָטט האָט אונז בעשאַפֿפֿען, מיר זענען איינס א.ד.ג. און דא קומט דאס אַלטעגליכע לעבען און צווינגט אונז אַ ביטערע מלחמה צו פֿיהרען איינס מיט׳ן אַנדערן און מיר ווייסען ניט וואָס סע טוהט זיך מיט אונז! און וויא נעטהיג איז עס אַצונד ביי דער ציוניסטישער אַרבייט מיר זאָללען אונז אַללע פֿ ע ר ש ט ע ה ע ן! מיר דאַרפֿען אונזער לאַגע אַזוי בעטראַכטען אַלס וואָלטען מיר געווען אין אַ שלאַכט-פֿעלד, אין דער מלחמה, דער פֿיינד האָט אונז אַרומגערינגעלט פֿון אַ ל ל ע זייטען. דא איז נור איין מיטטעל פֿאַראַנען מיר זאָללען אַללע אינאיינעם זוכען אַ ע צ ה דעם פֿיינד בייצוקומען. צערברעקלען מיר אונזערע כחות דאַנן זענען מיר געווים פֿערלאָרען. מיר ציוניסטען אָדער אייגענטליך מיר יודען זענען שוין באַלד צוויי טויזענד יאהר אַרומגערינגעלט פֿון אַ שטאַרקען פֿיינד—און מיר האָבען זיך נאך ניט געקענט פֿערשטענדיגען! דער פֿיינד טוהט זיך דעַרוויל זיינס: שלאָגט אונז, ראַבעוועט אונז, שפּייעט אונז אין פנים, טרעט אונז מיט דיא פיס א.ז.וו. און מיר לויפֿען וויא דיא פֿער׳סמ׳טע מייז פֿון איין לאָך אין צווייטען ניט פֿערשטעהענדיג וואָס מיר טוהען. אַצונד זאָלל אונז דער ציוניזמוס אָרגאַניזירען. ער זאָלל אַללע יודען פֿעראייניגען. און עס זענען ערשט אַ פאאר יאהר אַוועקגעגאַנגען און מיר פֿיהלען זיך שוין פֿיעל שטארקער. נור אויב מיר וויללען אונזער ציעל עררייכען, מוס-

סען מיר ניט פֿערגעססען, אַז גור געגען דעם פֿיינד קעננען מיר זיך פֿעראייניגען אָבער, אַוועק מיט'ן נאַררישען אחדות! דער רב דארף ניט צוליעב טוהן דעם אינטעליגענטען און זיך לערנען רוססיש ווענן ער אַליין וויל דאס ניט וויא דער אינטעללינענט דארף ניט צוליעב טוהן און ניט ראַזירען זיך דיא באָרד אָדער עססען כשר ווענן ער וויל דאס ניט טוהן אוים אינערע מאָטיווע. וויא דער דעמאָקראַט דארף ניט צוליעב טוהן און בעווילליגען אַוועקשיינקען עביגע אַקציעס, וויא דער אַריסטאָקראַט דארף זיך זעהען בעשאַפֿפֿען "פריווילעגיעס" ווייל דאס איז זיין אינערליכע מיינונג. מיר דארפֿען און מוסען אין ציוניזמוס איינם דאס אַנדערע בעקעמפֿפֿען, יעדער פֿאר זיין אמת, פֿאר זיין פֿהילאָזאָפֿישע אָדער היסטאָרישע וועלטס-אַנשויאונג אָדער פשוט גערעדט יעדער זאָל זיך זיינע מיינונגען פֿערטהיידיגען און גאר ניט דענקען אַז דערפֿאר ועט דער אחדות געשטערט ווערען. עס עקסעסטירט קיין אחדות—דאס איז אַ אויסגעטראכט וואָרט, אויסגעטראכט פֿון דיא אונטערדריקער אום דיא אונטערדריקטע זאָללען זיך רוהיג אונטערגעבען. . . און ביי דיעזער אינערער מלחמה קעננען מיר זיך געגען דעם אויסערען פֿיינד פֿעראייניגען. מיר אַללע פֿערשיעדענסטע ציוניסטען: רבנים, דאָקטוירים, יוריסטען, חסידים, מתנגדים, אַזוי פֿרומע יודען, "אפיקורסים" אָדער פֿאַבריקאַנטען, אַרבייטער א.ז.וו. אַללע, אַללע וועלכע וויסען און פֿיהלען אַז מיר אַלס יודען מוססען זוכען אַ מיטעל אונז צו העלפֿען, וועלכעט האָבען געפֿונען דאס איינציגע מיטטעל אין ציוניזמוס—מיר אַללע קעננען זיך און דארפֿען זיך ציוניסטיש אָרגאַניזירען גענצליך אונאַבהענגיג פֿון אונזער שטעללונג אין לעבען, פֿון אונזערע פֿערשיעדענע מיינונגען און אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאן מיססען מיר זיך ערשט גרופפירען, כל עורב למינהו, יעדער מיט זיין חבר. אָט אַזוי בילדענדיג פֿערשיעדענע גרופען אָדער פֿאַרטהייען וועללען מיר מיט רעכט קעננען רעדען אין נאָמען פֿון גאַנצען פֿאלק ווייל אַללע אינטערעססען פֿון גאַנצען פֿאָלק וועללען זיין אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאן פֿערטרעטען.

דער ציוניזמוס אַלזאָ דארף קיין איינציגע פֿאַרטהיי בילדען. ווירד ער צו אַ איינציגער פֿאַרטהיי, עס מעג אויך זיין צו

דער גרעסטער, פֿערליערט ער זיין רעכט צו רעדען אין נאָמען פֿון פֿאָלק. אין ציוניזמוס—וויא געזאָגט—דאַרפֿען זיין פֿערטרעטען אַללע פּאַרטהייען און יעדע פּאַרטהיי אַנערקענענדיג דאס "באַזלער פּראָגראַם" אין אַללגעמיינעם בלייבט זיך ביי איהרע פּרינציפּען טריי און עהרליך.

צום אונגליק אָבער וויללען דאס ניט אַללע ציוניסטען פֿערשטעהען. זיי וויללען אונבעדינגט אַז אַללע ציוניסטען זאָללען אַזוי דענקען, אַזוי פֿיהלען וויא זיי דענקען, וויא זיי פֿיהלען. נעהמט בעטראכט ביי אונז דיא רבנים-ציוניסטען. מיר ווייסען אַז דער ציוניזמוס בעקעמפֿפֿט ניט דיא יודישע רעליגיאָן און ער פֿערטיידיגט זיא ניט. דער ציוניזמוס האָט איבערהויפּט מיט דער רעליגיאָן כלל ניט צו טוהן. וואָס זעהען מיר אויף דיא קאָנגרעסען? מען שטעלט אויס דיא רבנים א ו י ב ע ן-א ן וויא עפּעס בעפּוצונגען, וויא עפּעס שעהנע בילדער צו בעפּוצען דעם קאָנגרעס זאַלל. מען האָט אַלזאָ אויף דיא קאָנגרעסען איינגעפֿיהרט אַ מין מזרח-וואַנד וואו דיא רבנים אונזערע שעהנע יודען זיצען. דערמיט מאַכט מען שוין אַ אונטערשיעד פֿון אַ רבנישען-ציוניסט ביז אַ "פּראָסטען" ציוניסט. דערצו האָט נאַטירליך קיין מענש דאס רעכט. זאָלל דער ציוניזמוס ווערען אונטערטהעניג איין פּאַרטהיי וויא צ"ב דער רבנים-פּאַרטהיי דאַנן האָבען מיר איבריגע פּאַרטהייען דארט כלל ניט וואָס צו טוהן! און מיינט איהר אפשר אונזערע רבנים וועללען זיך בעגנוגען מיט'ן "מזרח" אַלליין? ח"ו! נאך אין דיא 80-ער יאהרען האָבען זיי געפֿאָדערט אַז מען זאָלל זיי מאכען פֿאר משגיחים איבער דיא קאָלאָניעס און אַז דיא חברה "אהבת ציון" פֿון טאַרנאוו האָט שטארק חשק בעקוממען דעם טשארקאווער רבי'ן צו מאַכען פֿאר אַ חובב-ציון האָט זיא איהם אבגעטרעטען דאס רעכט א ו י ס צ ו ק ל י י ב ע ן פֿ ר ו מ מ ע יודען וועלכע מען מעג שיקקען נאך ארץ-ישראל (פֿרום נאַטירליך נאך ז י י ן שטייגער נאך) און נאך אַנדערע פּריווילעגיעס. אין ווארשא פֿאר דעם 2-טען קאָנגרעס אויף דער רוססישער גרויסער אספה האָבען דיא רבנים פֿערלאַנגט אַ מין "רבנים קאָמיססיאָן" (ועד הרבני) וועלכער זאָלל האָבען דיא אויבער-אויפֿזיכט איבער דער "יודישער קולטור", איבער דער ערציעהונג א.ז.וו. און אויב ניט—וויללען זיי ניט זיין ציוניסטען. מיינט איהר אפשר נור דיא רבנים וואָללטען געוואָללט הערשען איבער אונז? אויך אַנדערע

פאַרטהייען האָבען חשק דערצו. נעהמט למשל לאָזט הערצעל'ן מיט זיינע אַנהענגער טוהן וואָס זיי וויללען וועללען זיי אייך בעשאַפפען "לעבענסלענגליכע" אַקציעס, דאַנן וועללען זיי בעשאַפפען געזעטצע דיא אויסגעקליבענע זאָללען בלייבען ביז אין טויד ביי זייער אַמט, דאַנן שפּעטער צו וועללען זיי אויך איינפיהרען דאס ערבליכע רעכט (איבערגעבען בירושה), דאַנן וועללען מיר אויך האָבען באַראָנען מיט גראַפען א.ז.וו. דאס פּריווילעגיען-סיסטעם וועט ניט שטעהען בלייבען פאר קיין שום זאַך. נוא, ווער קען דא רעדען פון אַ מין "אחדות"? דא מוסס יעדע פאַרטהיי מיט דער אַנדערער מלחמה פיהרען. קיינער האָט דאס רעכט צו שטעהען פון דער וויי־טען און צו ק ו ק ע ן און ניט צוטרעטען ווייל עס ה ע ר ר ש ט אַ געוויסע פאַרטהיי, ניין! זאָלל נור י ע ד ע ר צוטרעטען דאַנן וועט שוין קיינער ניט ה ע ר ר ש ע ן. צו ק ו ק ע ן, ב ע אָ ב אַ כ ט ע ן וויא י ע נ ע ר שלאגט זיך, וויא יענער ראַנגעלט זיך—איז אַ פערברעכען. יעדער מוסס אויך העלפען פיהרען דיא מלחמה פאר'ן א מ ת וויא אַזוי ע ר פערשטעהט איהם. אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאן איז דא פיר יעדען פלאַטץ. אָדער יעדער זאָלל זיך דארט מאכען פלאַטץ. אַ ל ל ע ז י ך ג ע ג ע נ ז י י ט י ג ד. ה. איינער מיט'ן אַנדערן, איין גרופּפע מיט דער אַנדערער בעקעמפפענדיג—דארפען זיי זיך פעראייניגען ד. ה. אָרגאַניזירען אין א י י ן "פערבאַנד" אונזער פיינד צו בעקעמפפען. נור ווער זענען אונזערע פיינד?

8.

אונזערע געגנער.

איך וויל דא ניט רעדען פון אונזערע ניט-יודישע פיינד נור פון דיא יודישע. דער גרעסטער און געפעהרליכסטער יודישער פיינד, אָדער ציוניסטישער געגנער איז דיא גלייכגילטיגקייט, דאס קאַלטבלוטיגקייט פון דער גרויסער מאַססע צו יעדער פאָלקס-זאַך. דער ערביטערטסטער געגנער פונם ציוניזמוס ברייננט געוויסע נוצען דער בעוועגונג; דיא גלייכגילטיגקייט ברייננט ק י י נ ע נ ו צ ע ן. זיא געהט מיט דער צייט איבער אין אבגעשטארבענהייט. מיט אַ

געגנער קאָנן מען זיך אויס׳טענה׳ן, מען ערהיצט זיך, מען הייבט אָן נאָכצודענקען, נאָכפּרופֿען וויא ווייט יענער האָט רעכט, מען ענטדעקט דיא פֿעהלער וועלכע מיססען אין יעדער בעוועגונג פֿאָר-קוממען, מען זוכט דיא פֿעהלער אויסצובעססערן און סוף כל סוף האָבען אונז דיא געגנער נוצען געבראַכט (איך רעד דא נור פֿון דיא עהרליכע געגנער וועלכע בעקעמפֿען דיא בעוועגונג עפֿענטליך און מיט עהרליכע מיטטעל). דיא גלייכגילטיגקייט אָבער—דאס איז דער טויד! מיר מעגען ריידען, שרייבען וויאפֿיעל עס גלוסט זיך אונז—גלייך מיר רעדען צו דער וואַנד. דער גלייכגילטיגער הערט אונז ניט, זעהט אונז ניט. צום אונגליק זענען עד היום דאס רוב יו-דען אַזוי גלייכגילטיג (אינדיפֿערענט). דאס גלות-לעבען האָט אין זיי יעדען פֿונק אויסגעלאָשען. נעהמט בעטראַכט אַ דורכשניטס-יודען (אַ געוועהנליכען יודען) פֿון ווארשא, בערדיטשעוו אָדער אָדעסא א.ז.וו. וואָס געהט איהם אן ציוניזמוס? דער קאָנגרעס איז ניט זיין "עסק". . . האָט איהר שוין גאר אַ סך מיט איהם גערעדט, אַז דיא ברוסט טוהט אייך וועה וועט ער אייך געבען אַ שקל, דער אַנדערער וועט אייך תיכף אָהן פֿיעל צו טענה׳ן געבען דעם שקל אַבי טשעפּעט זיך אב פֿון איהם! מיינט איהר אפשר דער ציוניזמוס געפֿעללט איהם ניט? ח"ו! ער פֿערשטעהט איהם ניט, און ער פֿעהלט איהם ניט ד. ה. ער פֿערשטעהט ניט אַז ער פֿעהלט איהם. דעם גלות-יודען פֿעהלט איבערהויפּט גאר ניט וואָס האָט ניט אַ שייכות צו זיין פּערזאָן. פֿיר כלל-זאַכען איז ער טויד. ווענן ער ריהרט זיך שוין יא—זאָ איז דאס קהל זיין כלל-ישראל, ווייטער פֿונם קהל קאָנן ער ניט קוקען. דיעזער טיפּ "געגנער" ווירקט אויף אונז אבקיהלענד. דיעזע גרויסע מאַססע האָט זיך וויא אבגעטיילט פֿונם לעבען דורך אַ שרעקליך דיקע חינעזישע מויער. דיעזען "פֿיינד" צו בעקעמפֿען, דיעזע מויער צו צערברעכען מוססען זיך אַללע כוחות פֿעראייניגען, דא מוסס מיט דער גרעסטער ענערגיע געאַרבייטעט ווערען. דיעזע דיקע וואַנד, דיעזע געפֿעהרליכע גלייכ-גילטיגקייט צו בעזייטיגען וועט נור מעגליך זיין ווענן יעדער וועט זיך סטארען מיט אַללע כוחות "לעבען" הערייננצוציהען אין דער מאַססע, זיא מיט עפּעס פֿעראינטערעסירען, זיא זאָלל זיך אנהייבען צו בעוועגען, זיך ריהרען דאַנן וועט זיא געוויס ציוניסטיש ווערען, אַזוי ציוניסטיש וויא מיר פֿערשטעהען היינט דעם ציוניזמוס.

נור מיר האָבען אויך אַ ק ט י וו ע (טהעטיגע) ג ע ג נ ע ר. געג־
נער וועלכע בעדיענען זיך מיט אַללערליי מיטטעל דעם ציוניזמוס
צו בעקעמפּפען. מיר האָבען שוין געזאָגט אַז פון דיא ניט־עהרליכע
געגנער, וועלכע שיסען פון דער פינסטער וועללען מיר ניט רעדען.
נור עס זענען אָבער אויך פאַראנען גאַנצע מחנות געגנער וועלכע
בעקעמפּפען אונז עפענטליך. בעטראכט קודם כל דיא דייטשע ראַ־
בינער. דאס זענען אַזעלכע נפשות וועלכע, וויא שוין געזאָגט, האָ־
בען מיט דער רעליגיאָן כלל ניט צו טוהן. זיי זענען איבערהויפּט
גראָבע יונגען על פי רוב וואָס אַנבעלאַנגט ״יודישקייט״. נור איהר
דארפט אָבער ניט פערגעססען אַזצו זיין אַ דייטשער ראַבינער איז
בעססער אַלס אַ בוכהאלטער א.ד.ג. צו זיין. דאס איז פּשוט אַ ג ו ט ע
שטעללע. נוא, ווער וויל עס אַ גוטע שטעללע פערליערען? דער
דיענער מוסס תמיד טוהן וואָס דער בעל־הבית וויל. דאָ איז דיא
דייטשע־יודישע געמיינדע דער שעף, דער אדון און דיעזער שעף
טאָר דאָך ניט זיין ציוניסטיש ווייל מען זאָלל ח״ו זיי ניט חושד זיין
אן מאַנגעל אין דייטשען פּאַטריאָטיזמוס. נוא, פערשטעהט זיך שוין
אַז דער דיענער, דאס איז דער ראַבינער מוסס אויך זיין געגען ציוני־
יזמוס. נור פאר אַ יודישען ״פּאַסטוך״ פּאַסט דאָך ניט גלאַט אַזוי
זאָגען אַז ער איז ניט אַ ציוניסט. וואָס־זשע טוהט מען? אַ יוד אַ למדן
גיבט זיך אַ עצה: ער געפינט אַ פּסוק און פערטייטשט איהם אַזוי
אַז עס קומט אוים דיא יודישע אמונה איז געגען ציוניזמוס. דיעזער
יודישער ״גלח״ פערשטעהט זיין עסק. . . ער איז ניט נור אַ ״רע־
ליגיאָנס־לעהרער״ כביכול נור טאַקי אַ גרויסער חכם אויך, אַ גע־
לעהרטער! און אָט דיעזער געלעהרטער דרינגט אוים אַז ״ישראל״
(דאס יודישע פאָלק) איז גאר פון אנהייב אן בעשאַפען געוואָרען צו
זיין אין גלות! וואָס איז דאס פאר אַ מין משוגעת? גאַנץ איינפאַך:
זוועדער דיא געמיינדען! דיא דייטשען ״יודישען גלויבענס״ האָבען
פערלאַנגט פון זייערע ״פאַרשטעהער״ טאַקי בעווייזען דער וועלט
אַז זיי זענען גרויסע מענשען. . . און דיא קולטוס־פאַרשטעהער, די
געלעהרטע מעננער מיט דיא ראַבינער האָבען ערפונדען אַ מין
״מיססיאָן״ (שליחות) פאר דעם יודישען פאָלק! פערשטעהט
איהר? אַזוי וויא דאס יודישע פאָלק האָט צוריק מיט יאהרען דעם
גלויבען אַן א י י ן גאָטט פראָקלאַמירט, געגעבען דער וועלט, אַ ז ו י
דארף דאס איצטיגע פאלק פרעדיגען דער מענשהייט: גערעכטיג־
קייט און אמת, דאס יודישע פאָלק דארף זיין אַ וועלטס־לעהרער און

אַ וועגווייזער! איהר הערט, איהר גלות-יודען? ניט אומזאָנסט שרייט
איהר אַז איהר זענט אתה-בחרתנו'קעס! אַ קלייניגקייט! מיר יודע-
לעך זענען וועלטס-לעהרער! און זיי, דיא תלמידים, וויללען דאס
גאר ניט וויססען און דראפּען אונז אוים דיא אויגען. . . משיח'ס
צייטען, חלעבען. נור אַזוי וויא מיר ציוניסטען דערצעהלען גאר אַז
מיר וועללען זיין צופֿריעדען אַז מען וועט אונז ניט צופֿיעל לערנען...
אַז מיר וויללען זיך אבזוכען אַ היים און זיך אַלליין אויסלערנען
מענשליך לעבען—נו, מוסען זיי נאַטירליך זיין ג ע ג ע ן דעם ציוניז-
מוס. ווער וויל דאס פֿון אַ וועלטס-לעהרער ווערען אַ פשוט'ר ביר-
גער פֿון ארץ-ישראל? און דיא רבנים פּראטעסטירען שטארק גע-
גען ציוניזמוס און זיי בלייבען פֿעסט אויף זייערע שטעללען. אין
אמת'ן, ווער קאנן פֿון זיי פֿארדערען זיך מפקיר זיין פֿאר דיא יודען?
פֿון זיי וועלכע זענען וויט פֿונם יודישען פֿאָלק וויא פֿון חינעזישען?
און מיר ציוניסטען דאַרפֿען ביי זיך כלל ניט אַראבגעפֿאללען ווע-
רען ווענן דיעזע דייטשע הייסע פּאַטריאָטען זענען אונזערע געגנער.
זאָללען זיי זיך רוהיג "ציון" און "ירושלים" אויסמעקען פֿון סדור,
זאָללען זיי זיך זונטאַג—שבת מאַכען, זאָללען זיי "גאָטט דיענען" אין
טעמפּעל, זאָללען זיי זיך לעבען אַ גוטען טאָג אויב זייערע "ברי-
דער" דיא אמת'ע דייטשען וועללען עס דערלאזען, זאָללען זיי פּרע-
דיגען עפּעס ווילדע זאַכען, משוגעת'ן פֿון פֿערשיעדענע הויכע מיס-
סיאָנען וואָס דאס יודישע פֿאָלק דארף (?) ערפֿיללען—וואָס געהען
אונז ד י ע ז ע נפשות אן?

מיר האָבען שוין ערקלערט אַז "יעדע ווירקונג האָט זיך איהר
אורזאַכע". דיא דייטשע ראַבינער זענען געגען ציוניזמוס ו ו י י ל
זיי וויללען ניט זייערע פֿעטטע שטעללען פֿערליערען. און אויס דער-
זעלבער אורזאַכע זענען אונזערע "גוטע-יודען" אויך געגען דעם
ציוניזמוס. זיי רעדען שוין ניט פֿון עפּעס אַ מין מיססיאן, זיי רעדען
איבערהויפּט גאר ניט. זיי זענען ש ט י ל ע ג ע ג נ ע ר. נור אַללע
חסידים וויסען אַז "ער זאָלל לעבען" איז קיין ציוניסט און דאס גע-
ניגט שוין. און "ער זאָלל לעבען" קאנן בשום אופן ניט זיין אַ
ציוניסט! עס איז בעקאַנט אַז דער ציוניזמוס בעגניעגט זיך ניט מיט
אַ שקל און מיט אַ אַקציע. זאָלל ער זיך דערמיט בעגניעגען וואָלט
איבערהויפּט ניט ווערטה געוועזען איבער איהם אַזוי פֿיעל צו רע-
דען. נור דאס איז ניט אַזוי. דער שקל און דיא אַקציע, דאס זענען

נור דיא געלד-מיטטעל. דיא ציוניסטען האָבען שוין בעוויעזען אַז
אויפֿצולעבען אויפֿס נייַ דאס יודישע פֿאָלק איז נעטהיג ת"ת, מוס-
טער חדרים, שולען, א.ז.וו. צו שאַפֿפֿען. דיא קולטור-אַרבייט איז
דיא וויכטיגסטע אַרבייט אין ציוניזמוס. מען מוסס דעם גלות-
שמוטץ אַוועקרייניגען, דאס פֿינסטערע פֿינסטערקייט פֿעריאָ-
גען. נוא, און ווער וויים דאס ניט אַז דיא ממשלה פֿון דיא גוטע-
יודען קאָנן נור דאמאלס עקסעסטירען ווענן אין דער יודישער גאַסס
איז שמוטציג און פֿינסטער? איינס הייננט אב פֿון אַנדערן. ווערט
דיא מאַססע געבילדעט, עפֿענט זיא דיא אויגען וועט זיא בשום אופֿן
זיך ניט בוקען צו דיעזע לעבעדיגע ערדישע געטטער, דיא גוטע-
יודען מוססען דאַנן אבטרעטען, זיי ווערען אָהן גאָלדענע שטעללען
נאך איינטרעגליכערע אַלס דיא פֿון דיא דייטשע ראַבינער. בלייבט
דאַגעגען דיא יודישע מאַססע אין קוים, אין דער פֿינסטער שלאָפֿען
דאמאלס איז עס אַ לעבען פֿיר דיא "משרתי העליון", פֿיר דיא
גוטע יודען און זייערע גבאים. אַלזאָ זייערע אינטערעסען פֿאַר-
דערען זיי אויף, צווינגען זיי צו זעהען אין ציוניזמוס זייער פֿיינד.
איז עס אַ וואונדער וואָס זיי זענען ניט ציוניסטען? דיעזע גוטע
יודען וועלכע שלעפֿערן איין דעם יודישען גייסט, וועלכע לעבען אַ
גוטען טאָג אויף'ן חשבון פֿון זייערע "אונטערטאַהנען", וועלכע
ברייגען אוים טויזענדער, צעהן-טויזענדער רובעל אויף צו פֿיהרען
"דאס הויף", וועלכע צאַפּען אוים יודיש בלוט און מאַרך—מוססען
שרייען אַז דיא ציוניסטען נאַרען אוים אַ שקל, אַז דיא ציוניסטען
בעראַבעווען דאס יודישע פֿאָלק! ווייל זיי זעהען אין דיא ציוניסטען
זייערע געגנער חאטש דיא ציוניסטען אַלס ציוניסטען זענען נאך קיין
מאָל הערויסגעטרעטען געגען דיעזער חאַפּטע פֿון גוטע-יודען און
גבאים, נור ברייננענדיג ליכט אין דיא יודישע גאַססען, אויפֿקלע-
רענדיג דעם עולם, איינהויכענדיג לעבען אין דיא דאַרע ביינער—
דערמיט אַלליין גראבען זיי אונטער דיא הערשאַפֿט פֿון דיעזע
פֿינסטערע נשמות. פֿינסטערקייט און ליכטיגקייט מוססען תמיד
מלחמה האלטען ווענן זיי קוממען זיך צונויף. דאס רעזולטאַט
איז: אַז דיעזע פֿינסטערע מענשען דיא צוריק-געהענדע, דיא
רעגרעסיווע עלעמענטע קעננען ניט צוטרעטען צום ציוניז-
מוס וויל ער איז אַ פּראגרעסיווע, אַ פֿאָרווערטס-שריי-
טענדע בעוועגונג.

גאר עפעס אַנדערש, יא, פונקט דאס פערקעהרטע זעהען אין דער ציוניסטישער בעוועגונג אַ גרויסער טהייל פון דער יודישער אינטעליגענץ. צום בעדויערען איז דער גרויסער רוב פון דער יודישער אינטעליגענץ צום ציוניזמוס נאך ניט צוגעטרעטען, און אַ גרויסער טהייל בעקעמפפט איהם אויך. איך מוסס אָבער דאָ בעמערקען אַז איך רעד ניט פון דער יודישער אינטעליגענץ אין אַלגעמיין. ניט אַללע אינטעליגענטען וועלכע זענען געבאָרען אַלס יודען—בילדען דיא יודישע אינטעליגענץ. יענע טימאָפּיי'ס און איוואַן'ס א.ד.ג. וועלכע שעמען זיך מיט'ן יודישען נאָמען האָבען מיט דעם יודישען פאָלק גאר ניט צו טוהן. דאס זענען וועלטס-מענשען (קאָסמאָפּאָליטען) פאר וועלכע דיא עטליכע מילליאן יודען מאכען ביי זיי גאר ניט אוים. זיי מוססען פאר דער גאַנצער מענשהייט אַרבייטען! זיי אומאַרמען דיא גאַנצע וועלט! "דיא מענשהייט" אַלזאָ שטערט זיי, דערלאזט זיי ניט צו זיין יודען. פאר זיי עקסעסטירט קיין אייגען פאָלק, עס פערשטעהט זיך אַז עס עקסעסטירט ניט פאר זיי אַ "יודענפראַגע". איז אָבער ניטאָ קיין יודענפראַגע, טאָ וואָס טויג זיי דער ציוניזמוס וועלכער וויל לעזען דיעזע פראַגע? פון זיי אַלזאָ קאנן דא דיא רעדע ניט זיין. נור עס זענען אָבער פאראנען דיזרקליכע יודישע אינטעליגענטען, וועלכע רופען זיך "נאַציאָנאַליסטען", פאר זיי עקסעסטירט אַ יודישע נאַציאָן און זיי וויללען מיט לייב און זעעלע העלפען דיעזער אונגליקליכער נאַציאָן. און דאָך טרעטען זיי ניט צו צום ציוניזמוס! פארוואָס? ווענן זיי זענען ניט אַנהענגער פון דער משונה-ווילדע טהעאָריע וועלכע רופט זיך "וועלטס-פערזאָרגעריי", ווענן זיי זענען בעקאַנט מיט דער יודישער נויטה, ווענ זיי וויללען העלפען דיעזער נויטה, וויא-זשע קומט עס וואָס זיי ווערען ניט ציוניסטען? זיי זאָגען אַז דער ציוניזמוס איז אַ רעגרעסיווע בעוועגונג ד. ה. אַ בעוועגונג וועלכע פערטיידיגט דאס אַלטע, דאס פערפוילטע אין פאָלק, וועלכע האלט זיך פעסט אן דער פינסטערקייט. זיי זעהען אַלזאָ פונקט דעם היפך וואָס יענע פינסטערע נפשות זעהען. פאר יענע איז זיא צו ליכטיג; פאר דיעזע צו פינסטער!

לאָמיר בעטראכטען נעהענטער דיעזע אינטעליגענץ. מיר וועללען באַלד הערויסגעפינען דיא אורזאַכען פון אַזאַ מין דענקען, פון אַזאַ מין זעהען.

דאס זענען ערשטענס אַזעלכע משכילים וועלכע האָבען גע-
מוססט יאהרען לאַנג זיך וואַלגערען אין דיא קליינינקע פֿינסטערע
שטעדטליך, וועלכע האָבען געמוסט אין קעללער אָדער אויפֿ'ן בוי-
דעם קיינער זאָלל ניט וויססען לערנען וואסטאקאוו'ס גראמאטיקא
אָדער לעזען אַ "טרפה פסול". האָט מען זיי "געחאַפּט" האָבען זיי
געהאַט אויסצושטעהען דיא ערגסטע צרות. און אַז דיעזע משכילים
האָבען זיך ענדליך הערויסגעריסען פֿון דער פראווינץ, עס איז זיי
געלונגען זיך צושלאָגען אין אַ גרויסער שטאדט; דא האָבען זיי מיט
איין מאָל געוואָללט איינשלינגען דיא גאַנצע השכלה. עס האָט זיך
פֿאר זיי פלוצלונג, מיט איין מאָל געעפֿענט אַ גרויסע וועלט,
אַ נייע מין לעבען מיט אַנדערע אידעאַלען און עס האָט ניט פֿיעל
געדויערט אַזוי האָבען דיעזע משכילים אַללעס פֿון זיך אַראבגע-
וואָרפֿען. דאס פֿריהערע ביסעל יאהרען ווענן זיי האָבען זיך גע-
מוטשעט איבער דער "האַרבער" גמרא, דאס פֿריהערע דענקען,
דאס פֿריהערע קליינשטעטעלדיגע לעבען מיט דיא משונה-ווילדע
חסידים מיט זייערע עם-הארצות האָבען זיי בעטראכט אַלס עפּעס אַ
אבקומעניש. זיי האָבען נייא, גענצליך נייא אויפֿגעלעבט, און
פֿון זיך דאס אַלטע ניט פֿיעל נאכדענקענדיג אַראבגעווארפֿען. נור
אַלס געוועזענע משכילים, אַלס מענשען וועלכע האָבען פֿארט דיא
בעסטע יאהרען פֿערבראכט צווישען דיא יודען, געדענקט יודיש, גע-
לערנט נור יודיש האָבען זיי ניט געקענט בשום אופן גענצליך אב-
זאָגען זיך פֿונם יודישען פֿאָלק. דיא יודישע ערציעהונג האָט זיי וויא
צוגעבונדען צו דיא יודען. אַזוי זענען זיי געבליעבען יודישע נאַציאָ-
נאַליסטען ד. ה. זיי האָבען מיטגעפֿיהלט דעם שווערען גלות פֿון
דער יודישער נאַציאָן דענן נור אַ דאַנק דעם גלות-לעבען האָבען זיי
בעקוממען אַזאַ משונה'דיגע ערציעהונג. זיי האָבען געוואוסט אַז
דאס יודישע פֿאָלק לעבט ניט נאָרמאַל, ענטוויקעלט זיך ניט נאָר-
מאַל, עס איז אַלזאָ פֿאַראַנען פֿאר זיי אַ יודענפֿראַגע. נור וויא אַזוי
לעזט מען דיא יודענפֿראַגע? דאס האָבען זיי שוין ניט געוואוסט.
אַ טהייל האָבען געמיינט אַז דיא אַללגעמיינע קולטור, דער פראָג-
רעס וועט מאכען אַ עק פֿון דער יודענפֿראַגע, אַ טהייל האָבען גע-
חלומ'ט פֿון בעסערע צייטען. . . ווענן אַללעס וועט גלייך זיין
א.ז.וו. אַלעס האָט געקוקט, געהאַפֿט אויף שפּעטער. און פלוצלונג
הערען זייא ציוניזמוס! צוריק אַהיים נאך אַזיען! נאך דער פֿינסטע-
רער טירקיי! פֿון אייראפּא נאך אַזיען! אַ שרעק! און זייא האָבען

זיך טאַקי שטאַרק דערשראָקען. אין ציוניזמוס האָבען זיי געזעהען
און זעהען נאָך יעצט אַ רעגרעסיווע בעוועגונג ווייל דיא ציונ׳-
יסטען ווילען זיך אומקעהרען צום אַלטען. און וואָס אַלט איז ביי
זיי רעגרעס, ריקשריט! זיי זענען אַזוי פֿער׳שיכור׳ט פֿון דער איירא-
פּעאישער בילדונג וועלכע זיי האָבען פּלוצלונג, מיט איין מאל,
אין זיך אויפֿגענומען אַז זיי זענען ניט פֿעהיג מעהר צו פֿערשטעהען
אַז ניט אַללעס וואָס איז געוועזען איז שלעכט און ניט אַללעס
וויא עס איז איצט איז גוט; זיי בעגרייפֿען ניט אַז דער ציוניזמוס
וויל נור דאָס גוטע אַלטע מיט דעם בעסטען פֿון היינט פֿעראיי-
ניגען. קורץ: זיי פֿערשטעהען ניט דעם ציוניזמוס.

אויסער דיעזע משכילים זענען צווייטענס דיא אינטעליגענטען
וועלכע רופֿען זיך נאַציאָנאַליסטען. דאָס זענען צוריק-געקומ-
מענע צום יודענטהום. דיא אַסימילאַציאָנס-פּעריאָדע האָט שוין
לאַנג נאָכגעלאָזט. דיא אַסימילאַציאָן און דאָס וועלט-בירגערטום
(קאָסמאָפּאָליטיזמוס) האָבען זייער גאַנצען חן פֿערלאָרען. פֿריהער
האָבען זיך יודישע גימנאַזיסטען, סטודענטען און אַזוי גרויס-שטעד-
טישע אינטעליגענטען וועלכע האָבען כלל קיין יודישע ערציעהונג
ניט בעקוממען, זיי האָבען אפילו דעם יודישען א״ב ניט געקענט,
דיא יודישע היסטאָריא האָבען זיי נור געקענט פֿון דיא פּאָאר זייטען
פֿון דער ״אַלגעמיינער היסטאָריא״, קורץ זיי זענען כלל ניט געווע-
זען פֿערבונדען מיט׳ן יודישען פֿאָלק, פֿריהער אין ״יענע גוטע צייַ-
טען״ האָבען זיך דיעזע אַלע אַוואָרף געטוהן אויף דער ״מענש-
הייט און געוואָלט איהר דיענען; זיי האָבען ניט געוואָללט מאַכען אַ
אונטערשיעד פֿון יוד ביז כריסט א.ד.ג. מענשען האָבען זיי גע-
וואָלט זיין. וואָס מיר פֿאָלק, ווער מיר פֿאָלק? נור— — — נור
פּלוצלונג האָבען זיי דערפֿיהלט וויא קאַלטעס וואַססער אויפ׳ן קאָפּ.
דיא אמת׳ע איוואַנ׳ס מיט דיא וואַנקים האָבען זיי אבגעשטוי-
סען פֿון זיך, מיט זיי ניט געוואָללט האָבען קיין שום געשעפֿטען.
דאָ האָבען זיי אנגעהויבען צו עפֿענען דיא אויגען. זיי האָבען בע-
מערקט אַז עס איז אין גאַנצען געוועזען אַ חלום און ניט מעהר!
און זייא האָבען פלוצלונג דערזעהען אַז זייערע בעסערע חברים
וועלכע האָבען זיי נאָך ניט אבגעשטויסען אַרבייטען אַלליין אייך
לטובת עמם. דאָ האָבען זיי ערשט בעמערקט אַז מען קאַנן זיין אַ
מענש און אַרבייטען אין זיין פֿאָלק, פֿיר זיין פֿאָלק אונ—

זייא האָבען זיך אומגעקעהרט צום יודענטהום. זייא האָבען אנגעהייבען זוכען אַרבייט ביי זיך אין דער היים. דא האָבען זיי אויך דערהערט "צוריק נאך ציון!" זייא קוקען זיך אַרום און זעהען אַז צווישען דיא הויכגעבילדעטע, אינטעליגענטע ציוניסטען געפינען זיך אויך פשוט'ע יודען מיט לאַנגע קאַפּאָטעס און פאות. דאָ האָבען זייא זיך אויך וויא דערשראָקען. ניט קעננענדיג דאס יודישע פאָלק, ניט פערשטעהענדיג אַ ווארט העברעאיש אויך ווייניג יודיש—האָבען זיי געאורטיילט נאכ'ן אויסערן אַז דיא גאַנצע בעוועגונג איז אַ רעאַקציאָנערע, רעגרעסיווע. זיי האָבען ניט געפיהלט דעם ציוניזמוס, נאך וועניגער איהם פערשטאנען.

אויסער דיא אויסגערעכענטע קאַטעגאָריען איז נאך פאַראַנען אַ קאַטעגאָריע נאַציאָנאַליסטען וועלכע זענען געגנער פונם ציוניזמוס. דאס זענען דיא יודישע-סאָציאַליסטען. פריהער האָבען דיעזע יודישע-סאָציאַליסטען כלל ניט אבגעגעבען זיך מיט'ן יודישען פאָלק. זייא זענען אויך געוועזען קאָסמאָפּאָליטיש געזאָנגען. זייא האָבען דעם נאַציאָנאַליזמוס ניט אַנערקענט. נור אין דער לעצטער צייט האָבען איבערהויפּט אַללע סאָציאַליסטען מודה געוועזען אַז דער נאַציאָנאַליזמוס איז אַ צו-שטאַרקעס געפיהל בייא אַללע פעלקער מען זאָלל עס קעננען אַזוי גרינג אַוועקמאכען מיט דער האַנד. און אויך דיא יודישע סאָציאַליסטען זענען געוואָרען נאַציאָנאַליסטען. זייא האָבען אויך געמוזט צו-קומען צום אמת אַז דער נאַציאָנאַליזמוס איז ניט נור אַ שטארקעס נור אויך אַ געזונדטעס געפיהל. ווענן יעדע נאַציאָן וועט האָבען דיא מעגליכקייט זיך פריי נאך איהר שטייגער נאך, צו ענטוויקלען—וועט "דיא גאַנצע וועלט" נור נוצען האָבען דערפון. נור מוסס מען אָבער זעהען ניט ווערען שאוויניסטיש. צום בעדויערען מערקט מען אָפּט אַז דאס נאַציאָנאַל געפיהל ווערט צו שטארק, עס פערשטעלט דעם שכל, ער געהט איבער אין אַ שאָוויניסטיש-געפיהל. בייא אונז יודען קאנן מען דאס פרעמדע וואָרט שאוויניזמוס בעצייכנען מיט "אתה-בחרתנו". דאס יודישע פאָלק האָט שטארק געגלויבט און אַ טהייל גלויבען נאך אַצונד אויך אַז דיא יודען זענען אַ "אויסערוועהלטעס פאָלק", עס איז דאס בעסטע פון אַללע פעלקער. אַזאַ מין גלויבען איז אַ פשוטע משוגעת. אַזאַ מין נאַרישער ווילדער גלויבען ברייננט נור שאַדען יעדעם פאָלק. עס דענקט אַז עס איז בעסער פאר

אַללע און אויס דעם גרונד קוקט עס פֿון "אויבען אַראב" אויף דיא איבריגע און אויב עס קאנן נור—אונטערדריקט עס דיא שוואַכערע פֿעלקער. דער נאַציאָנאַליזמוס איז אַ געזונדטעס גע-פֿיהל; דער שאוויניזמוס—אַ פסיכאָז (אַ זעעלען-קראנקהייט). און אָט אַ טהייל פֿון דיא יודישע נאַציאָנאַליסטישע-סאָציאַליסטען בעטראכטען דעם ציוניזמוס אַלס אַ יודישען שאוויניזמוס. דאס איז ווידער דערפֿאר וויל זייא קעננען דעם ציוניזמוס טיעף ניט בע-גרייפֿען וויא דער אַנדערער טהייל פֿון זיי פֿערשטעהט דיא ציוניס-טישע בעוועגונג אויך כלל ניט ווענן זייא זאָגען אַז דאס איז אַ בור-זשואַזיע-בעוועגונג ד. ה. אַז דער ציוניזמוס איז בעשאַפֿען געוואָרען אום צו בריינגען נוצען דיא רייכע לייט, אַז ער פֿערטהיידיגט דיא אינטערעסען פֿון רייכערען קלאַס יודען. צו ענטפֿערען אויף דיזען אונזינן איז ניט ווערטה. אונזערע גבירים דערהערענדיג דאס וועלען אויס זייא געווים חוזק מאַכען. זייא פֿאַלט גאר ניט איין אַוועקצוואַר-פֿען דיא מאַגאַזינען פֿון בערלין, וויען, פאַריז, לאָנדאָן א.ז.וו. און איבערפֿאהרען נאך ירושלים א.ד.ג. ")

מיר האָבען געזעהען אַלזאָ אַז אַ טהייל בעשולדיגען דעם ציוניז-מוס אַז ער איז געגען דער אמונה א.ד.ג. אַנדערע גאר פונקט פֿערקעהרט: אַז ער איז אַ רעגרעסיווע בעוועגונג. מיר האָבען שוין ניט איינמאל ערקלערט אַז דער ציוניזמוס האָט איבערהויפּט מיט דער אמונה ניט צו טוהן. דאס קאנן יעדער עהרליכער רב און פֿרו-מער יוד זיך איבערציייגען. מיר ווילען נאך אַ פאר ווערטער זאָגען וועגען דעם צי איז דער ציוניזמוס אַ פראָגרעסיווע, ד. ה. פֿאר-ווערטס-שרייטענדע בעוועגונג, צי ניין.

וואָס הייסט דענן פראָגרעס? פראָגרעס הייסט דער פֿארט-שריט פֿון דער מענשהייט, דאס גלויבען און איבערציייגט זיין אַז דער מענש וועט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער ענטוויקלען, אַז דער אמת און גערעכטיגקייט וועללען סוף כל סוף מנצח זיין דעם שקר, דיא פאָרלאָסט. עס וועט ענדליך קוממען דער "דור המלא דעה" ווענן וויססענשאפֿט און ליכטיגקייט וועללען רעגיערען דיא וועלט א.ז.וו.

") דיעזען ענין האָב איך מעהר אויספֿיהרליך בעשפראכען אין מיין אַרטיקעל "דיא אַרבייטער און דער ציוניזמוס", וועלכער וועט אין "יודישען פֿאָלקס-קאלענדער" (ג. באדער, לעמבערג) פֿון דיעזען יאהר געדרוקט ווערען. י. וו.

ר ע ג ר ע ם הייסט זיך שטרעבען צ ו ר י ק אומקעהרען צו דיא אַמאָ-
ליגע פֿינסטערע צייטען ווענן אמת און גערעכטיגקייט ווערען אײנ-
טערדריקט, ווענן פֿינסטערקייט רעגיערט איבעראַלל און איבער אַל-
לעם. פֿון העכערע, שענערע אידעאַלען איז דאמאלס דיא רערע ניט.
דאס בעסערע, עדלערע מוס אונטערליעגען דעם נידריגען.

און וואָס וויל, צו וואָס שטרעבט זיך דער ציוניזמוס? דער
ציוניזמוס וויל טאַקי אומקעהרען דעם יודישען פֿאלק דאס אַ ל ט ע
נור וואָס דען? דאס פֿערלאָרענע זעלבסטשטענדיגקייט, דאס אַ מ אָ-
ליגע לאַנד וואו דאס יודישע פֿאָלק וועט קעננען, ניט זייענדיג מעהר
אונטערדריקט, זיך פֿריי ענטוויקעלן, ז י ך א ו י ס ל ע ב ע ן. פֿיעלע
פֿון אונז גלויבען אַז דאס יודישע פֿאָלק בעזיטצט געוויסע פֿעהיג-
קייטען. דאָ אין גלות געהען אָבער דיעזע פֿעהיגקייטען גענצליך
פֿערלאָרען אָדער זיי ווערען אויסגעניצט אין דער שלעכטער זייט...
דארטען אין אונזער היים וועללען מיר קעננען אונזערע פֿעהיגקי-
טען נאָרמאַל ענטוויקעלן און זיך און דער גאַנצער מענשהייט נוצען
ברייגנען. ניט נאך דיא קרבנות בייגקען מיר—נור וויללען מיר דיא
וועלט זאָלל אונז בעהאנדעלן מ ע נ ש ע ן ג ל י י ך! ווער ווייסט ניט
אַז דערפֿאר וויל מיר לעבען אין גלות געהען טויזענדער צעהנ-
טויזענדער יודישע כחות פֿערלאָרען?! פֿערלאָרען פֿאר אונז און
פֿאר דער גאַנצער וועלט. און איז דאס ניט אַ פ ר אָ ג ר ע ס י ו ו ע
בעוועגונג ווענן מיר וועללען אונז אַליין אנהייבען שעצען וויא מענ-
שען און מיר וועללען ניט רוהיג צוזעהען וויא מען שפייעט אונז אין
פנים, וויא מען דריגעט אונז מיט דיא פֿיס?! איז דאס ניט אַ פרא-
גרעסיווע בעוועגונג ווענן זיא שטעלט זיך צום ציעל אַ גאַנץ פֿאָלק
צו בעפֿרייען, אַ פֿ אָ ל ק וועלכעס ווערט שוין אַזוי פֿיעל הונדערטער
יאהרען אונטערדריקט, אַ פֿאָלק אין וועלכע אַללע מענשען בעגעהען
אַזוי פֿיעל אונגערעכטיגקייט!? אויב אַזאַ מין בעוועגונג הייסט ניט
אַ פראגרעסיווע בעוועגונג—טאָ וואָס-זשע הייסט שוין פראָ-
גרעס? ? ?

דיא אויספֿיהרבארקייט פֿונ'ם ציוניזמוס.

אַללע געגנער פֿונם ציוניזמוס האָבען אַ געמיינזאַמע טענה: זאָלל זיין אַז דער ציוניזמוס איז רעכט גוט און שעהן. נור איז ער דענן איבערהויפּט אויספֿיהרבאַר? און זיי פֿאַרדערען מען זאָלל זייא "בעווייזען" אַז פֿריהער אָדער שפּעטער וועט דאס ענד-ציעל פֿונם ציוניזמוס זיין עררייכט.

מיר מוסען שוין דאָ זאָגען אַז *בעווייזען* קאנן מען ניט. נור אין דער מאטהעמאַטיק איז פֿאַראן "בעווייזע", אין *לעבען* קאַן מען גאר ניט בעווייזען. ווענן מיר זאָללען אין אַללטעגליכען לעבען און ביי פֿאָלקס-אונטערנעהמונגען, ווענן מיר זאָללען גאר ניט טוהן ביז מיר וועללען ניט וויססען פּינקטליך אַז עס וועט אַזוי קוממען וויא מיר שטעללען זיך פֿאר וואָללטען מיר קיינמאל גאר ניט געטוהן. מיר וואָללטען איינגעשלאָפֿען אויף אייביג. אַ יודיש שפּריכוואָרט זאָגט: "טוה' און גאָטט וועט דיר העלפֿען". מען דארף כלל ניט זיין אַ מאמין צו פֿערשטעהען וויאפֿיעל אמת עס ליגט אין דיעזען שפּריכוואָרט. נאַטירליך מען קאנן טוהן און גאָטט זאָל ניט העלפֿען, ד. ה. דאס גאַנצע טוהן קען געהען לאבוד, נור אַז מען *טוהט ניט*—דאמאלס קאנן געווים גאר ניט העראויסקוממען. דאמיט אַלזאָ עס זאָלל עפּעס זיין—איז אונבעדינגט נעטהיג עפּעס צו טוהן. געווים דארפֿען מיר תמיד איידער מיר טוהען עפּעס זיך אַרומקוקען, בעטראַכטען אויב עס איז *מעגליך* דאס צו בעקוממען, וואָס מיר זוכען. זעהען מיר נור דיא *מעגליכקייט*, דאַמאַלס קעננען מיר זיך רוהיג צו דער אַרבייט נעהמען. איז אָבער דיא מעגליכקייט ניטא—דאַנן קען מען פֿליהען אין הימעל, זיך רייסען אויף דיא גלאַטע וועגד—וועט געווים גאר ניט אַרויסקוממען אויסער אפשר וועט דער קאָפּף צערשלאגען ווערען.

אין אַללטעגליכען לעבען זעהען מיר זעהר אָפֿט אַז דיעזע מענשען וואָס האָבען אַ אונטערנעהמונגס-גייסט, וועלכע קעננען אַללעס בעדענקען נור זיי *וואַגען* אויך—דיעזע מענשען קוממען אָפֿט צו זייער ציעל. דאסזעלבע איז אויך ביי פֿאלקס-אונטערנעהמונגען,

ביי פאלקס-בעוועגונגען. מען מוז אויך וואגען וויא באלד עס איז נור דיא מעגליכקייט ניט אויסגעשלאססען אז מען קאנן ער-רייכען דאס ציעל צו וועלכען דאס פאלק שטרעבט זיך. יא, וואגען דארף מען! נור דארפען מיר וויססען וואס וועט זיין אז דאס אונ-טערנעהמען וועט ניט געלינגען. וואגען הייסט ניט שפעקולירען וויא מאנכע מענשען טוהען וועלכע דאס לעבען איז זיי נמאס א.ד.ג. טראכטען ניט פיעל צו וועט עס יא געלינגען צי ניין? א פאלק טאר ניט שפעקולירען.

אויף לובעצקי'ס פראגע "וואס-זשע וועט זיין אז דער ציוניזמוס וועט ניט געלינגען?" האט נארדוי מיט א אנעקדאט געענטפערט: א שדכן האט איינעם א קרעציגען בחור גערעדט א שידוך. "דוא מוסט צוערשט זיך ארומוואשען—זאגט צו איהם דער שדכן—אוי-דער דוא געהסט אנקוקען דיא כלה".—"וואס-זשע וועט זיין אז פון שידוך וועט זיך גאר ניט אויסלאזען?" פרעגט דער קרעציגער בחור.—

נוא, וועללען דיא יודען האבען גענומען א באד, ענטפערט נארדוי, וועללען זיי זיך האבען ארומגעוואשען. . .

אין יעדער פאלקס-בעוועגונג, אדער איבערהויפט "בעוועגונג", דארפען מיר אונטערשיידען צוויי זאכען: דיא בעוועגונג אליין און דאס ענד-ציעל ד. ה. דעם הוה (געגענווערטיגע צייט) פונם עתיד (צוקינפטיגע צייט). דער ציוניזמוס האט זיך געשטעלט צום ענד-ציעל: צו גרינדען א היימשטעטע א.ז.וו. אויף פראסט יודיש: "צו גרינדען א יודישע מדינה אין ארץ-ישראל". דיעזעס ענד-ציעל טארען דיא ציניסטען פון זייערע אויגען ניט הערויסלאזען. אט דיע-זעס ענד-ציעל צו עררייכען איז בעשאפפען געווארען דיא ציוניסטי-שע "בעוועגונג" ד. ה. מען ארגאניזירט זיך אין קליינע, און גרויסע פעראיינען, מען זאמעלט שקלים, מען גרינדעט א באנק, מען גרינ-דעט שולען און ביבליאטהעקען, מען לערנט דיא יודישע היסטאריא, מען בעקענט זיך נעהענטער מיט דער יודישער און העברעאישער ליטעראטור, מען זוכט אויך מיטטעל מעגליך שוין אין גלות אבצו-העלפען דיא שרעקליכע נויטה פון אונזערע ברידער, מען הייבט אי-בערהויפט אן צו לעבען פאר'ן פאלק, מען בעקומט א אידעאל, מען ווערט דורך דעם בעסער, העכער א.ז.וו. א.ז.וו. דיא סומע פון דעם

אַללעמען—דאס איז דיא ציוניסטישע בעוועגונג אָדער וויא נארדוי זאָגט דאס איז אַ וואַש-באָד וואו דאס יודישע פאלק וועט פון זיך דעם גלות-שמוץ אַראבוואַרפען, וואו עס וועט ווערען פ ר י ש, ר י י ן און בעקוממען נ י י ע האָפענונג אויף בעסערע צייטען.

ווענן מען פרעגט אונז אַלזאָ צי זענען מיר ז י כ ע ר אַז מיר וועללען אונזער ענד-ציעל עררייכען מוסען מיר אנווייזען אויף דער ב ע וו ע ג ו נ ג. דעם אמת זאָגענדיג איז, נאך מיין מיינונג, דיא ב ע-וו ע ג ו נ ג ד ע ר ע י ק ר. איך וויים: מען קען אונז זאָגען, וואָס פאר אַ שייכות האָט אָבער דיא "בעוועגונג" מיט'ן ציוניזמוס? איז דאָך דיא השכלה-בעוועגונג אויך געוועזען אַ מין וואַש-באָד, און איז דאָך דיעזע בעוועגונג, וויא מיר שטעלען זיא פאַר, אויך נור אַ השכלה-בעוועגונג אָדער קולטור-טרעגעריי?! אמת, עס איז אַ השכלה-בעוועגונג. דאס מוססען מיר מודה זיין. פערקעהרט: דאס איז אונזער שטאָלץ וואָס מיר וויללען דיא אמת'ע בילדונג טראגען אין פאלק נור איז אָבער דיעזע גאַנצע בעוועגונג אַ ב ה ע נ ג י ג פונם ענד-ציעל. דאַמיט מיר זאָלען פעהיג זיין איבערהויפט עפעס צו טאן מוססען מיר ל ע ב ע ן און אָט דיעזעס ל ע ב ע ן ד. ה. דיא שטארקע האָפענונג אויף אַ בעסערע צוקונפט פיר אונזער פאלק גיבט אונז דיא השכלה ניט מעהר, נור דאס ענד-ציעל פונם ציוניזמוס! נ ו ר דיעזעס ענד-ציעל איז בכח געוועזען צו בעשאפפען אַ פ א ל ק ס-בעוועגונג ד.ה. ל ע ב ע ן אין פ אָ ל ק. נאך בעווייזע דארפען מיר ניט וויים געהען: לעזט דיא "בריעף" פון דר. כהן-בערנשטיין וועט איהר זעהען אַז אין דיא ערטער וואו מען גלויבט מעהר אין פאָליטישען ציוניזמוס—דארטען איז די קולטור-אַרבייט שטארקער און פערקעהרט: דארטען וואו מען גלויבט וועניגער אין דער גאַנצער זאַך, דארט ר י ה ר ט מען זיך איבערהויפט ניט, עס ווערט גיך אַללעס ט ו י ד. און דיעזע "בריעף" שטיצען זיך אויף פאַקטען.

מיר האָבען פריהער געזאָגט אַז דיא ב ע וו ע ג ו נ ג איז דער עיקר. מיר מיינען ניט אָבער אַז דאס אידעאַל, דאס ענד-ציעל, איז קיין עיקר! ניין! וויא געזאָגט: היינגט דיא בעוועגונג אב פונם ענד-ציעל, איז אַלזאָ קיין ענד-ציעל—איז אויך קיין בעוועגונג. ביי דער חבת-ציון בעוועגונג האָבען מיר דייטליך געזעהען אַז וויא-באַלד דאס ענד-ציעל איז נור פערשוואונדען—איז קיין פאלקס-בעוועגונג

מעגליך געוועזען. מען קאנן אַלזאָ זאָגען אַז דאס ענד-ציעל איז דער עיקר, נור עס איז ד ע ר פּ א ר דער עיקר ווייל עס ר וּ פֿ ט הערויס דיא ב ע ו ו ע ג וּ נ ג, ווייל עס בעשאַפֿט לעבען אין פֿאלק. נור דאַמיט מיר זאָללען קעננען שטרעבען צו ערדייכען אַ ענד-ציעל מוּסען מיר וויסען צי איז עס איבערהויפּט ערדייכבאר? צי קאנן פריהער אָדער שפּעטער דער ציוניזמוּס רעאַליזירט ד.ה. אויסגעפֿיהרט ווערען? קורץ: מיר ווילען בעטראכטען דיא פֿראגע: איז דער ציוניזמוּס מ ע ג ל י ך ?

דיא געגנער זאָגען אַז דער ציוניזמוּס (זיין ענד-ציעל) איז אַ א וּ ט אָ פּ י ע ד. ה. אַ א וּ נמעגליכע זאַך. דאס וואָרט "אוּטאָפּיע" דיענט תמיד אַלס אַ שלאַג-וואָרט מיט וועלכען קלייניגקע גייסטער בענוּצען זיך ווענן זיי זעהען אַז אימעצער אוּנטערנעהמט עפּעס גרויסעס. אַללעס וואָס מען קאנן ניט בעווייזען וויא 2 מאָל 2 איז 4, וואָס מען קאנן ניט אנטאַפּען מיט דיא פֿינגער רוּפֿען זיי אַן אוּטאָפּיע אוּן זיי מיינען אַז זיי האָבען דערמיט פֿיעל געזאָגט. דאס איז אָבער ניט אמת. דער ציוניזמוּס איז ק י י ן אוּטאָפּיע. לאמיר זעהען וויא אַזוי הערצל שטעלט זיך פֿאר דיא אויספֿיהרבאַרקייט פֿוּנם ציוניזמוּס: דיא טערקיי איז אָרים הן אן געלד הן אַן אייראפּעאישע מענשען ד. ה. אַזעלכע מענשען וועלכע זענען פֿעהיג דאס לאַנד "אייראפעאיש" מאכען ד. ה. דיא גרויסע אינדוּסטריע איינפֿיהרען (פֿאבריקען א.ד.ג.) האַנדעל, אייזענבאַהנען בויען א.ז.וו. מיר יודען וועלען איהר ערשטענס ג ע ל ד געבען ד. ה. בעצאהלען פֿאר פּאַלעסטינא אוּן מיר וועללען אויך בעלעבען דאס גאַנצע לאַנד. מיר וועללען אויפֿוועקען דיא פֿוילע אַראַבער פֿון זייער שלאָף, קורץ מיר וועללען דיא אייראפּעאישע קוּלטוּר איבערטראגען נאך אַזיען. אַנדערע אייראפּעער—חוּץ יודען—קאנן ערשטענס דיא טירקיי ניט דערלאזען ווייל זיא האָט מורא פֿאר זייער שטארקער מאכט אוּן אַזיי-טערדעס וועללען דא אין איירפּא איין מאַכט דער אַנדערער ניט דערלאזען פֿיר זיך פּאַלעסטינא צו בעקוממען. דענן אַ ל ל ע מעכטע האָבען אַ אויג אויף דיעזעס לאַנד וועלכעס וועט עפֿענען גוואַלטיג גרויסע מארקטען פֿיר דער איירפּעאישער פֿאבריקאַציאָן. דיא מעכטע אַלזאָ פֿון איירפּא קעננען גאר ניט האָבען געגען דעם אַז דיא יודען זאָללען זיך גרינדען דארט אַ "שטאאט". דער יודען-שטאאָט וועט קיינמאל ניט ווערען צו אַ גרויסער פּאָליטישער-

קראַפֿט למשל וויא רוססלאַנד, דייטשלאַנד א.ד.ג. עס וועט שפּיעלען אַ עהנליכע ראללע אין דער וועלט-פּאָליטיק וויא צב"ש דיא "שווייץ". און דיא רעגיערונגען האָבען אויך נאך אַ אינטערעסעאַן דעם אַז דיא יודען זאָללען זיך האָבען אַ אייגענע מדינה: זייא וועללען פּטור ווערען פֿון דעם אַנטי-סעמיטיזמוס וועלכער שאַדעט דיא היימישע פֿעלקער אויך פֿיעל, דענן דער אַנטי-סעמיטיזמוס איז אַ געפֿעהרליכע מכה פֿיר יעדען. ער פֿערפֿוליט דעם קערפּער און פֿערדארבט דעם גייסט פֿון דיא פֿעלקער וואו ער ענטוויקעלט זיך. דיא רעגיערונגען אַלזאָ מיט דיא פֿעלקער—דארף מען האָפֿפֿען—וועללען שטיצען דעם ציוניזמוס ער זאָלל אויסגעפֿיהרט ווערען. אויסער דעם וואָס זיי האָבען אַ אינטערעסע דאַראַן—וועט פֿון זיי אויך דאס גערעכטיגקייטס-געפֿיהל פֿארדערען זייא זאָללען מיט וואָס עס איז העלפֿען בעססער מאכען דאס וואָס זיי האָבען אין אונז אַזוי פֿיעל יאהרען שלעכט געמאכט.

דאס איז אין קורצען הערצעל'ס פּלאַנן. זאָגען אַז דאס איז אַ פֿאַנטאַזיע קאנן מען נים! מען קאנן ניט וויססען צי וועט עס אַזוי גלאַט געהען וויא הערצעל שטעלט זיך פֿאר. נור דאס וואָס ער שטעלט אונז דא פֿאר איז מעגליך וויל עס איז ניט אונ-נאַטירליך, דאס איז ניט שלא בדרך הטבע. און וואָס איז נאַטירליך איז שוין במילא מעגליך. אויסער דעם איז אַצונד דיא גאַנצע אַרבייט הערצעלס אנגעווענדעט צו בעקומען אַ "טשארטער". דעם "טשארטער" צו בעקוממען דאס איז גענויס פֿיעל, זעהר פֿיעל לייכטער אַלס דיא "עפֿענטליך-רעכטליכע גאַראַנטיען" אויף אַ יודענשטאאט. און בעקומען מיר נור דעם טשארטער זאָ האָבען מיר דערמיט אַ גרויס שטיק וועג צוריקגעלעגט, מיר זיינען דאַנן פֿיעל נעהענטער צום ענד ציעל, דאס ענד-ציעל געהט דאַנן איבער פֿון אַ מעגליכקייט אין אַ געוויסהייט.

מען הערט אָפֿט זאָגען אַז אַ "פֿאלק קאנן אַללעס". עס איז נעטהיג דאס טיעפֿער צו פֿערשטעהען. אַ פֿאָלק קאנן אַללעס ווענן עס וויל ווירקליך און ווענן נעבען דיעזען רצון איז פֿאראַן ענערגיע אַללעס אויסצופֿיהרען, דורכצוזעטצען. מיר האָבען אייגענטליך פֿון תמיד אן חשק צוריק בעקוממען פּאַלעסטינא. נור מיר האָבען אָבער ניט ענערגיש געאַרביים דיעזען חשק, דיעזען רצון אויסצו-

פיהרען. ווענן מיר טוהען איבערהויפט ניט קאנן מען ניט רעדען פון א פאלקס-רצון. דאס טוהן איז דער מאס-שטאב מיט וועלכען מען קאנן מעססען דעם רצון.

דאמיט מיר זאללען קעננען טוהן מוסען מיר פיעל גלויבען, יא זיין איבערצייגט אז מיר וועללען דאס עררייכען צו וואס מיר שטרעבען זיך. מען וועט אפשר זאגען אז דאס שמעקט מיט "אבער-גלויבען" א.ד.ג. נור דאס איז פאלש. ניט יעדעס גלויבען שמעקט מיט אבער-גלויבען. ווענן מיר גלויבען אין אונמעגליכע זאכען וויא למשל אז דער "רבי" פליעהט ביי נאכט אין היממעל, אדער אז ער וועט אונז משיח'ן אראב-ברייננגען און נאך אזעלכע נארישקייטען— דאס איז אבער-גלויבען, ווייל דאס זענען ניט-נאטירליכע זאכען. ווען מיר גלויבען אבער למשל אין פראגרעס פון דער מענשהייט, אן דעם אז דיא מענשען וועללען בעססער ווערען זא, גלויבענדיג אין דעם, זוענדען מיר אן אונזערע כחות דיעזען גלויבען צו פערווירקליכען. דאס איז אויך ביים ציוניזמוס. דער ציוניזמוס היינגט פיעל אב פון אונזער גלויבען אן איהם, פון אונזער געפיהל.. ווענן מיר פיהלען אז דער ציוניזמוס דארף אויסגעפיהרט ווערען זא איז ער שוין דער-מיט א שטיק אויסגעפיהרט. אונזערע אינטעליגענץ שטעהט פון דער ווייטען ווייל עס פעהלט איהר דאס געפיהל, דאס גלויבען אן אונזערע כחות. נור דאס וואס דיא אינטעליגענץ שטעהט פון דער ווייטען דארף אונז ניט אבשרעקען. פערקעהרט, מיר מוסען נאך מיט מעהר ענערגיע ארבייטען. וועללען מיר האבען חאטש עפעס אויסגעפיהרט וועט זיא צו אונז קוממען. דאס איז כלל קיין ספק! מיר זעהען שוין אצונד אז פיעל אינטעליגענטען וועלכע זענען צוריק מיט דריי יאהר געשטאנען פון דער ווייטען זענען שוין צוגעטרעטען. דאס זענען ווייטער-בליקענדע, זייא האט שוין דיא בעוועגונג אלליין בכח געהאט צו צו-ציהען. מיר זענען געווים אז דיא יודישע אינטעליגענץ וועט צוטרעטען פריהער אדער שפעטער צום ציוניזמוס, אדער זיא וועט זיך איבערהויפט אוועקגעהען פונם יודישען פאלק. דאס לעצטע איז אבער ווייניגער מעגליך, אדער טאקי אונמעגליך. דערווייל אבער דארפען מיר ניט נור גלויבען און זיין פערזיכערט אין אונזער זיעג, נור מיר דארפען דערווייל געשמאק ארבייטען. נור, אין וואס זאלל בעשטעהען אונזער ארבייט?

10.

וואס דארפען מיר טוהן?

אין דיעזען קאפיטעל וויא איבערהויפט אין גאנצען ביכעל ווידערהאלען מיר א סך זאכען וועלכע מען האט שוין פיעל מאל געזאגט. נור דאס אלעס זענען אזעלכע זאכען וועלכע מען מוס אזוי אפט אלס נור מעגליך ווידערהאלען. דאס אללעס דארף אונז ווערען איינגעוואקסען אין אונזער פלייש און בלוט. עס מוססען תמיד, וואו מיר גיהען, וואו מיר שטעהען,, דיא פארדערונגען פונם ציוניזמוס פאר אונזערע אויגען שטעהען. מיר מוססען—וויא נארדוי האט זיך אויסגעדריקט—”אפאסטעל“ פונם ציוניזמוס ווערען.

אונזער ארבייט קאנן מען אין דרייא אבטהיילונגען טהיילען: אין פאליטישע ארבייט, אין קולטור-ארבייט און אין ווירטשאפטליכע ארבייט. איין ארבייט הייננט אב פון דער אנדערער און ווירקט אויך אין דערזעלבער צייט אויף דער אנדערער.

וואס זאללען מיר פערשטעהען אונטער ”פאליטישע ארבייט“?

1) יעדער פון אונז דארף יעדעס יאהר וועניגסטענס איין שקל געבען און דארף זיך סטארען עטליכע שקלים צו זאממעלן. דאס שקלים-געלד ווערט פערוועגדעט פיר אגיטאציאן ד. ה. פיר דיא פערשפרייטונג, פיר דאס בעקאנט מאכען פונם ציוניסטישען-געדאנקען אין פאלק דורך בראשירען, צייטונגען, רעדנערס א.ד.ג. דאנן אויך פיר ריין ”פאליטישע“ צוועקע פון וועלכע מיר קעננען דא ניט רעדען אוים דעם גרונד ווייל מיר זענען ניט בעקאנט מיט זייא. דיא ציוניסטישע בעוועגונג וואקסט פון טאג צו טאג. דיא אויסגאבען (ראסחאדען) ווערען גרויס. דיעזע אויסגאבען מוססען געדעקט ווערען פון דיא שקלים. ווערט ווידער דיא צאהל פון דיא שקלים גרעססער—קאנן מען אויך גרעססערע אויסגאבען מאכען, דורך דעם וואקסט ווידער דיא בעוועגונג א.ז.וו. אויסער דעם דיענט דער שקל אלס א אויסערער צייכען אז מיר שליעסען זיך אן דעם פאליטישען ציוניזמוס. דורך דעם שקל געהען מיר הערייו אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציאן.

2) וואַהלען. עס בעדאַרף ביי אונז פֿעררעכענט זיין פֿיר אַ חוב-קדוש אַ טהייל צו נעהמען אין דיא קאָנגרעס-וואַהלען. דער שקל גיבט אונז דאס ר ע כ ט צו וועהלען יענעם און צו ווערען אַלליין גע-וועהלט אַלס אַ דעלעגאַט פֿיר דעם קאָנגרעס. מיר מוססען דיזעס ר ע כ ט אַלס אַ פֿפֿליכט בעטראַכטען. מיר טאָרען זיך בשום אופן ניט פֿערלאַסען אויף דיא "קאָמיטעטען" אַז זיי זאָללען אונז פֿער-זאָרגען מיט "פֿערטרעטער". מיר דאַרפֿען זעהען מעגליכסט צו שיקקען אַ דעלעגאַט פֿון א ו נ ז ע ר מ י ט ט ע, אַ מענשען וועלכען מ י ר קעננען און וועלכער קאַנן א ו נ ז, ניט איבערגעבען עטליכע מאַנדאַטען "געוויסע" "גרויסע" מעננער פֿון אַנדערע שטעדט אָדער גאַר פֿון אַנדערע לענדער. דאַמיט מיר זאָללען קעננען אויספֿיהרען צו שיקען איינעם פֿון אונז מוססען מיר אונבעדינגט בעשאַפֿען אַ פֿאָנד וועלכער זאָלל זיין בעשטימט ספעציעל פֿיר רייזע-שפעזען צום קאָנגרעס. דאַמאַלס וועללען מיר ניט זיין געבונדען אַן זאָלכע פער-זאָנען וועלכע קעננען פֿאַהרען אויף אייגענער רעכענונג. דיעזער פֿאָנד וואָלט געקענט לייכט יעדעס יאהר בעשאַפֿען ווערען—ווענן מיר אַללע זאָללען נור פֿערשטעהען דיא וויכטיגקייט פֿון איהם. נאַ-טירליך איז אויך ניט אויסגעשלאָסען אַז מיר זאָללען אַ גביר שיקקען וואָס וויל פֿאַהרען אויף אייגענע הוצאות אָדער איבערגעבען אַ פֿרעמדען אונזער מאַנדאַט—נור דאס אַללעס דאַרף זיין נאָכ'ן פֿרייען וויללען, ניט זיין געצוואונגען אַזוי צו טוהן. דיא וואַהלען דאַרפֿען איבערהויפט פֿערדיענען אונזער גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט. דאס איז אויך אַ מין פּאָליטישע שולע. מיר לערנען דאָ ז י ך ד. ה. אונזערע אַנזיכטען, מיינונגען איבער געוויסע פֿראַגען קעננען, מיר לערנען אויך ט י ע פֿ ע ר אונזערע אינטערעסען פֿערשטעהען. מיר לערנען זיך דאָ איבערהויפט נ א כ ד ע נ ק ע ן.—

3) דיא באַנק. מיר מוססען אונבעדינגט שטיצען וויא נור מעג-ליך דיא יודישע באַנק. דיא באַנק—דאס איז דאס וויכטיגסטע אינ-סטרומענט פֿון דיא ציוניסטען. עס איז כלל ניט נעטהיג איינצורע-דען דעם עולם—וויא אַ טהייל ציוניסטען טוהען—אַז דיא באַנק וועט אונז אויסלעזען פֿונם גלות. זאָלל זיא אויך פֿערמעגען טויזענ-דער מילליאָנען. וועט זיא אויך ניט זיין בכח אונז "אויסלייזען" פֿון גלות. איוסלייזען—וועט אונז איבערהויפט קיינער ניט—אויסער מיר אַלליין. עס איז אויך ניט נעטהיג צו שרייבען אַז אַ "אַקציע איז דער

ציוניזמוס" וויא "דיא וועלט" שרייבט. (נומ. 13, 1900, אין לייט-אַרטיקעל פֿון ר. א. ב.). נור מוססען מיר וויססען אַז דיא באַנק איז זעהר אַ וויכטיגע זאַך, און פֿיעל וויכטיגער אַלס מען שטעלט זיך געוועהנליך פֿאר. מען דענקט געוועהנליך אַז דיא באַנק זועט געשעפֿטען מאכען אין פּאַלעסטינא און אין סוריען, למשל אייזענבאַהנען בויען און אַנדערע אונטערנעהמונגען. מען דענקט אַז דיא באַנק וועט העלפֿען קאָלאָניזירען פּאַלעסטינא א.ז.וו. דאס אַללעס איז מעגליך און זעהר וויכטיג. נור ניט דאס איז דער עיקר. דיא גרעסטע וויכטיגקייט פֿון דער באַנק בעשטעהט דארין וואָס זיא שטעלט פֿאר אַ "יוריסטישע פערזאָנן' וועלכע קאנן פֿערטרעטען דאס גאַנצע פֿאלק. ווענן מיר ציוניסטען וויללען מיט דער טירקיי למשל פֿערהאנדלען איבער עפעס אַ ענין, זאָגען מיר וועגען "טשארטער" א.ד.ג. וויא אַזוי קעננען מיר דאס טוהן? מיר זאָגען אַז מיר זענען דיא פֿערטרעטער פֿונם יודישען פֿאָלק—נור ווער איז דאס אַ מחויב אונז צו גלויבען? און ווענן מען זאָלל אונז יא גלויבען—טאָ וויא איז דענן מעגליך אַ קאָנטראקט מאכען מיט צעהנער—אָדער הונדערט טויזענדער מענשען? אָט דא וועט אונז אַרויסהעלפֿען דיא "יודישע באַנק", זיא וועט זיין אַ פֿערמיטלערין צווישען אונז און דיא מיט וועלכע מיר וויללען פֿערהאנדלען. מיט דער "באַנק" קאנן מען פֿערקעהרען, געשעפֿטען מאכען וויא מיט איין פערזאָנן. דאס רופֿט מען "יוריסטישע" פערזאָנן. אָהן דיעזער "יוריסטישער פערזאָנן" קעננען מיר זיך בשום אופן ניט בעגעהען. נור, וויא געזאָגט, האָט דיא באַנק נאך אַנדערע וויכטיגע זאַכען פֿאר זיך און דערפֿאר איז נעטהיג אַז מיר זאָללען ניט נור האָבען אַ באַנק נור אויך אַ רייכע באַנק. ביז'ן .4 קאָנגרעס זענען נור איבער 317 טויזענד אַקציעס געצייכענט. בעשטימט איז דערווייל 2 מיליאן. מיר האָבען אַלזאָ נאך מעהר אַלס 2 דריטעל צו פֿערקויפֿען און מיר שלאָפֿען שוין! ביים אנהייב האָבען מיר זיך צוהיצט, פֿיעל גערעדט, געפֿלאַמט, אַצונד זענען מיר אַזוי גיך אבגעקיהלט! און דיא באַנק איז אַזוי וויכטיג פֿאר אונז אין פֿיעל ענינים אַז מיר האָבען קיין רעכט זיא אַ מינוט נור צו פֿערגעססען. אַללעס מוס אנגעוועגדעט ווערען אַללע אַקציעס צו פֿערקויפֿען.

4) פֿעראיינס-לעבען. יעדער פֿון אונז מוסס זיין אַ מיטגליעד פֿון אַ ציוניסטישען פֿעראיין. דיא פֿעראיינען זענען אַ שולע פֿיר ער-

וואַקסענע. אין דיעזער שולע לערנען מיר אונזערע געדאַנקען קלאר אַרויסגעבען, פאָרמולירען. מיר לערנען זיך צו הערען וואָס יענער זאָגט. מיר געוועהנען זיך אַכטען יענעמס געדאַנקען ווייל מיר פער-לאַנגען יענער זאָלל אונזערע געדאַנקען און מיינונגען אַכטען. מיר לערנען זיך ארדנונג פיהרען אין אַללע קהל-זאַכען ניט אַזוי וויא אין דיא אַלטע "חברות" וואו אַללעס האָט זיך געפיהרט וויא דער "תקיף" האָט געוואָללט. מיר מוזען אָפט בעזוכען דיא פעראיינס-פערזאַמלונגען. מיר דאַרפען דאס קאָמיטעט אַללע ½ אָדער אַללע גאַנצע יאהר נייע אויסקלייבען. דאס קאָמיטעט מוסס אונז תמיד חשבון אבגעבען פון זיינע מעשים. קיינער טאר ניט פאָרדערען אַז דער גאַנצער עולם זאָלל נור נאך איהם נאכגעהען נור דארף ער אַללעס ערקלעהרען און אויב ער האָט רעכט זאָ וועט ער געוויס האָ-בען דיא מעהרהייט. עס דארף אַלזאָ הערשען דאס מעהרהייטס-פרינציפ ד. ה. אחרי רבים להטות, נור דיעזער "רבים" דארף אָבער תמיד זוכען פערשטעהען דיא מינדערהייט, ער זאָלל צו אָפט זיא ניט צווינגען זיך אונטערגעבען ווייל דאמאלס וועט זיא אבפאַללען. דאס גערעכטיגקייטס-פרינציפ דארף הערשען. דאמאלס וועט דיא מינדערהייט זיך תמיד אונטערגעבען.

פעראיינען מוסען מיר האָבען פערשיעדענע. וואָס אַנבעלאַנגט דיא פרויען, מיינען מיר אַז עס איז בעססער זייא זאָללען אנגעהערען דיא זעלבע פעראיינען וויא דיא הערען, נור עס שאַדעט אויך ניט ווען עס גרינדעט זיך בעזונדערע "פרויען-פעראיינע". דאס הייסט אב פונם אָרט. פערשיעדענע פעראיינען מוססען מיר אָבער האָבען אין אַ אַנדער הינזיכט. מיר האָבען שוין ניט איין מאָל געזאָגט אַז דאס וואָרט "אחדות" האָט קיין שום ווערטה. אין יודישען פאָלק, וויא ביי אַנדערע פעלקער זעגען פאַראַנען פערשיעדענע קלאַססען, עס איז אַלזאָ נעטהיג אַז אין פעראיינען זאָללען זיך געפינען יודען פון אַיין קאַסס וויא צב"ש אַרבייטער, בעלי-מלאכות א.ד.ג. אין דיא קלענערע שטערטליך קעננען זיך פערשיעדענע בעלי-מלאכות פעראייניגען אין איין פעראיין. אין גרעסערע שטעדט קעננען זיך שוסטער בעזונדער, שניידער בעזונדער א.ד.ג. פעראייניגען. דיא מענשען פון איין קלאַסס, פון איין פ א ך וועללען זיך פעסטער האל-טען אינאיינעם. זייא פ ע ר ש ט ע ה ע ן מעהר איינס דעם אַנדע-רען.

דאַנן מוּססען זיך אויך נאכ'ן אינהאלט נאך פֿערשיעדענע פֿעראײנען גרינדען. עס דאַרפֿען זײן וויססענשאַפֿטליכע פֿעראײנען וועלכע האָבען דעם צוועק זיך בעקאַנט מאכען מיט דער העברעאישער און יוּדישער ליטעראַטוּר, מיט דער יוּדישער היסטאָריע, מיט אַללגעמײנע קוּלטוּר-אינטערעסען א.ד.ג. דאַנן דארף עס געבען גימנאַסטיג-פֿעראײנען (טורן-פֿעראײנען) כדי זיך אַ ביסעל די פלײצעס אויסגלײכען, דעם קערפּער שטארקען, דאַנן מוּזיק-פֿעראײנען א. ז. וו. א.ז.וו. עס איז שוין צײט אַז דער יוּד זאָלל אַראבוואַרפֿען פֿוּן זיך דאס אויביג-פֿערחמורעטע פנים, אויסגלײכען די קנײטשען פֿוּן שטערן, אויסגלײכען די אײנגעבויגענע פלײצעס און קוּקען מיט פֿרײליכערע אויגען אין די צוּקוּנפֿט. אויפֿלעבען אין אַללע אופנים מוּססען מיר! אויב מיר ווילען האָבען אַ בעסערע צוּקוּפֿנט דאַרפֿען מיר זיך די געגענוואַרט מעגליכסט אויסבעסערען. אַ בעסערע צוּקוּנפֿט וועללען מיר געווים האָבען—ווענן מיר וועללען זי אַלײן בעשאַפֿען.—

5) אָרגאַניזאַציאָן. עס גענוּגט אָבער ניט אַז מיר זאָללען נוּר זײן אין קלײנע פֿעראײנען פֿעראײניגט, ווי יעדער פֿעראײן זאָלל זיך ניט אנקעהרען מיט'ן אַנדערן. זענען אין אַ שטאדט עטליכע פֿעראײנען—דאַרפֿען זײ אויסקלײבען אַ קאָמיטעט פֿוּן אַללע פֿעראײנען וועלכער האָט צוּ פֿיהרען אַללעס נאך אײן סדר. די פֿעראײנען פֿוּן אײן געגענד דאַרפֿען זיך ווידער פֿעראײניגען אין אײן צענטער. אַללע צענטערס פֿוּן אײן לאַנד אין אײן הויפּט-צענטער, דאַנן די אַללע הויפּט-צענטערס אוּנטער דעם וויענער אַקציאָנס-קאָמיטעט. אַזוי זעהט אויך אוים אַצוּנד אוּנזער אָרגאַניזאַציאָן. נוּר דאַרפֿען מיר זעהען אַז עס זאָל ניט נוּר אויסזעהען נוּר עס זאָלל ווירקליך אַזוי זײן. דאמאלס וועט אוּנז דיעזע "אָרגאַניזאַציאָן" פֿיעל מעהר שטארקײט געבען אַלס פֿיעל מאל מעהר פֿעראײנען וועלכע זענען ניט פֿעראײניגט, אָרגאַניש פֿערבוּנדען. יעדער פֿעראײן קאַנן זיך זײנע אַנגעלעגענהײטען פֿרײ ענטוויקעלן, קײנעם ניט פֿרעגענדיג נור וואָס אַנבעלאַנגט כלל-זאַכען מוּססען זײ דאס טוּהן וואָס די לײטוּנג פֿוּן דער אָרגאַניזאַציאָן וועט אנווײזען. מיר מוּססען זײן דיסציפּלינירט ווי סאָלדאַטען אין אַ מלחמה נוּר ניט ווי סאָלדאַטען וועלכע מען צווינגט צוּ געהען אין דער מלחמה, נוּר ווי אַזעלכע וועלכע געהען פֿרײווילליג, וועלכע בעטען מען

זאָלל זייא צונעהמען. אַז מיר אַללע ציוניסטען וועללען אַזוי אויס-זעהען זאָ איז גאר ניט צו בעשרייבען וואָס פאר אַ מין קראַפט מיר וועללען דאַרשטעללען! מען זאָגט "איינינונג איז מאכט", דיעזע מאַכט הייננט אב אַלזאָ פון אונז אַליין, פון אונזער רצון, אמת'ן רצון דיענען דעם פאָלק ד. ה. דיענען טאַקי זיך אַלליין.

דאס פעראיינס-לעבען אין זיינע פערשיעדענע אופנים און דיא אָרגאַניזאַציאָן וועללען אונז גאר אַ אַנדער מין זינן פיר דאס לע-בען געבען. מיר וועללען גאר אויפ'ם נייא פריי אויפאַטהמען, מיר וועללען זיך פיהלען שטארקער און דורך דיעזעם געפיהל וועללען מיר וויססען אַז מיר הייבען אן צו לעבען. . . אַ לעבען פון פער-שטאַנד און בעוואוסט-זיין, אַ לעבען פון זעלבסט-שעצונג.

מיר רופען דאס אַללעס "פאָליטישע אַרבייט" ווייל דאס אַל-לעס: דיא שקלים, דיא באַנק, דאס פעראיינס-לעבען, דיא אָרגאַני-זאַציאָן, דאס פערשטענדניס ביי דיא "וואַהלען" צום קאָנגרעס—אַ חוץ וואָס עס וועט אונז, וויא געזאָגט, נייעס לעבען איינהויכען אין אונזערע פעדעראַרטע ביינער וועט עס געבען דיא מעגליכקייט הער-צעל'ן און אַנדערע פיהרער—"פאָליטישעס" צו עררייכען. אונזערע פיהרער וועללען מיט רעכט און מיט בעוואוסט-זיין קעננען רעדען אין נאָממען פון גוט-אָרגאַניזירטען טהייל פונם יודישען פאָלק וועלכער וועט מיט דער צייט אַלץ מעהר און מעהר יודען הערא-ציעהען. דיא פיהרער וועללען קעננען מיט רוהיגען געוויססען עפעס פערשפרעכען—געשטיצט אויף דעם אַז מיר זענען בכח דאס פער-שפראכענע צו ערפיללען.

מיר קעננען זיכער זאָגען אַז פונקט אַזוי וויא דיא פיעל מיל-ליאנען פון דיא באַראָנען הירש און ראטהשילד האָבען אונז ניט גע-קענט העלפען ווייל מיר אַללע זענען פון דער וויטען געשטאַנען, אַזוי וועט אונז הערצעל, ער מעג זיין דער גרעסטער דיפלאָמאַט פון דער גאַנצער וועלט, מיט זיין דיפלאָמאַטיע ניט העלפען ווענן מיר אַללע וועללען שטעהען פון דער וויטען. הערצעל'ס כח שטיצט זיך אויף אונזער כח. אין אונז ליעגט אונזער הילף. מען קאנן ניט זאָגען: הערצעל איז אַ זעהר, זעהר וויכטיגע פער-זאָן נור ווענן מיר זאָללען פערליערען הערצעל'ן (אַ מענש לעבט

דאָך ניט אויביג) זאָ בלייבט אונזער קראַפֿט דאָך אַ קראַפֿט. מיר אָהן הערצעל'ן בלייבען—מיר. הערצעל אָהן אונז—איז גאר ניט. הערצעל פֿערשטעהט דאס גאַנץ גוט (נור וואָס אַ מאָל מאכט ער זיך פֿערגעססענדיג) און דערפֿאר האָט ער דיא קאנגרעסען בע־שאַפֿפֿען וועלכע דארפֿען דאס גאַנצע פֿאָלק אָרגאַניזירען; דיא אָר־גאַניזאַציאָן וועט זיין דער מאַס־שטאב פֿון אונזערע כחות. דיא אָר־גאַניזאַציאָן וועט בעווייזען וויא מען קאנן זאָגען מיט רעכט: אַז מיר קעננען זיך אַלליין העלפֿען. אונזער הילף ליגט אין אונז.

נור אויסער דער "פאָליטישער אַרבייט" האָבען מיר נאך אַנ־דערע ניט ווענינער וויכטיגע אַרבייטען. מיר געהען איבער צו דער קולטור־אַרבייט. דער לעזער זאָלל ניט מיינען אַז מיר בעטראכ־טען דיא קולטור־אַרבייט נאָך דער פּאָליטישער אַרבייט און דאַנן ערשט שפעטער דיאווירטהשאַפֿטליכע אַרבייט, דערפֿאר ווייל מיר רעכענען דיא פּאָליטישע אַרבייט פֿאר דיא וויכטיגסטע. ניין! זייא זענען אַללע גלייך וויכטיג. איין אַרבייט איז איבערהויפט ניט מעגליך אָהן דער אַנדערער. וויא געזאָגט: איינע ווירקט אויף דער אַנדערער און דיא אַנדערע ווירקט צוריק אויף דער ערשטער א.ז.וו. מען דארף אַלזאָ שוין ניט זאָגען אַז איינע שליעסט ניט אויס דיא אַנדערע. פֿערקעהרט! איינס שטיצט דאס אַנדערע און ווערט צוריק געשטיצט.

אין וואָס־זשע זאָלל בעשטעהען אונזער קולטור־אַרבייט?

דער לעזער ווייס שוין אַז מיר זענען געגען דער "קאָנגרעס־קולטור" ד. ה. מיר מיינען אַז דער קאָנגרעס האָט זיך זיין אויפֿגאַבע, נעמליך: אונז אבגעבען אַ רעכענונג פֿון דער אַרבייט פֿון אַללע ציוניסטען און אַקציאָנס־קאָמיטעט אין פֿערגאַנגענעם יאהר, אויפֿמערקזאָם מאכען אויף דיא פֿעהלער וועלכע מען איז בעגאַנגען, אנווייזען וויא אַזוי דיעזע פֿעהלער אויסצובעסערען, אַנצייכענען אַ פּלאַנן פֿיר דאס קומענדע יאהר. וועגן נעטהיג דיא אָרגאַניזאַציאָן אויסבעססערן, דאס "פּראָגראַם" רעווידירען, אַללע נייע פֿראגען בעשפּרעכען וועלכע ווערען געבוירען איז משך פֿון קאָנגערס־יאהר און וועלכע האָבען אַ שייכות צום גאַנצען פֿאָלק (וויא למשל אַצונד

דיא ציפערן-פראגע) און רעגולירען דיא אַלטע אַרבייטען וויא למשל דיא באַנק, בעשאַפען, ווענן נעטהיג, נייע אינסטיטוטען, א.ד.ג. א. ד. ג. מיר קעננען דא בשום אופן ניט אויסרעכענען אויספיהרליך מיט וואָס דער קאָנגרעס האָט זיך צו בעשעפטיגען. דאס הייננט אב פון גאַנג פון דער בעוועגונג. נור פונם אויסגערעכענטען קאנן מען שוין פערשטעהען דיא מ י נ י ם אַרבייטען וועלכע געהערען דעם קאָנגרעס. מיר קעננען דאס בעצייכענען מיט "פאָליטישע אַרבייט". נאַטירליך, מוססען מיר דאס וואָרט "פאָליטיש" ניט ע נ ג פער-שטעהען. דיא קאָלאָניזאַציאנס פראגע למשל איז אויף דעם ערשטען בליק קיינע פאָליטישע אַרבייט און דאָך ווענן מיר בעטראַכטען דעם ענין נעהענטער מוסען מיר זאָגען אַז פון דער קאָלאָניזאַציאָן אין פאַלעסטינא היינגט אב דיא גאַנצע פאָליטישע אַרבייט א.ז.וו. א.ז.וו.

קורץ: מיר זאָגען אַז דיא "קולטור" געהערט נ י ט דעם קאָנ-גרעס. דיעזע אַרבייט מוסס מען אונז אַללע אַליין איבערלאַסען. יע-דער איינצעלנער ציוניסט, יעדער פעראיין האָט זיך אין ז י י ן שטאדט דיא קולטור-אַרבייט צו פעראָרגען.

מען ווערט אפשר איינווענדען אַז אויך דא, אין דיעזען ענין, איז פיעל בעסער מען זאָלל אַרבייטען נאַך אַ געוויסען פלאַנן א.ז.וו. מיר זענען געווים ניט געגען דעם אַז דיא "קולטור-פעראיינען" אָדער "טהעאָרעטישע פעראיינען" זאָללען זיך פעראייניגען. פערקעהרט: דיעזע פעראייניגונג וועט דער זאַך געווים נוצען בריינגען. נור, דארף מען פון זייא ניט זעהר פיעל ערווארטען און, אויסער דעם, האָבען אויך דיעזע פעראיינען מיט'ן קאָנגרעס ניט וואָס צו טוהן. מיר האָ-בען שוין געזעהען אַז אויף דעם קאָנגרעס וואו עס זענען געוועזען פראָפעססאָרען, דאָקטאָרען, יוריסטען א.ז.וו. סטודענטען, אינטעלי-גענטען, יודישע און העברעאישע מ ח ב ר י ם (וועלכע שרייבען אָפט איבער יודישער און אַלגעמיינער קולטור) א.ד.ג. און דאָך האָט מען ניט געקענט קלאר ווערען איבער דער פראַגע "וואָס הייסט קולטור?" און נאַך וועניגער "וואָס הייסט י ו ד י ש ע קולטור?" און דאס איז כלל קיין וואונדער. דענן דיא קולטור פון אחד-העם צ"ב (ד. ה. וויא אַזוי אחד-העם פערשטעהט: דיא קולטור) איז ניט נאַרדוי'ס קולטור; סאקאלאָוו'ס קולטור איז ניט גאַסטער'ס קולטור, זייערע ביידענס קולטור—ניט דעם רב'ס ריינס'עס קולטור א.ז.וו.

א.ז.וו. און דאס רעזולטאט איז אז יעדער גלויבט אז ער פערשטעהט אם ריכטיגסטען און פערלאנגט אז אללע זאללען אויך אזוי פערשטעהען!

אין דיעזען ענין וועט קיינמאל אחדות הערשען און עס איז אויך ניט נעטהיג. אין טשארטקאוו למשל דארף מען פיהרען א מלחמה מיט'ן דארטיגען "צדיק" און איהם בעווייזען מיט א פסוק פון דער תורה אז א "מלאכה" צו לערנען איז קיין עברה—פערקעהרט אפשר א מצוה, און אז ער האט אלזא קיין רעכט צו שטערען דער באראן-הירש-שטנפטונג דארט א געווערבע-שולע צו עפענען (א פאקט.). אין א אנדער שטאדט איז דאס זעלבסטפערשטענדליך, איז דא אנדערע ארבייטען. הכל לפי המקום. פון דיא ארטס-פערהעלטניססע הייגנט אללעס אב.

מיר יודען זענען צווארפען אויף דער גאנצער וועלט. מיר וואהנען אי אין פינסטערע ווינקלעך אי אין ליכטיגע. דאס וואס איז גוט פאר איין ארט—פאסט ניט פאר'ן צווייטען. וויא אזוי איז דא מעגליך א איינהייטליכע ארבייט? אין מזרח-זייט למשל, אין אונזערע חדרים און ישיבות מוסען מיר דעם יודישען לימוד נור אויסבעססערן און דיא אללגעמיינע קולטור הערייןברייגגען און אין מערב-זייט (פון אייראפא) דארף מען איבערהויפט דיא יודישע וויססענשאפטען העריינבריינגען. איך מיין דא ניט דיא טוידע חכמת-ישראל פון דיא ביבליאטהעקען נור איבערהויפט א יודיש ווארט, דעם העברעאישען אונטעררינכט א.ד.ג.

נור עס איז שוין צייט מיר זאללען בעטראכטען וואס מיר דארפען טוהן אין דעם ענין.

1) שול-וועזען. אין יעדען ארט וואו עס איז נור פאראנען א ציוניסטישע גרופפע דארף איהר ערשטע ארבייט זיין דאס פערבעססערן, אדער ווענן נעטהיג, גענצליך איבעראנדערשען דאס חדר. עס איז ניט נעטהיג דא אנצווייזען דיא וויכטיגקייט פון דער ערציעהונג בכלל און פיר אונז יודען בפרט. עס איז אויך ניט נעטהיג אויסצורעכענען דיא אללע חסרונות פון אונזערע חדרים. מען האט שוין איבער דעם גענוג געשריעבען און עס איז אלזא יעדען בעקאנט. דיא ציוניסטען וועלכע נעהמען זיך אונטער אזא גוואלטיגע ארבייט וויא דאס אויפלעבען פונם יודישען פאלק, איהם צוריקגעבען זיין זעלבסשטענדיגקייט—דיעזע דארפען זיך ניט בעגניגען מיט'ן אנווייזען אויף דיא חסרונות פונם חדר—נור דארפען זיי שיי:

אנהייבען דיעזע חסרונות אויסבעססערן. דאס איז זעהר א שווערע
נור אבער א וויכטיגע ארבייט. זאללען נור דיא שקלים-און-אקציעס-
ציוניסטען ד. ה. דיא ציוניסטען וועלכע זעהען אין שקל און אין דע־
אקציע דעם צ י ו נ י ז מ ו ס, וועלכע פערוועגדען אלזא זייערע כחות
וואס מעהר שקלים צו זאממעלן, וואס מעהר אקציעס צו פערקוי-
פען—זאללען דיעזע נור ניט פערגעססען אז א געזונד-גוט מוסטער-
חדר אדער ש ו ל ע וועט זייא פיעל מעהר שקלים-צאהלער דעשא-
פען אלס טויזענד מאל איינרעדען פוסטע פאנטאזיעס. זייא מיסבען
נור א ביסעל ו ו י י ט ע ר קוקען. זייא וועללען דאנן זעהען אז עס
איז אין אינטערעססע פונם "שקלים-און-אקציע-ציוניזמוס" זיך מעהר
אבגעבען מיט דער ערציעהונג פון אונזערע קינדער. וואללטען מיר
אצונד שוין געהאט מעהר אקטיווע ציוניסטען וואללט דיא צאהל פון
די שקלים אצונד שוין פיעל, פיעל גרעסער געוועזען. א גוטע יודיש-
נאציאנאלע ערציעהונג וועט אונז בעשאפפען אקטיווע ציוניסטען,
אויסער דעם וואס דאס פאלק זעהענדיג אז מיר ט ו ה ע ן עפעס וועט
שוין במילא דיא שקלים מיט מ ע ה ר חשק געבען. און, טארען מיר
דאך ניט פערגעססען, אז דער ציוניזמוס איז א ארבייט לדורות.
וועגן—וויא מיר האפפען—עס וועט אונז שוין געליגגען צו בעקומ-
מען דעם "טשארטער" און דיא עמיגראציאן נאך פאלעסטינא וועט
זיך אנהייבען—וועט דאך פיעל צייט אוועקגעהען ביז מיר וועללען
האבען דאס רוב יודען אין פאלעסטינא. דערוויל וואקסט אונטער
דאס נייע דור וועלכעס מיר מוסען פארבערייטען פיר דאס "נ י י ע-
י ש ר א ל" אדער "י ו נ ג ע-י ש ר א ל". פרישע, געזונדטע יונגע
כחות וועללען אונז צו יעדער צייט נור נ ו צ ע ן בריינגען.

און נאך עפעס: וויא מיר ווייסען שוין זענען ביי אונז פאראנען
"נאציאנאליסטען" וועלכע זעננען, אדער ג ע ג ע ן ציוניזמוס,
אדער זייא גלויבען ניט אין דער אויספיהרבארקייט פונם ציוניזמוס,
נור וועלכע וויללען גיזרען ארבייטען לטובת דעם פאלק. איבער-
הויפט אצונד, דורך דעם ציוניזמוס, האבען זיך דיעזע עלעמענטע
פערמעהרט. דיעזע אללע וועללען געוויס זיך פעראייניגען מיט דיא
ציוניסטען אין דער קולטור-ארבייט. דיא ציוניסטען וועללען צוזאמ-
מען מיט דיא יודישע נאציאנאליסטען ארבייטען אלס "קולטור-
טרעגער". דורך דעם ווערען אונזערע כחות פערמעהרט און
שטארק. אט אזוי זעהען מיר וויא דיא קולטור-ארבייט וועט פער-

איינציגען פערשיעדענע כחות ועלכע וועללען אין איין ריכטונג ווירקען.

וויא אַזוי צו גרינדען שולען, וויא וויים מען זאָל אויסבעססערן דיא אַלטע חדרים? א.ז.וו. מיט דיעזע ספעציאַל-פראַגען קעננען מיר זיך דא נים בעשעפטיגען. דאם געהערט פאַך-מעננער. מיר וויללען נור דאס פרינציפּ פעסטשטעללען אַז דיא ציוניסטען, וואו זייא זענען נור, דאַרפען זיך תיכף נעהמען צו דער ערציעהונג. דיא פערהעלט-ניסע פון יעדען אָרט וועללען שוין דעם ריכטיגען וועג בעשטיממען.

2) ביבליאָטהעק-לעזע-האַללען. נים נור אונזערע קינדער דאַר-פען מיר ערציעהען נור מיר דאַרפען אויך אונז אַלליין ערציעהען. דיא ערציעהונג ווים איבערהויפּט פון קיין ענדע. דער געלעהר-טעסטער פראָפעססאר האָט נאך תמיד וויימער צו שטודירען, וואָר שמיעסט שוין פון אונז?. . . דיא בעסטע ערציעהונגס-אַנשטאַלטען פיר ערוואַקסענע זענען דיא ביבליאָטהעקען און לעזע-האַללען. אין דיא לעזע-האַללען בעקוממען מיר יודישע און נים-יודישע צייטונגען און זשורנאַלען. דורך זיי בעקעננען מיר זיך נעהענטער מיט דער יודישער און נים-יודישער וועלט. מיט אַללע צייט-פראַגען וועלכע אינטערעסירען דיא וועלט. מיר יודען זענען נים נור יודען נור אויך מענשען. אַלס מענשען זענען מיר—וויא אַנדערע—מיטגליעדער פון דעם וואָס רופט זיך ״מענשהייט״. מיר, בילדענד איין משפּחה, וואָס מען רופט יודישע נאַציאָן, זענען איין רינג פון דער גרויסער קייט וועלכע רופט זיך ״וועלט״. אַללעס אַלזאָ מוס אונז פּעראינטע-רעסירען. דיא ביבליאָטהעקען דאַרפען שוין ענטהאַלטען ביכער, יודישע און אַללגעמיין-מענשליכע. דיא צייטונגען און צייט-שריפטען בעקאַנען אונז נאר מיט דער איצטיגער וועלט—דיא בי-כער גיבען אונז איבער דעם עבר און דיא אַללע וויססענשאַפטען וועלכע דיא מענשען בכלל האָבען עררייכט ביז אויף היינטיגען טאָג. דאָס וויססען וועט אונז מאכען פאַר פאָלקאָממענע מענשען— דאַנן וועללען מיר שוין במילא זיין אויך גוטע יודען (נים צו פער-ביימען מיט יענע ״גוטע יודען״). און אַ אמת׳ר גוטער יוד איז שוין במילא אַ ציוניסט.

3) שבת-און-אבענד-שולען. אויסער דיא ביבליאָטהעק-לעזע-האַללען דאַפען מיר פיר ערוואַקסענע גרינדען שבת- און- אבענד-שולען. דיעזע שולען זענען פאַר אַזעלכע וועלכע אַרבייטען אַ גאַנ-צען טאָג, און וואָס האָבען חשק אויף דער נאכט נאך דער אַרבייט

אָדער שבת עפּעס צו לערנען. דיעזע שולען קאנן מען בעזונדער
עפענען אָדער דאס קענגען דיא, פעראיינען אין זייער לאָקאַל איינ-
עפענען אָדער דאס קענגען דיא. פעראיינען אין זייער לאָקאַל איינ-
פיהרען. אין אַ טהייל פעראיינען איז שוין איינגעפיהרט וויסענ-
שאַפטליכע רעפעראטע (דאקלאַדען) צו לעזען, יודישע היסטאריא
פארצולעזען א.ז.וו. מען דארף נור זעהען אַז דיעזער "מנהג" זאָלל
ווערען אַ "דין". אַז מען דארף פיר דיא פרויען און מעדכען אויך
דיעזעלבע ערציעהונגס-אַנשטאלטען איינריכטען—איז זעלבסטפער-
שטענדליך. דאס "יונגע-ישראל" דארף איבערהויפּט קיין אונטער-
שיעד מאכען פון שוואַכערע און שטארקערע. דאס *פערפוילטע*
אַלטע דארף דא קיין פלאַטץ האָבען.

אויך איז זעלבספערשטענדליך אַז געווערבע-שולען (רעמעס-
לעני שולען) מוססען מיר זעהען עפענען וואָס מעהר, וויא אויך דאס
געזעלליגע לעבען פערדערן ד. ה. זעהען אויסנוצען יעדען נאַציאָ-
נאַל-טאָג, זיך צונויפקוממען און *ערקלערען* דיא בעדייטונג פון
דיעזען טאָג א.ד.ג. א.ד.ג.

אַ אפאר ווערטער איבער דער "ווירטהשאַפטליכער אַרבייט".

מיר יודען ווייסען שוין פון לאַנג אַז "אם אין קמח אין תורה",
אַז מען איז הונגעריג ווייס מען ניט וואו מען איז אין דער וועלט.
וויא גרויס אונזער אידעאַל זאָלל ניט זיין ווע לכעס מיר ווילען ער-
רייכען—דארפען מיר ניט פערגעססען אין אונזער איצטיגער לאַגע.
צעהנ-טויזענדער, הונדערט-טויזענדער יודען מוטשען זיך יאהרען
לאַנג און שטארבען אויך פאר דער צייט פאר הונגער און דחקות.
אָדער גאר *וויל* מיר האָבען אַ גרויסעס אידעאַל פאר זיך דארפען
מיר זיך אבגעבען מיט דער פערבעססערונג פון דער לאַגע שוין דא
אין גלות. צו קענגען זיין אַ אידעאַליסט ד. ה. פעהיג צו זיין ניט
נור *זיך* אין זיננען האָבען נור אויך דעם *כלל*, פעהיג צו זיין עפּעס
צו *טוהן* פאר'ן כלל איז קודם כל נעטהיג אַלליין ניט צו הונגערען.
"אם אין קמח"—איז קיין ברויט ניטא "אין תורה" איז קיין אידעאַל
מעהר פאראנען. אויסער דעם איז אויך דער הונגעריגער ניט פעהיג
צו פערשטעהען *זיין* לאַגע אַלליין, שוין ניט גערעדט פון כלל-
זאַכען. נעהמט פרופען טענה'ן מיט'ן *קבצן* טאָג און נאַכט איבער
דעם וויא דער ציוניזמוס איז ניט נור אַ *ישועה* פאר'ן פאלק נור
פאר איהם אַלליין אויך—ער וועט אייך ניט פערשטעהען. ער וועט
אייך גאר ניט הערען אפילו. דיא דאגת-פרנסה שלינגט איהם איין

אין גאַנצען, נעמט זיין גאַנצע צייט אַוועק, דערלאזט איהם ניט אויפֿ-
מערקזאַם אַרומקוקען זיך וואו ער איז אין דער וועלט. אַ אַנדערער
וואָס פֿערשטעהט שוין יא דעם ציוניזמוס, ער ו ו י ל ל מיטהעלפֿען—
ק א נ ן ע ר נ י ט.

איבערהויפט פֿעהיג זיין עפּעס העכערעס, אידעאַלעס צו לייס-
טען—קאנן נור זיין דער וועלכער איז מעהר אָדער וועניגער מאַ-
טעריעל פֿערזארגט. און דאס רוב יודען זענען אַזוי שרעקליך ארים
אַז זיי זענען קערפּערליך און גייסטיג ניעדער געשלאָגען, זעננען ניט
צום בעגייסטערען פֿיר עפּעס וואָס עס איז פֿאר אַ גרויסער זאַך. און
ווענן מיר פֿאָרדערען פֿון זיי שולען, ביבליאָטהעקען א.ד.ג. צו גרינ-
דען מוססען מיר קודם כל זיך זארגען דיא מעגליכקייט זייא צו פֿער-
שאַפֿען זייא זאָללען אונז קעננען פֿערשטעהען, און קעננען עפּעס
טוהן. מיר מוססען אַלזאָ זיך נאהענט בעקאַנט מאכען מיט דער
עקאָנאָמישער, ווירטהשאַפֿטליכער לאַגע פֿון אונזער פֿאָלק און זע-
הען דיזע ביטערע לאַגע אויסצובעסערן. מיר מיינען דא ניט וואהל-
טהעטיגע זאַכען. חאָטיא (צוואַר) דארפֿען זיך דיא ציוניסטען אויך
פֿון דיזען ענין ניט אבזאָגען. דיא פֿילאַנטראָפּיע קאנן אַ גאַנץ
פֿאלק ניט העלפֿען, אָבער אין פֿיעל ערטער און פֿיעל זאַכען איז זיא
נאטהווענדיג. מיר דארפֿען אַלזאָ אַללע שטאדט-חברות זעהען אין
אונזערע הענד בעקוממען. מיר דארפֿען דארט אַ סדר מאכען. אי-
בערהויפּט אַללעס וואָס האָט אַ שייכות מיט דיא יודען—דארטען
דארפֿען מיר זיך העריינמישען. דיא גענז, דיא שטאדטישע בעלי-
טובות, דיא פּני-העיר, וועללען געוויס ניט זיין צופֿריעדען—נור דאס
געהט אונז נאַטירליך ניט אן. אין דיא צדקה-חברות מוס אויך אַ
ארדנונג הערשען אַזוי אַז דער ווירקליכער אָרימאַן זאָלל שטיצע
בעקוממען און ניט דער ש נ אָ ר ע ר וועלכער בעטראכטעט דאס
קבצנות-שאַפֿט אַלס אַ גוטען עסק!

נור דער עיקר איז: דיא אָרימקייט אַלליין אויסרייסען פֿון
גרונד אויס. און דאס איז נור מעגליך ווענן מיר וועללען בילדען פֿער-
שיעדענע חברות, "אַרטעלען" אָדער געווערקשאַפֿטען וועלכע זע-
נען געשטיצט אויף זעלבסט-הילפֿע. ביי איינצעלנע מענשען, בייא
גרופּפּען, בייא גאַנצע פֿעלקער איז דאס בעסטע מיטטעל וועלכעס
רופֿט זיך "זעלבסטהילפֿע". איינער העלפֿעט דעם צווייטען ו ו י י ל
דער צווייטער העלפֿט דעם ערשטען אַזוי אַז עס קומט אויס: יע-
דער העלפֿט זיך אַלליין.

וועגען פרינציפּ פֿון ״זעלבסטהילפֿע״ איז דא פֿיעל, זעהר פֿיעל צו רעדען. אוים דיעזען גרונד און אוים אַנדערע אורזאַכען וועלכע העננגען ניט פֿון אונזער רצון אב קעננען מיר דא ניט מעהר דערפֿון רעדען. מיר ווילען נור זאָגען אַז דאס פרינציפּ זאָל פֿעסטגעשטעלט ווערען, זאָלל ווערען אַ ״עיקר״ בייא דיא ציוניסטען, זייא זאָללען זיך בעשעפֿטיגען מיט דער איצטיגער לאַגע פֿון אונזערע ברידער שוין דא אין גלות. האפֿענדיג אויף אַ בעססערע צוקונפֿט אין אַללע הינזיכטען—טארען מיר ניט פֿערגעססען דיא געגנוואַרט פֿון וועלכען אייגענטליך דיא צוקונפֿט היינגט אב.

דאס לעבען וועט אונז שוין אנווייזען וואָס מיר האָבען צו טוהן. דער עיקר: עס זאָלל לעבען הערשען. מיר זענען שוין אַזוי פֿיעל יאהרען געשלאָפֿען, טאַקי געחראפּעט, אַז עס איז שוין ווירקליך צייט דיא אויגען עפֿענען, אָבער טאַקי גאַנץ עפֿענען, קוקען גלייך אין דער וועלט הערייִן, ניט גענעצען מעהר. . . אַצונד הייסט עס: יעדער צו זיין אַרבייט! און דיא אַרבייט וועט געוויס ניט זיין אומזיסט. נור דארף זיך דער לעזער ניט ערשרעקען פֿאר אונזער גרויסען צעטעל ״וואָס מיר דארפֿען טוהן?״ זאָלל זיך נור יעדער אין זיין פֿאַך טוהן דאס וואָס איז פֿאר איהם גרינגער און אַנגענעהמער. דיא קלענסטע אַרבייט דארף ניט פֿערנאַכלעססיגט ווערען. זאָלל איינער שקלים זאַממלען, דער אַנדערער אַקציעס פֿערקויפֿען, דער דריטטער אַ ביבליאָטהעק העלפֿען גרינדען, דער פֿינפֿטער העברעאישע לאַקציאנען פֿארלעזען, דער זעקסטער—היסטאריא, דער זיעבענטער ארדנונג איינפֿיהרען א.ז.וו. א.ז.וו. פֿיר יעדען, אָהן אַ שום אויסנאהמע, איז דאָ אַרבייט גענוג! און יעדע אַרבייט איז וויכטיג! דער אמת׳ר פֿאלקס-פֿריינד וואָס וויל ווירקליך בריינגען נוצען אונזער אונגליקליך פֿאָלק וועט ניט זוכען אַזאַ אַרבייט כדי ״דיא וועלט זאָלל זיך דערפֿון דערוויססען״, ״דיא וועלט זאָלל זיך מיט איהם רעש׳ן״, דיא צייטונגען זאָללען איהם לויבען א.ז.וו. נור וועט ער אין דער שטיל זיין זאַך מעגליך גוט אויספֿיהרען. וואָס מעהר מיר וועללען האָבען אַזעלכע פֿאלקס פֿריינד וועט גיכער אונזער פֿאלק געהאלפֿען ווערען, וואָס מעהר טהעטיגע ציוניסטען מיר וועללען האָבען אַלע זיכערער וועללען מיר קעננען זאָגען אַז דער ציוניזמוס איז אויספֿיהרבאר. נאך אַ מאָל: אַללעס היינגט אב פֿון אונז אַלליין; פֿון אונזער פֿערשטעהען, טיעף בעגרייפֿען און פֿיהלען דעם ציוניזמוס; פֿון אונזער טהעטיגקייט.

11.

שלום-ווארט.

מיר דענקען אַז איבערלעזענדיג דיזעס ביכעל וועד דער לעזער זיך און יענעם קעננען געבען אַ דייטליכע תשובה אויף דער פֿראַגע "וואָס ווילל דיא ציוניסטען?", ער וועט אויך וויססען ניט נור וואָס זייא ווילען, נור אויך וואָס זייא זאָ ל ל ע ן וועללען, וואָס זייא טוהען און וואָס זייא זאָ ל ל ע ן טוהן.

מיר ווייסען אַז פֿיעלעס האָבען מיר ניט גענוג בעשפּראַכען ערשטענס, אויס אורזאַכען וועלכע הייגען ניט אב פֿון אונזער רצון און, צווייטענס, דערפֿאר ווייל אַ טהייל זאַכען מוססען זעלבסטשטענדיג בעאַרבייטעט ווערען.

נור זאָלל דער לעזער דאָס לעזען וואָס מיר גיבען איהם דאָ ד. ה. ניט נור דורכבלעטערן און אפשר מורמלען דאַבייא אַז עס געפֿעהלט איהם צי ניט. איך האָב דאָ אַזעלכע פֿראַגען ב ע ר י ה ר ט וועלכע פֿערדיענען אַז דער לעזער זאָלל זיך אויף זייא אבשטעללען.

איך האָב זיך ניט געסטאַרעט דיא חסרונות צו פֿערדעקקען וויא איך האָב אויך דיא מעלות ניט פֿערשוויעגען.

נור איינס טארען מיר ניט פֿערגעססען: צו אונטערשיידען פֿון דיא צ י ו נ י ס ט ע ן און צ י ו נ י ז מ ו ס. ווענן געוויסע ציוניסטען— מעגען זייא אויך זיין "פֿיהרער"—געפֿעללען אונז ניט דארפֿען מיר דערפֿון ניט שליעסען אויף'ן ציוניזמוס. דער ציוניזמוס אַלליין, דער געדאַנק, דאס אידעאַל, איז דער עיקר און ניט דיא טרעגער פֿון דיעזען געדאַנקען: דיא "ציוניסטען". אמת איז, אַז יעדעס אידעאַל קאַנן פֿערווירקליכט ווערען (אויב עס איז איבערהויפּט ערר‌ייכבאַר) נור דורך געוויסע מענשען און ווענן דיעזע מענשען שטויסען אונז אב ווערען מיר ניט-ווילל‌ענדיג אויך ערוויטערט פֿונם אידעאַל. דיא מענשען, דיא טרעגער, פֿון אַ געוויססען אידעאַל זעהען אויס וויא דיא פֿערקערפּערונג פֿונם אידעאַל און מיר שליעסען דארויס, אויס דיעזער פֿערקערפּערונג אויף'ן גייסט ד. ה. אויפֿ'ן אידעאַל. נור דאס איז

אָבער פֿאַלש! אין יעדער בעוועגונג, איבערהויפּט אין אַ פֿאָלקס-בעוועגונג מוססען זיין פֿערשיעדענע עלעמענטע און אונטער זיי אויך אָבשטויסענדע. און דאס טאַקי בעווייזט אייגענטליך אַז דיא בעטרעפֿענדע "בעוועגונג" איז אַ "פֿאָלקס-בעוועגונג" דענן אין יע-דען פֿאָלק זענען אַללערליי מענשען פֿאַרהאַנדען. מיר דאַרפֿען אַלזאָ ניט פֿערוואָרטהיילען אַ אידעאַל דערפֿאַר ווייל אַ טהייל "אַנהענ-גער" פֿון דיעזען אידעאַל געפֿאַללען אונז ניט. פֿערקעהרט! דיא בעס-סערע עלעמענטע דאַרפֿען צוטרעטען צו דער בעוועגונג, וועללען שוין דיא ערגערע מוססען אָבטרעטען.

צום בעדויערען אָבער זעהען מיר אַז פֿיעלע, זעהר פֿיעלע געג-נער פֿונם ציוניזמוס פֿערדאַממען דעם ציוניזמוס נור דערפֿאַר ווייל אַ טהייל ציוניסטען געפֿעללען זייא ניט! מיר ווילּלען האָפֿפֿען אַז אונזערע לעזער—אויב זייא זענען ניט ציוניסטען—וועללען פֿער-שטעהען דעם אונטערשיעד צו מאַכען פֿונם ציוניזמוס און דיא ציוניסטען.

פּרופֿט נאָך דעם ציוניזמוס, ווילּלט איהם פֿערשטע-העו, בעגרייפֿען זאָ וועט איהר געוויס צוטרעטען צו דיעזער בע-וועגונג, וועלכע איז דיא איינציגע געבליעבען וועלכע איז אימשטאַנד אונזער פֿאָלק אויפֿצולעבען, איהם נייע לעבען איינצוהויכען.

פּריפֿט דעם ציוניזמוס אָהן פֿאָר-אורטהיילע—איהר יונגע געזונדטע כחות פֿון אונזער פֿאָלק! איהר, וועלכע, איהר ווילּלט אַרבייטען לטובת עמנו, נור איהר האָט נאָך ניט געפֿונען אַ אָרט וואו אנצוווענדען אייערע כחות. זאָללט איהר אָבער שטעהען פֿון דער וויטען, "בעאָבאַכטען"—זאָ וועט איהר געוויס דין וחשבון אָב-געבען פֿאַר דער היסטאָריא. זאָלל דער ציוניזמוס ניט געלינגען זאָ וועט איהר שולדיג זיין. אייער געוויססען (סאָוועסט) וועט בע-לאַסטעט זיין מיט אַ שווערער זינד. היט אייך פֿאַר אייער געוויססענס-ביססע!

דיא ציוניסטען טוהען עפּעס, זייא טוהען אַזוי וויא זייא פֿער-שטעהען, זייא מאַכען געוויס פֿעהלער—און איהר, וואָס איהר רופֿט אייך, יודישע אינטעליגענץ, שטעהט פֿון דער וויטען און קריטיק-

קירט, און שימפּפט איבער דיא פעהלער! איהר בעאָבאַכטעט! בעאָבאַכטען, זיך נור צוקוקען וואָס יענער טוהט און אַלליין גאר ניט טוהן—דאס איז אַ פערברעכען. איהר בעגעהט אַ פער-ברעכען פאר׳ן פאלק! ווער האָט דאס רעכט אייביג צו פהילאָזאָפי-רען אויף יענעמס רעכענונג, נאכזוכען, נאכווייזען יענעמס פעהלער און דאַבייא לעגען דיא הענד אין דיא קעשענעס גאר ניט טוהנדיג?! ווייזט אַן דיא פעהלער—נור קוממט זייא אויס-בעססערן! קריטיקירט דיא בעוועגונג—אַ אמת׳ר קריטיק ברייגנט נור נוצען—נור קוממט און "בעוועגט" זיך מיט!

איהר, יודישע משכילים און אינטעליגענטען, וועלכע איהר בעטראכט אייך אַלס יודען—וועט געוויס געפינען אין ציוניזמוס דאס אידעאַל וועלכעס פעהלט אייך. קענט איהר עס אין דער איצטיגער בעוועגונג ניט געפינען—זאָ וועט איהר עס בע-שאפפען!

און צוטרעטען צום ציוניזמוס דארפט איהר ניט אויס "רחמנות" (וויא צ"ב דר. ש. בערפעלד און אַנדערע אייראפּעאישע יודען) נור אויס "עגאָאיזמוס"! אום אייער אייגענעם עגאָאיזמוס צו בעפריעדי-גען! דער עגאָאיזמוס, דאס זיך-אַלליין ליעב האָבען פארדערט אַ אי-דעאַל צו וועלכען מיר זאָללען זיך שטרעבען—אָהן אַ אידעאַל קענ-נען מיר ניט לעבען. וואס קאנן אונז דאס אַלטעגליכע לעבען, וויא רייך מיר זאָללען ניט זיין, וואָס קאנן עס אונז געבען ווענן מיר פער-מעגען ניט עפּעס העכערעס צו וועלכעס מיר שטרעבען זיך? מיר פיהלען אַ בעדירפניס נאך עפּעס העכערעס. האָבען מיר קיין אי-דעאַל פעהלט אונז תמיד עפּעס. מיר קעננען זיין דיא גרעסטע מאַ-טעריאַליסטען—און דאָך קעננען מיר ניט לעבען אָהן אַ אידעאַל. אין אמת׳ן האָבען דאָך דיא גרעסטע מאַטעריאַליסטען אַזאַ גרויסעס אידעאַל פאר זיך וועלכעס. . . ווער וויים—צי איז עס איבערהויפּט עררייכבאַר?— — —

איהר—"יודישע אינטעליגענץ"—ניט אבזאָגענדיג זיך פון דיא אַללגעמיין-מענשליכע אידעאַלען קענט געפינען אין ציוניזמוס אַזאַ מין אידעאַל וואו איהר קענט שוין מיטווירקען עס צו עררייכען, וועלכעס איהר וועט זעהען יעדעס מאָל אַלץ נעהענטער און נעהענ-טער.

און איז עס ניט אַ אידעאַל: דיא רעטונג פֿונם ודישען פֿאָלק, דיא רעטונג פֿון דעם שוואַכען פֿון פֿיעלע שטאַרקע?!

העלפֿענדיג דיעזעס אידעאַל צו עררייכען ווערען מיר בעסע-רע מענשען, ניצליכערע מיטגליעדער פֿון דער גאַנצער מענש-הייט.

דיא אַללגעמיין-מענשליכע אינטערעסען פֿאָרדערען כלל וכלל ניט פֿון אונזער אינטעליגענץ אויפֿאָפּפֿערען דיא ריין-יודישע אינ-טערעסען, צו בעגעהען אַ פֿערברעכען אַן זיין אייגענעם פֿאָלק. דיא "מענשהייט" קאַנן דאס ניט פֿערלאַנגען—וענן זיא וויל בלייבען "מענשהייט". עס איז געוויס אונ-מענשליך צו פֿערגעססען זיין פֿאָלק, זיך אַלליין.

געננוג, חלעבען, שוין פֿערזאָרגט דיא וועלט—שוין צייט זיך אַלליין פֿערזאָרגען. און זיך אַלליין פֿערזאָרגען קעננען מיר נור אין ציוניזמוס.

און מיט פינסקערן רוף איך אויס:

"אַצונד אָדער קיינמאָל ניט!—זאָלל זיין אונזער לאָזונג! וועה אונזערע נאכקאָממען, וועה אונז אַללע, ווענן מיר וועללען ניט אויס-ניצען דעם איצטיגען מאָמענט!"

"אַצונד אָדער קיינמאָל ניט!"

אַצונד, נור אַצונד.

ב י י ל אַ ג ע.

דער פֿיערטער ציוניסטישער קאנגרעס

אין לאנדאן.

(אַ קריטישער איבערבליק איבער דיא רעזולטאַטען פֿון פֿיערטען קאָנגרעס.)

אַ שרעקליך יאהר האָט דאס יודישע פֿאָלק איבערגעלעבט. אין פֿיעל שטעדט אין רוססלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך האָט מען יודען געשלאָגען, בערויבט אין מיטען העללען טאָג וויא אין דיא "גוטע אַלטע צייטען". דיא רומענישע יודען איבערלעבען אַצונד כמעט אַזאַ צייט וויא דיא שפּאַנישע יודען צוריק מיט איבער 400 יאהר. דאס פֿוליקייט און פֿינסטערניש א י ן דיא יודישע געמיינדען וואַקסט אָהן אַ אויפֿהער. יודען מסר'ן יודען. דיא יודישע אַרבייטער אין פּאַלעסטינאַ ווערען געצוואונגען נאך אַזוי פֿיעל יאהרען בלוט-אַרבייט צ ו ר י ק א י ן ג ל ו ת צו קוממען. דאס שענדליכסטע פֿון שענדליכען, דער עלילת-דם האָט אין "געבילדעטע" לענדער אַרויפֿגעשוואוממען וויא אין דיא פֿינסטערע צייטען פֿון מיטטעל-אַלטער. צווישען דיעזע אַללע און אַנדערע טרויעריגע ערשיינונגען פֿון יודישען לעבען געפֿינט זיך א י י ן שטראהל וועלכער איז בכח אונז צו ערווארמען, אונז ליכטיג צו מאכען. דאס איז דער צ י ו נ י ס ט ע ן-ק אָ נ ג ר ע ס.

נור. . . עס ווייזט אויס אַז דיא יודען אין גלות זענען ניט פֿעהיג אַ א י י ג ע נ ע ם ליכטיגען שטראַהל צו פֿערמאגען. נאך דיא דריי ערשטע קאָנגרעסען וועלכע האָבען בעדארפֿט דאס יודישע פֿאָלק, אָדער נור דיא ציוניסטען בעלעהרען, בעווייזען, ערקלערען דיא וויכטיגקייט פֿון אַ קאָנגרעס—נאך דיעזע קאָנגרעסען וועלכע זענען פֿיר זיך אויך ניט ליכטיג געווען—שטעהט דער פֿיערטער קאָנגרעס נאך ביעדעריגער.

שוידערהאפֿט, שרעקליך— — —אָבער דאָך אמת.

* *

*

דעם פֿיערטען ציוניסטען-קאָנגרעס קאָנן מען קורץ אַלס "בעל-בתישער" קאָנגרעס בעצייכענען. בעל-בתיש ד. ה. אָהן לעבען, אָהן טעמפּעראַמענט, קאַלט, אייז קאַלט, טויד. . .

דיא וויכטיגקייט און גרויסע בעדייטונג פֿון יעדעם ציוניסטען-קאָנגרעס בעשטעהט אין דעם וואָס ער אַלס העכסטע אינסטאַנץ אין דער ציוניסטישער בעוועגונג—בעזיצט דיא מאַכט די פֿעהלער אויס-צובעססערן און דעם פּלאַנן אויפֿשטעללען נאך וועלכען דיא ציוניס-טען דאַרפֿען ווייטער אַרבייטען. ער האָט צו בעפֿעסטיגען דיא אָר-גאַניזאַציאָן און פֿערשיעדענע פֿראַגען צו לעזען. נעבענביי דיענט ער אויך אַלס אַ אַגיטאַציאָנס-מיטטעל פֿיר דעם ציוניזמוס. דיא פֿעראיינען ווערען אויפֿגעלעבט. דיא וועלט-צייטונגען העלפֿען דורך זייערע בעריכטע דעם ציוניזמוס אין דער ווייטער וועלט בעקאַנט מאַכען. וויל מען אָבער זעהען דיא הויפּט-וויכטיגקייט פֿון קאָנג-רעס אין דעם וואָס ער דיענט אַלס אַ אַגיטאַציאָנס-מיטטעל אַזוי פֿערליערט ער כמעט זיין גאַנצען ווערטה. און דאס איז געוועזען מיט'ן פֿיערטען קאָנגרעס. מען האָט איהם איבערגעפֿיהרט נאך לאָנ-דאָן כדי ער זאָלל מעהר דער וועלט בעקאַנט ווערען. ווענן ער זאָלל געוועזען זיך אבגעבען וויא עס געהער צו זיין מיט דיא א י נ ע ר ל י-כ ע אַנגעלעגענהייטען אַזוי וואָלט עס שוין במילא דורך זיין עקסיס-טענץ אַלליין אויף דער וועלט בעקאַנט געוואָרען. דאס לעצטע איז אָבער דער פֿאַלל ניט געוועזען. מען האָט געהאַלטען שעהנע רע-דען און ד'ערמיט האָט מען געמיינט וועט דער ציוניסטען-קאָנגרעס זיין צוועק ערררייכען.

*   *
*

איך בעטראַכטע דעם פֿיערטען קאָנגרעס אַלס אַ ש ר י ט צ ו-ר י ק אין אונזער בעוועגונג. עס שווערט מיך דאס צו שרייבען נור דער אמת איז מיר טהייער. דיעזע שריפֿט איז פֿיר דאס פֿאָלק בע-שטימט און איך פֿיהל מיך ניט בערעכטיגט איהם דעם אמת ניט צו זאָגען. זאָלל נור דיעזער אמת אין אונזערע וואונדען טיעף איינגריי-פֿען, זאָלל נור אונזער שמערץ אונז ב ע וו א ו ס ט ווערען אַזוי זענען מיר האלב געהאָלפֿען.

איך האָב שוין געזאָגט אַז דער קאָנגרעס איז געווען אַ "בעל-בתישער". ניט נור דיא בעלי-בתים פֿון דער היים זענען אויפֿ'ן קנאָגרעס בעלי-בתים געבליבען נור אויך דיא יונגע, דיא לעבע-דיגע ציוניסטען-דעלעגאַטען זענען אויפ'ן קאָנגרעס בעלי-בתים געוואָרען. עס האָט כמעט יעדען בעהערשט דער איינציגער גע-דאַנק: "מיר דארפֿען זיך רוהיג אויפֿפֿיהרען כדי דער קאָנגרעסס זאָלל אויף יענעם גוט ווירקען". דיא אויביגע אונזערע קריינק, דיא פֿורכט פֿאר דעם "וואָס וועט יענער זאָגען" האָט כמעט יעדען דע-לעגאַטען בעהעררשט.

וואָס האָט אונז דער לעצטער קאָנגרעסס געגעבען? אויסער איין פונקט—גאר ניט. אמת, דיא רעדען פֿון נארדוי און מאַנדעל-שטאַמם זענען ניט נור שעהן נור אויך נייצליך—נור דיעזע רע-דען האָבען מיר געקענט אויסהערען אויף אַנדערע ערטער. ניט צו-ליעב "רעדען" דארף מען אַ קאָנגרעס צונויפֿרופֿען. ער—דער קאָנ-גרעס—קאָסט אונז צו פֿיעל געלד און מיהע אַז ער זאָלל אונז נור דיענען פֿיר רעדעס. דער פֿיערטער קאָנגרעס צייכענט זיך אוים מיט פֿיעל לאַנגע און צום טהייל שעהנע רעדעס, רעדעס וועלכע פֿער-בעהמען דיא גאַנצע צייט כמעט און לאָזען ניט איבער צייט גענוג פֿיר דיא פֿערהאנדלונגען איבער וויכטיגע זאַכען.

דער קאָנגרעס איז ניט בעשטאַנען אוים געהעריגע דעלעגאַטען. זויא ווייט דיא דעלעגאַטען זענען "געקליעבען" געווארען קאַנן מען זיך דערוויססען דערפֿון אַז דער בעקאַנטער דעמאָקראַטישער ציוניסט דר. בערנשטיין-כהן האָט דיא פֿעראיינע געראַטהען וועל-כע קעננען ניט שיקען אַלליין אַ דעלעגאַט זייערע מאַנדאַטען אי-בערצוגעבען דר. הערצעל! און ער—דר. הערצעל—זאָל דאס רעכט האָבען דיא מאַנדאַטען צו פֿערטהיילען וועמען איהם געפֿעהלט. מען דארף ערשט ניט זאָגען אַז אויף אַזאַ מין אַרט "אויסגעקליבענע" דעלעגאַטען מאכען זיך נור לעכערליך רופֿענדיג זיך "פֿאלקס-פֿערטרעטער".

דיא קאָנטראל-קאָמיסיאָן וועלכע האָט צו פּרופֿען דיא ריכטיג-קייט פֿון דיא מאַנדאַטען—האָט אַללע מאַנדאַטען אַלס ריכטיגע ער-קלערט. דאס איז אַ גרויסעס פֿערזעהען! אָדער אפשר איז דיא גאַנ-צע קאָנטראל-קאָמיססיאן נור אַ קינדער-שפּיעל?!

דיא "פעדערײשאן" פון אמעריקא האט זיך נאך מעהר ערלויבט: ניט נור זיא האט ג ע ג ע ן אונזערע סטאטוטען געהאנדעלט דערמיט וואס זיא האט אלליין איהרע דעלעגאטען בעשטימט און ניט געלאזט זיי וועהלען פון יעדע 100 שקל-צאהלער נור האט זיא נאך פערלאנגט אז דער קאנגרעס זאלל דיא אמת-געוועהלטע דעלעגאטען פון אמעריקא ניט אננעהמען! דער קאנגרעס האט אפילו דאס לעצטע ניט צוגעגעבען, ער האט אבער דאך ניט דעם מוטה געהאט אללע יענע "גרויסע" העררען וויא פראפ. גאטטהייל וכדומה וועלכע האבען זיך אלליין געמאכט פאר "פאלקספערטרעטער"—זיי אלס זאלכע נ י ט אנצונעהמען.

* * *

דיא קולטור-פראגע האט זעהר פיעל צייט וועקגענוממען. דיעזע פראגע איז דיא איינציגע וועלכע האט בעלעבט דיא בעלי-בתים פונם פיערטען קאנגרעס.

וויא מיר ווייסען שוין עקסעסטירט אין ציוניסטישען לאגער א "קולטור פראגע" ד. ה. דיא פראגע צי דארף דער קאנגרעס, אדער גאר צי דארפען דיא ציוניסטען זיך מיט קולטור-ארבייט אבגעבען, צי נײן. דיא רבנים און פרומע ציוניסטען אויס רוססלאנד על פי רוב האבען שטארק מורא פאר דער "קולטור". זייא זאגען אז אזוי וויא דיא פריהערע השכלה-פעריאדע האט געפיהרט צו דער אסימילאציאן אזוי וועט אויך זיין אצונד. דיא אנדערע, דיא "קולטוריסטען" שרייען געוואלד אז אהן קולטור קעננען זיי גאר ניט לעבען. עס פערשטעהט זיך אז דאס גאנצע איז ניט מעהר וויא א ווארטשפיעלעריי. אין ל ע ב ע ן, אין ווירקליכען פראקטישען לעבען עקסעסטירט כלל ניט דיעזע פראגע. ביז אצונד גרינדען דיא ציוניסטען מוסטער-חדרים, שולען, ביבליאטהעקען, לעזע-האללען, שבת-שוללען, אבענד-קורסען וכדומה אללעס דאס וואס העלפט דיא יודישע מאססע געבילדעטע "קולטורעללער" צו ווערען. דיעזע ארבייטען מאכען גראדע ד י א ציוניסטען וועלכע געפינען דאס פאר נעטהיג, וועלכע זעננען בכח דאס צו מאכען און פרעגען קיינמאל ניט צי ערלויבט דאס דער קאנגרעס צי נײן? אין "באזעלער פראגראם" אן וועלכע א ל ל ע פאליטישע ציוניסטען האלטען זיך איז אלס מ י טט ע ל צום עררייכען דאס ענד-ציעל פונם ציוניזמוס אנגעגעבען דאס

’’העבען פֿון בעוואוסט-זיין‘‘ אין יודישען פֿאָלק. עס איז קלאר אַז
צום ’’בעוואוסט-זיין‘‘ צו געלאַנגען זעננען אַללע יענע און אַנדערע
קולטור-מיטטעל פּשוט אונבעדינגט נעטהיג וויא עססען פֿאר דעם
הונגעריגען. אונזער פראָגראַם האָט אַלזאָ פֿון אנהייב אן דיא ’’קול-
טור-פֿראַגע‘‘ געלעזט ד. ה. זיא האָט זיא אין זיך אויפֿגענומען. צו
וועלכען צוועק יעדער קאָנגרעס מוסס אַצונד אויסהערען דיא רעדען
פֿון גאַסטער, סאָקאָלאָוו איבער ’’קולטור‘‘ וויים קיין מענש. דיא
גאַנצע קאָנגרעס-קולטור-דעבאַטע איז אַלזאָ נאך מיין מיינונג
ג ע נ צ ל י ך א י ב ר י ג. נור ווען אַזאַ מין פֿראַגע קומט דאָך פֿאר
אויפֿ'ן קאָנגרעס אַזוי פֿערדיענט זיא וועניגסטענס אַנשטענדיג גע-
לעזט צו ווערען. אויף דעם פֿיערטען קאָנגרעס האָט זיא געהאַט אַ
שענדליכען סוף.

אויפֿ'ן אָרט פֿון ’’קולטור‘‘ האָט מען גערעדט פֿון יודישער רע-
ליגיאָן וועלכע איז גענצליך אויסגעשלאָסען פֿון אונזער פראָגראַם.
דער סאפּאצקינער רב האָפֿט אַז ’’דיא קלוגע וועללען פֿרומע ווע-
רען‘‘. האָפֿפֿען נאַטירליך איז איהם ערלויבט. מעהר אָבער ניט.
אויפֿ'ן פֿיערטען קאָנגרעס זעננען געוועזען ניט וועניג וועלכע האָ-
בען חשק געהאַט דיעזע האָפֿנונג אין אַ ’’פֿאָרדערונג‘‘ צו פֿערוואַנ-
דעלן. עס פֿערשטעהט זיך אַז וויא באַלד אַזאַ פֿאָרדערונג זאָלל
אויפֿגעשטעלט ווערען אַזוי מוסען אַללע יונגע און איבערהויפּט בע-
סערע ציוניסטען תיכף פֿון דער גאַנצער בעוועגונג צוריקטרעטען.
אמת, מען דארף קעננען ברייננגען קרבנות פֿאר דער פֿאָלקס-זאַך.
עס איז אָבער פֿיעל לייכטער דאס ל ע ב ע ן צו אפּפֿערען אַלס דיא
איבערצייגונגען. דער וואָס אפּפֿערט זיינע איבערצייגונגען און
מיינט אַז דערמיט דיענט ער דער זאַך—איז אַ פּשוטע שמאטע. . .

דיא קולטור-פֿראַגע האָט זיך אויפֿ'ן קאָנגרעס אַזוי ווייט אויס-
געמישט מיט רעליגיאָן אַז עס איז געפֿעהרליך געוועזען ענד-גילטיג
ד. ה. פֿ י ר אָדער ג ע ג ע ן דער קולטור אבצושטימען. וואָס האָט מען
געטוהן? מיט 120 שטימען געגען 105 האָט מען בעשלאָססען אַז
מען זאָלל כלל ניט אבשטימען איבער דער קולטור-פֿראַגע. דאס איז
אַ מיאוס'ר פּאַטש אין פנים פֿאר דיא ’’קולטוריסטען‘‘. דער סוף פֿון
דיעזער אונגליקליכער דעבאַטע בעווייזט ערשטענס אַז זעהר פֿיעל
זעננען פּשוט געגען דער קולטור (און דאס זעננען ’’פֿאלקספֿערטרע-

טער"!), און צוויטענס אַז דיא קולטוריסטען אַלליין האָבען קיין שום מוטה געהאַט דיא זאַך ביז צו ענדע צו פיהרען טאַקי וויא אמת'ע. . . שול-בעלי-בתים.

באַלד האָט מען פערלאַנגט 2000 פראַנק פיר דיא שוללען אין יפו—אַללע זעננען נאַטירליך געוועזען "פיר" אויסער דיא רבנים! דיא רבנים האָבען ניט געוואָללט אַז דיא ציוניסטען זאָללען דיא שול-לען אין יפו שטיצען!

ווער זעננען דיעזע רבנים? דאס זעננען ניט גלאַט-אַזוי רבנים וועלכע האָבען זיך זייערע א י י ג ע נ ע מיינונגען—נור זעננען זייא אויפ'ן קאָנגרעס אַלס פאָלקס-פערטרעטער, אַלס "אויסגעקליבענע" פון אַ געוויסער צאהל שקל-צאהלער. און דיעזע "פאָלקס-פערטרע-טער" פערגעססען גאר אַז זייא מיט זייער האנדעלן אויפ'ן קאָנגרעס טרעטען מיט דיא פיס דעם וויללען פונם פאָלק וועלכעס זייא פער-טרעטען.

נור מיט דיא רבנים זעננען מיר שוין געוועהנט. מיר ווייסען שוין נאך פון דער חבת-ציון בעוועגונג אַז באַלד פערלאַנגען זייא פריווילעגיעס, באַלד וויללען זיי איבער אונז "הערשען". און אונזערע ציוניסטען שיקען אַזעלכע דעלעגירטע כדי אַ הכשר צו האָ-בען אויפ'ן ציוניזמוס!

*　　　*

*

וויא אַללע יאהר אַזוי אויך אַצונד האָט דאס אַקציאָנס-קאָמי-טעט אין זיין "רעכענשאפטס-בעריכט" אונז דערצעהלט נור דאס וואָס י ע נ ע האָבען געטוהן. פון א י י ג ע נ ע ר אַרבייט האָבען מיר גאר ניט געהערט. און מיר וועללען אַזוי לאַנג ניט הערען ביז עס וועט אונז ניט געלינגען אַ ב ע צ א ה ל ט ע ס אַקציאָנס-קאָמיטעט צו האָבען. עס איז ניט גענונג ווענן יעדער ציוניסט קאַנן זיך מיט'ן ציוניזמוס אבגעבען נור "צווישען טאָג און נאַכט" ווייל דיא איבריגע צייט מוסס ער פאַר זיך פערווענדען. ווענן אָבער דיא פ י ה ר ע ר פון דער בעוועגונג זעננען געצוואונגען זייער צייט צו פערווענדען פרנסה צו זוכען אַזוי קעננען מיר פון זיי ווייניג-וואָס ערוואַרטען. וועללען דיא פיהרער בעצאהלט ווערען אַזוי אַז דיא ג אַ נ צ ע צ י י ט

זייערע זאָלל אונז געהערען אַזוי וועללען מיר תמיד הערען אַ בע-ריכט פֿון ווירקליך געטוהענער אייגענער אַרבייט און ניט וויא ביז אַהער דאס הערען וואָס מיר וויסען שוין פֿון דיא צייטונגען.—

* *
*

אויבען האָב איך געזאָגט אַז "אויסער איין פונקט" האָט דער פיערטער קאָנגרעס אונז גאר ניט געגעבען. דיעזער פונקט איז דאס נייע אויפֿגעשטעלטע "געגענוואַרטס-פּראָגראַם" ד. א. אַזאַ מין פּראָגראַם וועלכעס פֿאָרדערט פֿון דיא ציוניסטען ניט נור זיך אָב-געבען מיט דער צוקונפֿט פֿונם יודישען פֿאָלק נור אויך מיט זיין געגענוואַרט. דאס פּראָגראַם איז אויפֿ'ן קאָנגרעס בעהאַנ-דעלט געוואָרען אונטער'ן נאָמען "ווירטהשאַפֿטליכע פֿראַגע".

עס וועט נאך ניט ווענינ צייט אַוועקגעהען ביז דיעזע "ווירטה-שאַפֿטליכע פֿראַגע" וועט ווירקליך אין לעבען געהעריג בעהאַנ-דעלט ווערען. יעדענפֿאַלס איז אָבער דאס אויפֿשטעללען פֿון דיעזער פֿראַגע דער ליכטיגסטער פונקט פֿונם גאַנצען קאָנגרעס. דערמיט האָבען דיא ציוניסטען בעוויעזען אַז זיי זענגען ניט פּוסטע בעלי-חלומות נור אַז זייא רעכענען מיט'ן לעבען. אין אמת'ן קאָנן דאָך דיא צוקונפֿט נור אויף אַ געזונדטע געגענוואַרט אויפֿגעבוים ווערען. דערמיט וואָס דיא ציוניסטען וועללען טראַכטען דיא יודישע לאַגע נאך מעגליכקייט שוין דא אין גלות צו פֿערבעססערן דערמיט מאַכען זייא דיא יודען פֿעהיג צום קאַמפּף פֿאַר זעלבסטשטענדיגקייט און פֿרייהייט.

* *
*

אָט דאָס איז דער סך-הכל פֿונם פיערטען קאָנגרעס. יעדער נייער קאָנגרעס דאַרף שטעהען העכער פֿון דיא פֿריהערע. ביים פיערטען קאָנגרעס זעהען מיר דאס פֿערקעהרטע. דיעזער שריט צוריק דאַרף אונז אָבער כלל ניט אבשרעקען. דאס קאָנן מען ביי יעדער גרויסער בעוועגונג בעמערקען. דאס זאָלל אונז אָבער נור לעהרנען אַז מיר קעננען נאך לאַנג ניט דיא הענד לעגען אין דיא קעשענעס נור מוססען מיר נאך מיט פיעל מעהר ענערגיע אַלס ביז אַהער אַרבייטען.

אונזער בעוועגונג וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג. דאס איז געוויס גוט. מיר דאַרפֿען אָבער אונזערע כחות אַזוי פֿערוועגדען אַז ד י א וואָס זענען ש ו י ן צוגעטרעטען זאָללען דעם ציוניזמוס גרינדליך פֿער־שטעהען. פֿיהלען אַלליין איז וועניג. וועט אונזער פֿאָלק ב ע ־ ו ו א ו ס ט ציוניסטיש זיין אַזוי קוממען מיר גיך און לייכטער צום ציעל.

”ציוניזמוס איז פֿאר דאס יודישע פֿאָלק וויא לעבען,“ זאָגט נ א ר ד ו י. וויללען מיר לעבען—זאָ מוססען מיר אַרבייטען. אַרביי־טען לטובת דעם פֿאָלק ד. ה. טאַקי פֿון אונזערט וועגען אַלליין.

י. ווארטסמאנן, באַזעל.

ע נ ד ע.

דער הויפּט אגענט אין ענגלאנד

פֿיר פֿערלאַג אחיאסף און תושיה,

איז **ר. מאזין**, בוכהענדלער,

אין לאנדאן,

בייא איהם איז איממער צו בעקומען אַללע מאָדערנע ספֿרים, וואָס איז ערשינען און ערשיינען בייא פֿערלאַג

אחיאסף און תושיה אין ווארשא.

אויך די וועלט בעריהמטע צייט שריפֿטען

„דער יוד,“ „הדור,“ „השלח,“ „עולם קטן“

אַלעס אויף די זעלבע פרייזעס לויט פֿערלאַגס קאַטאלאָג.

אויך קען מען ביי איהם אַבאָנירען „הצפֿרה,“ „המגיד,“ „המליץ,“ און די בלעטער פֿון א טאַגע בוך, די Welt און אַלע אַנדערע צייטונגען ענגלישע און אויסלענדישע, גידיינקט די אַדרעס

R. MAZIN, Bookseller, 100, OLD MONTAGUE STREET,

London, N.E., England.

אין העברעאיש.

—:—

	פרייז פ.	ש.
דברי ימי ישראל, גרעטץ, 8 כרכים קאָמפליט	—	50
למרנן ורבנן, נ. סאָקאָלאָוו	4	1
הדת והלאומית, מהרב ראַבינאָוויץ ...	6	1
נצח ישראל, 274 עמודים, וו. שור, טשיגאַגאָ ...	5	—
נצח ישראל משה ריינעס	4	1
מורה דרך, בא"י סוריא	—	2
דורש לציון, חיים קרעמער	6	1
שיבת ציון, סלוצקי ... ... —	6	1
שיבת ציון, גאָלדמאַן	6	1
אם אין אני לי מי לי, ציטראָן	8	—
דרך לעבלם גולים, לילענבלום ...	6	1
לארץ אביתינו, לעווינטאָן, משגיח בהבאנק ...	9	—
אהבת ציון, מאפו ...	10	—
עתידות ישראל, דיינאַרד	—	2
תקות ישראל, פרידשטיין	9	—
צבי לכל הארצות, שולמאַן	—	1
ספר דרשות ציון, פרידלענדער ...	6	1
על הציונות, אהרן בן נחמן מקשינוב ...	4	1
הגאולה אין עקבא דמשחא, קאַמנעצקי ...	9	—
בין אור לחושך	9	—
אהבה שאינה תלויה בדבר	9	—
אור חדש	—	1
כנור ציון, 118 שירי ציון	—	1
ציון למשורר קלויזנער	10	—
הקאָנגרעס הבאזעלי הראשון, בערקאָוויץ ...	5	—
על ציון ועל מקראיה, שפ"ר	5	—
רעיונות הקאָנגרעס השני, עהרענפרייז ..	5	—
הקאנגרעס השלישי, ראָזענפעלד	5	—
הקאָנגרעס הרביעי בלאָנדאָן, נחום סלוסץ ...	2	1
פרוטקול השלם של קאָנגרעס השני בבזול ...	3	1
הציונות בדברי ימי ישראל, בן אברהם ...	5	—

און נאָך פיעל אַנדערע.

א קורצער קאטאלאג פון ציוניסטישע ביכער.

	פרייז פ.	ש.
דיא אידישע פאָלקס געשיכטע, פון דר. גרעץ ...	—	8
דער יודענשטאַט, פון דר. הערצל ...	6	—
בעריכט פון אַלע 4 ציוניסטישע קאָנגרעסען ...	2	1
סטענאָגראַפישער בעריכט פון באַזעלער קאָנגרעס	6½	—
דיא יודישע באַנק...	2½	—
ציוניזמוס, קאַפיטאַליזמוס, סאָציאַליזמוס, פון מאַקס נאָרדוי	2	—
ציוניזמוס אָדער סאָציאַל דעמאָקראַטיע, דר. לאַנדוי	2	—
דער ציוניסט, געבונדען	—	2
אין וואָס ליגט אונזער הילף... ...	1½	—
פאַריזער יודישע אויסשטעלונג	1	—
דער אונשטערבליכער יודע	—	1
ציוניזמוס וואָרט און טהאַט	7½	—
ציוניזמוס, פון יבש"ה	7	—
אונזערע ציוניסטען, גראַנאָווסקי	6	—
ביז וואַנען וועלען זיין דיא יודען אין גלות ...	2½	—
געדאַנקען וועגען ציון	4	—
וועגן יודישע קאָלאָניסטען אין ארץ ישראל ...	5	—
וואָס מיר זיינען און וואָס וועט פון אונז ווערען ...	2½	—
וואו איז אונזער עולם	2½	—
אויף וואָס בעדאַרפען יודען אַ לאַנד... ...	2½	—
זכרון ציון	5	—
דער צווייטער חורבן	2½	—
רעדען פון דר. הערצל, מאַקס נאָרדוי און דר. גאַסטער	3	—
דיא ערשטע פראַקטישע הובבי ציון... ...	2½	—
דאָס הייליגע לאַנד	6	2
משיח'ס צייטען, 2 טהייל, אַ ציוניסטישער ראָמאַן ...	5	—
יודישע בלוט אויף א רפואה, 2 טהייל ...	5	—
דורך פאַלעסטינאַ, געאָגראַפיע	6	1
שלש סעודות צייט, 2 טהייל ...	5	—
פראָפעסאָר שאַפּירא איבער ציוניזם	2½	—
יודישע קינדער, 2 טהייל	5	—
ברידער ציוניסטען —	3	—
צו אונזערע שוועסטער אין ציון ...	3	—